IKOR YOR-BUKH 1936



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

איקאָר
גענעלשאַפט פאַר אידישער
קאָלאָניזאַציע
אין
סאָוועטן-פאַרבאַנד

איקאָר יאָר־בוך

1936

ארויסגעגעבן פון דעם
נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון איקאָר
ניו־יאָרק.

פרייז 35 סענט

איקאָר יאר-בוך

1936

רעדאקציע-
קאָלעגע:

ר. יוקלסאָן
פּ. נאָוויק
י. מ. בודיש
משה כץ
ש. אַלמאַזאָוו

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר — ש. אַלמאַזאָוו
טעכנישער רעדאַקטאָר — א. פּאָמעראַנץ

אַרויסגעגעבן פון דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון איקאָר

ניו-יאָרק.

אינהאַלט:

ש. אַלמאַזאָוו:
די אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע אין דריטן יאָר — 3

משה כץ:
אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — 8

אב. עפּשטיין:
עלף יאָר געשיכטע פון „איקאָר" — 13

א. קירזשניץ:
בירא־בידזשאַן אין 9טן יאָר — 17
די אידישע קאָלווירטן אין קרים — 22

פּ. נאָוויק:
דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע אין 1935 — 26

י. ב. ביילין:
ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָרגט פאַר זיינע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — 32

ש. דימאַנשטיין:
די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מאַכט און ה. מ. א. קאַלינין — 43

בירא־בידזשאַן — אַ אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע (דעקלאַראַציע פון פאַרטרעטער פון מאַסן־אָרגאַניזאַציעס) — 48

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט (לייט־אַרטיקל פון „איזוועסטיאַ") — 51

מאַפּע פון בירא־בידזשאַן — 52

אהרן קורץ:
דריי טייכן (פּאָעמע) — 53

מאַרטין בירנבוים:
בירא־בידזשאַן (פּאָעמע) — 54

בצלאל פרידמאַן:
איר ברודערס האָניק (שפּיל אין 2 בילדער) 55

וויליאַם אייבראַמס:
אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס (וועגן דער אידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע) — 62

ר. יוקלסאָן:
פּאַלעסטינע — די „נאַציאָנאַלע היים" — 73
ריזינע דערגרייכונגען פון די אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — 79
אידישע באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטעט פון אַמעריקע, אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער — 81
אידישע באַפעלקערונג אין פאַרשיידענע לענדער אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג — 82
סאָציאַלע סטאַטיסטיק — 83
וויכטיגע ווערטער און אָפּקירצונגען — 85
די וויכטיגסטע דאַטעס אין דער געשיכטע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — 88
25 יאָר אידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע (טאַבעלעס) — 95
וואָגן און מאָסן — 96

בילדער און אילוסטראַציעס.

באַגריסונגען און אַנאָנסן — 97—161
ענגלישע אָפּטיילונג — 1—23

בויט די פאָלקס־דעלעגאַציע קיין בירא־בידזשאַן

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York City
234

ש. אַלמאַזאָוו

די אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע אין דריטן יאָר

שוין אוועק די צייט, ווען מען האָט געדאַרפט באַשטרייטן די באַרימטע „אַרגומענטן" וועגן מאָסקיטעם אין בירא־בידזשאַן, וועגן דעם, אַז די אײַנוואַנדערער וועלן דאָרט פאַרפרוירן ווערן, וועגן דעם, אַז די סאָוועטן־רעגירונג מיינט גאָרניט ערנסט מיט דעם אויפבוי פון בירא־בידזשאַן און נאָך פון דעם זעלבן סאָרט. די שונאים וואַגן שוין מער ניט זיך מאַכן לעכערלעך מיט די אויבן־דערמאָנטע טענות. איצט פאָרט מען אַרויס אויף אַ ניי פערדל: בירא־בידזשאַן וועט ווערן אַ בופער־שטאַט צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און יאַפּאַן; די אידישע מאַסן, וואָס וועלן דאָרט זיין, וועלן זיך געפינען אין אַ שטענדיגער געפאַר; בירא־בידזשאַן האָט פאַר די אידן סיי־ווי קיין ווערט ניט, ווייל וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, וועלן שוין די אידן פון דעם אינגאַנצן האָבן, אַז זיי וועלן גאָר דאָרט קיין אידן ניט זיין!

נאָר פונקט ווי די לעכערלעכקייט פון דער ערשטער רייע אויסזעצונגען איז שנעל באַוויזן געוואָרן, אַזוי ווערט אויך איצט פון טאָג צו טאָג אַלץ קלאָרער די בייזוויליגקייט פון די נייע אַרגומענטן. די שונאים האָבן ניט אין זייער אַרסענאַל קיין ממשות'דיגע וואַפן געגן בירא־בידזשאַן. זייער ניי פערדל איז בלויז אַן אַלטע קליאַטשע, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פיס. לאָרד מאַרלי האָט אין זיין ביכל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר דעם „איקאָר", צוריקגעשליידערט די אינסינואַציעס, אַז בירא־בידזשאַן ווערט געבויט אַלס אַ בופער־שטאַט. ער באַווייזט מיט פאַקטן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך ניט גענויטיגט אין אַזאַ בופער־שטאַט און אַז אין פאַל פון אַ מלחמה מיט יאַפּאַן, וועלן די שלאַכטן פאָרקומען אין גאַנץ אַנדערע געגענטן.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די אידישע מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פילן זייער גרויסע דאַנקבאַרקייט פאַר דעם נייעם לעבן, וואָס זיי קאָנען פאַר זיך בויען. אין פאַל פון אַן אָנפאַל אויף דעם איינציגן לאַנד, וואו די אידן זיינען געוואָרן פולשטענדיג פריי און גלייך, וועלן זיי מיט זייער לעצטן טראָפּן בלוט קעמפן געגן די שונאים, וואָס וועלן וואַגן אָנרירן דאָס לאַנד פון פעלקער־גלייכהייט. צי די אידן געפינען זיך אין בירא־בידזשאַן, צי אין מינסק, אָדער בערדיטשעוו; צי אין כאַרקאָוו, אָדער אָדעס; צי אין מאָסקווע, אָדער אין לענינגראַד — פון אומעטום וועלן זיי זיך אַ לאָז טאָן אין דעם מעכטיגן שטראָם, וואָס וועט פאַראייניגן אַלע זין און טעכטער פון אַלע סאָוועטישע פעלקער אין אַ שטאָלענעם כח געגן יעדן אַריינדרינגער.

די אידן אין בירא־בידזשאַן לעבן ניט אין קיין שרעק און וועלן קיינמאָל פון קיין שרעק ניט וויסן, ווייל זיי זיינען אַ טייל פון דעם זעקסטל פון דער וועלט, וואו אַלע איינוואוינער זיינען פאַראייניגט אין איין ווילן אין איין ציל — בויען אין פרידן; אויף קיין שכן ניט אָנפאַלן; ביי קיינעם גאָרניט צונעמען.

די בויך־סברה, אַז אין בירא־בידזשאַן וועלן אידן פאַרלירן זייער נאַציאָנאַלן פנים, איז קינדיש לעכערלעך, ווען מען גיט אַ קוק אויף דעם ראַשיגן וואוקס פון די קולטור אינסטיטוציעס, וואָס די אידישע איינוואַנדערער בויען דאָרט פאַר זיך איצט. אויב אין די ערשטע אַכט יאָר פון פיינלעך שווערער פיאָנערישער אַרבעט האָבן די אידישע פיאָנערן באַוויזן גלייכצייטיג מיט דער בויאונג פון הייזער און וועגן, פון בריקן און פאַבריקן, בויען אויך שולן פאַר זייערע קינדער, קלובן, צייטונגען, טעאַטערס א. אַז. וו.; אויב אין אַ קורצער צייט פון אַכט יאָר האָבן די אומדערפאַרענע איינוואַנדערער, וואָס האָבן געדאַרפט אָנהויבן אַלץ פון סאַמע, סאַמע אָנהויב, באַוויזן צו שאַפן אַ נעץ פון קולטור אינסטיטוציעס, מיט וועלכע זיי מעגן שטאָלצירן, טאָ ווי קאָן מען גאָר צווייפלען אין די ריזיגע פערספּעקטיוון, וואָס עס עפענען זיך אויף אין דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע פאַר דעם, אַז דאָרט זאָל זיך צעבליען אַ רייכע אידישע קולטור — נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט.

שוין היינט צו טאָג ציט זיך קיין בירא־בידזשאַן אַ שטראָם פון גרויסע קאַדרען פון קולטור־טוער. גאַנצע גרופּן, וואָס גראַדואירן פון פאַרשיידענע טעכניקומס, פאָרן אַריבער אויף אַרבעט קיין בירא־בידזשאַן. די וויכטיגסטע סאָוועטישע אידישע צייטונגען האָבן אַריבערגעשיקט קיין בירא־בידזשאַן גאַנצע ברינגאַדעס פון זייערע מיטאַרבעטער. דער באַרימטער שרייבער דוד בערגעלסאָן האָט זיך באַזעצט אין בירא־בידזשאַן. דער אידישער מלוכה טעאַטער אין בירא־

בירא־בידזשאַן צעוואַקסט זיך אין אַ וויכטיגער אינסטיטוציע, וואָס באַדינט די גאַנצע טעריטאָריע. די גאַנצע אידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — און די ניט אידישע אויך — צאָלט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער אַנטוויקלונג פון בירא־בידזשאַן, זייענדיג גרייט מיטצוהעלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך דעם נייעם מיטגליד אין דער משפחה פון סאָוועטישע רעפּובליקן און טעריטאָריעס.

אויב איצט, ווען בירא־בידזשאַן איז ערשט אַלט אַכט יאָר, ווען די אידישע אויטאָנאָמיע איז ערשט אין איר דריטן יאָר, ווען דאָרט איז נאָך דערווייל דאָ אַ קליינע אידישע באַפעלקערונג פון בלויז 20,000, ווען אין אַט דער צייט איז שוין בירא־בידזשאַן ניט מער קיין אָפּגעשטאַנען ווינקל, וועגן וועלכן מען קאָן רעדן מיט בטול, ווען איצט פירן די אידישע איינוואַנדערער אין בירא־בידזשאַן אַ נאָרמאַל קולטורעל לעבן, וויפיל מער וועלן זיין די מעגלעכקייטן פאַר אַ פילזייטיג נייסטרייך קולטורעל לעבן, געבויט פון די אידישע מאַסן און פאַר די אידישע מאַסן, ווען אין בירא־בידזשאַן וועט אין דער נאָענטער צוקונפט זיין אַ אידישע באַפעלקערונג פון הונדערט טויזנט איינוואַנדערער, וואָס וועלן קומען פון אַלע עקן פון דעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון אַלע לענדער פון דער וועלט.

די נייע איינוואַנדערער וועלן מיט זיך ברענגען די שענסטע פּרוכט פון דעם קולטורעלן לעבן, וואָס די אידישע מאַסן בויען פאַר זיך אין אַלע טיילן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די אידישע מאַסן פון פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט וועלן מיט זיך ברענגען דאָס בעסטע פון דעם קולטור־אוצר, וואָס די האַרעפּאַשניקעס שמידן אויס אין פייער פון קאַמף פאַר זייערע רעכט, אין שלאַכטן מיט זייערע שונאים, אין קאַמף געגן פאַשיזם און שאָוויניזם, אין קאַמף פאַר אַ נייער וועלט.

עס וועלן זיך צוזאַמענקומען אידן פון אוקראַינע און אידן פון ווייסרוסלאַנד, אידן פון קאַווקאַז און אידן פון קרים, אידן פון קליינע שטעטלעך און אידן פון גרויסע שטעט. יעדער איינער וועט ברענגען זיין איינגאָרטיגן צוגאַנג צו זאַכן, זיין נייעם טאָן אין דעם ליד פון זיכערקייט און פרייד, מיט וועלכן עס אָטעמט דאָס געזאַנג פון אַלע סאָוועטישע האַרעפּאַשניקעס.

עס וועלן קומען אידן פון פּוילן און פון דייטשלאַנד, פון בראַזיל און אַרגענטינע, פון אַמעריקע און פּאַלעסטינע — אידן, וואָס האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציעס, פון פּאַרפּאָלגונגען און אויך פון פּאָגראָמען. זיי וועלן אַריינטראָגן זייער ליד און זייער קאַמפּס־רוף, זיי וועלן דערציילן וועגן יאָרן פון שרעק און ליידן, זיי וועלן אויסשרייען זייער פרייד מיט דעם נייעם לעבן פון זיכער־קייט און פעסטקייט, וואָס זיי וועלן דערזען אין בירא־בידזשאַן. אין דעם איבערשלוס מיט די נייע אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד וועלן די איבערוואַנדערער אין בירא־בידזשאַן לייגן דעם פונדאַמענט פאַר גרויסע אויפטואונגען און זיי וועלן אַרויסרופן אַזוי פיל שעפערישע כחות, וואָס די גרעסטע אָפּטימיסטן קאָנען גאָר איצט ניט פאָראויסזען.

אין דעם דריטן יאָר פון דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע איז דאָ אַ רעכט צו זאָגן, אַז דאָס וואָס בירא־בידזשאַן האָט באַוויזן צו דערגרייכן אין די ערשטע אַכט יאָר אַלס געביט פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע און אין די ערשטע צוויי יאָר אַלס אַ אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע, איז אַן אָנזאָג פאַר גאָר גרויסע דערגרייכונגען אין דער סאַמע נאָענטסטער צוקונפט.

בירא־בידזשאַן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דער סאָוועטן־מלוכה אַלס אַ געביט פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע אין מערץ 1928. לאָמיר זען וואָס איז פון דעמאָלט ביז איצט דערגרייכט געוואָרן:

ווי בירא־בידזשאַן איז געוואַקסן

אין 1928 איז בירא־בידזשאַן געווען זייער ווייניג אַנטוויקלט. אויף די ריזיגע שטרעקעס פון אָט דעם לאַנד ביי דעם טייך אַמור האָט געוואוינט אַ קליינע באַפעלקערונג פון 30,000 מענטשן (ווייניגער ווי איין מענטש אויף אַ קוואַדראַט מייל), צעוואָרפן אין קליינע דערפלעך צענדליגער מייל איינס פון צווייטן. מיט דער אויסנאַם פון דער טראַנס־סיבירישער באַן, וואָס שניידט דורך די טעריטאָריע, זיינען אין בירא־בידזשאַן ניט געווען קיינע וועגן. עס איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג, אַז אין דעם רעגן־סעזאָן זאָלן אַ סך ישובים אָפּגעשניטן ווערן פון דער וועלט אויף לאַנגע וואָכן.

די ערשטע אידישע איבערוואַנדערער זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ לאַנד, וואו מען האָט געדאַרפט אָנהויבן אויסקאָרטשעווען בוימער, גראָבן קאַנאַוועס, אויפהויבן רוי־ערד — אויסקעמפן ביי דער טייגאַ יעדן טראָט ערד. קיין הייזער זיינען ניט געווען אָנגעגרייט פון פריער; קיין פּי און קיין מאַשינען אויך ניט. מען האָט געוואוינט אין ביידלעך, מען האָט געליטן קעלט און מען איז צעווייקט געוואָרן פון רעגן. מען האָט געאַרבעט אויף אַ פּרימיטיוון שטייגער. ווער עס האָט זיך דערשראָקן פאַר די שוועריגקייטן איז אַנטלאָפן. די, וואָס זיינען געבליבן, קאָנען איצט דערציילן די געשיכטע פון זייערע פּיאָנערישע זיגן.

וואָס־זשע איז דערגרייכט געוואָרן אין בירא־בידזשאַן ביז היינט?

פריער פון אלץ דארף אַנגעוויזן ווערן דער וואוקס פון פּאַרזיי־שטח. פאַר די אידישע איבער־וואַנדערער און פאַר די אַנפירער מיט דער איבער־וואַנדערונג איז פון סאַמע אָנהויב קלאָר געוואָרן, אַז בירא־בידזשאַן מוז פאַר זיך שאַפן אַ זעלבסטשטענ־דיגע באַזע פאַר דערנערונג — בירא־בידזשאַן מוז וואָס שנעלער איבערגיין אויף איינגענע קעסט, אַזוי צו זאָגן. די ערשטע איבערוואַנדערער זיינען גע־קומען פון קליינע שטעטלעך, פון אוקראַינע און פון ווייס־רוסלאַנד. ערד־אַרבעט איז פאַר זיי געווען אַן אומבאַקאַנטע זאַך. די נעכטיגע קרעמער, שדכנים און לופט־מענטשן האָבן אליין ניט געגלויבט, אַז זיי וועלן דערגרייכן דאָס, וואָס זיי האָבן דער־גרייכט. די ציפערן, וואָס מיר ברייינגען דאָ, באַ־ווייזן, אַז די אידישע פּיאָנערן אין בירא־בידזשאַן האָבן באַרעכטיגט דעם צוטרוי פון דער סאָוועטן־מלוכה און איר צוזאַג, אַז ביי גינסטיגע באַדינגונ־גען וועלן אידן זיך ארויסווייזן פאַר פונקט אַזוינע גוטע ערד־אַרבעטער, ווי אַנדערע פעלקער.

וואוקס פון פּאַרזיי־שטח

דער פּאַרזיי־שטח אין בירא־בידזשאַן איז ביז 1928 געווען אַן אומבאַדייטנדיגער, נאָר זינט דע־מאָלט האָט ער אָנגעהויבן שנעל וואַקסן. דער וואוקס איז אָנגעגאַנגען ווי פאָלגט:

יאָר		פּאַרזיי־שטח
1928	— —	14,000 העקטאַר
1934	— —	23,000 "
1935	— —	38,000 "

אין 1932 האָט בירא־בידזשאַן פאַרמאָגט בלויז 4 איבערוואַנדערישע קאָלווירטן; אין 1935 האָט די צאָל קאָלווירטן שוין אַ שפּרונג געטאָן צו 15.

צוגלייך מיט דעם וואוקס פון דעם פּאַרזיי־שטח און מיט דער פאַרגרעסטער צאָל פון קאָלווירטן, איז אויך געוואַקסן די מעכאַניזירונג פון דער אַגריקולטור, ווי פאָלגט:

טראַקטאָרס: 1934 — 73; 1935 — 135

קאָמביינען: 1934 — 4; 1935 — 29

אויטאָמאָבילן: 1934 — 22; 1935 — 35

די צאָל מאַשין־טראַקטאָר סטאַנציעס איז גע־וואַקסן ווי פאָלגט:

אין 1934 — 3; אין 1935 — 5.

עס ווערן איצט אָרגאַנזירט נאָך 2 מאַשין־טראַק־טאָר סטאַנציעס.

אין די לעצטע צוויי יאָר זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן 12,700 העקטאַר לאַנד. עס זיינען אויסגע־קאָרטשעוועט געוואָרן בוימער אויף אַ שטח פון 665 העקטאַר און עס איז אויפגעאַקערט געוואָרן רוי־ערד אין די קאָלווירטן אויף אַ שטח פון 5,862 העקטאַר.

אַלע געדענקען נאָך וויפיל די שונאים האָבן באַ־ווייינט דעם גורל פון די אידישע איבערוואַנדערער אין בירא־בידזשאַן אין פאַרבינדונג מיט דעם מאַנגל אין פּי און מיט דעם מאַנגל אין פּיטער. די ציפערן וועגן דעם צושטאַנד אין פּיצוכט אין בירא־בידזשאַן באַווייזן אָבער, אַז אָט די קלאָג־מוטערס האָבן אומזיסט געקלאָגט. די צאָל פון גרויס האָרן־פּי אין בירא־ביד־זשאַן איז געוועזן ווי פאָלגט:

אין 1934 — 8,600; אין 1935 — 12,200

חזרים: אין 1934 — 8,500; אין 1935 — 16,000.

אויף דעם געביט פון אַגריקולטור האָט די אי־דישע אויטאָנאָמע געגנט איצט אַ פעסטע באַזע און זי האָט זיך שוין פאַרדינט אַ בכבוד'יגן פּלאַץ אין דעם גאַנצן ווייטן מזרח.

אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג

בירא־בידזשאַן איז פון סאַמע אָנהויב ניט גע־ווען באַשטימט צו פאַרבלייבן אַן אויסשליסלעך אַג־ריקולטורעל לאַנד. כדי דאָס יונגע לאַנד זאָל קאָנען אין אַ קורצער צייט אַריינגעמען אַ גרויסע באַפעלקע־רונג, איז נויטיג געווען צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַגריקולטור צוטרעטן צו דער בויאונג פון אינדוסטריען. אויך אין דעם געביט האָט מען גע־דאַרפט אָנהויבן שטעלן די ערשטע טריט. ניט עס זיינען דאָ געווען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע מען האָט געקאָנט פאַרגרעסערן, אדער בויען נייע לויט זייער מוסטער; ניט עס זיינען דאָ געווען מאַשינען און אינסטרומענטן; ניט עס זיינען דאָ גע־ווען דערפאַרענע פאַכלייט, וועלכע האָבן געקאָנט ווערן די אַנפירער און וועג־ווייזער. די נעכטיגע טרעגער, הענדלער, באַלעגאָלעס, זיינען געוואָרן די בויער פון געווערב ־ אַרטעלן, וואָס האָבן זיך גענומען פּראָדוצירן מעבל, וועגענער, ציגל, וואַפּנע, סמאָלע א. אז. וו. זיי האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זייערע אויפטואונגען, די ערשטע פּיאָנערן אין דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע. די אינדוסט־ריעלע קאָאָפּעראַציע האָט זיך אַ הויב געטאָן אין די ערשטע צוויי יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער אידי־שער אויטאָנאָמער טעריטאָריע אויף אַרום 300 פּראָ־צענט און האָט לעצטן יאָר דערגרייכט די סומע פון 12,000,000 רובל.

די ניי־פאַבריק האָט אין יאָר 1935 אויסגעפילט איר פּלאַן אויף 107 פּראָצענט און האָט ארויסגעלאָזט פּראָדוקציע אויף 1,260,000 רובל. דער וואַלד־כע־מישער פאַרבאַנד האָט אויסגעפילט אין דעם זעלבן יאָר זיין פּלאַן אויף 104 פּראָצענט און האָט ארויס־געלאָזט פּראָדוקציע אויף 5.4 מיליאָן רובל. די מעבל־פאַבריק אויפן נאָמען „דימיטראָוו" האָט אויסגעפילט

דעם פּלאַן אויף 100 פּראָצענט. דער אַרטעל „צווייטער פּינפּיאָר" — אויף 139 פּראָצענט. דער אַרטעל „סמאָ-לע-טרייבער" — אויף 103 פּראָצענט.

צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַגרי-קולטור און פון דער אינדוסטריע איז אויך געוואַקסן די האַנדלס-נעץ און דער האַנדלס-אומזאַץ. אין דעם ערשטן יאָר פון דער אידישער אויטאָנאָמער טערי-טאָריע האָט דער האַנדל דאָ באַטראָפן 17,000,000 רובל. אין ערשטן העלפט פון צווייטן יאָר האָט דער האַנדל-אומזאַץ שוין דערגרייכט 29,000,000 רובל.

קולטור-בויאונג אין ביראָ-בידזשאַן

דער וואוקס פון דער נעץ קולטור-אַנשטאַלטן אין ביראָ-בידזשאַן איז אַזאַ פענאָמענאַלער, אַז די בויער פון דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע מעגן מיט שטאָלץ אויף אים אָנווייזן ווי אויף איינער פון זייערע סאַמע שענסטע דערגרייכונגען. אין אָנהויב פון 1934 האָט ביראָ-בידזשאַן געציילט 76 אָנפאַנג- און מיטל-שולן; אין 1935 — 101 שולן.

לערער: אין 1934 — 370; אין 1935 — 450.
טעכניקומס אין 1934 — 2; אין 1935 — 4.
שילער: אין 1934 — 10,000; אין 1935 — 12,500.

אין זיין פּאָרטראָג ביי דעם פּלענום פון „געזערד" אין פעברואר 1936 זאָגט ב. אי. טראָצקי, דער וויצע-פּאָרזיצער פון „קאָמזעט", פּאָלגנדיגעס:

„די טעמפּן פון דער קולטור-בויאונג אין דער געגנט איז צו זען פונם שנעל-וואַקסנדיגן בודזשעט פאַר פאָלקס-בילדונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון 1.2 מיליאָן רובל אין 1933 יאָר ביז 2.4 מיליאָן רובל אין 1934 יאָר און ביז 5.2 מיליאָן רובל אין 1935 יאָר.

„אַלס אַ באַזונדערן פאַרדינסט דאַרף מען פאַרצייכענען די אַרבעט פון די געגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס איינצופירן די אידישע שפּראַך. „ביז נאָר וויכטיגע פּראָצעסן קומען דאָ פאָר — זאָגט דער סעקרעטאַר פונם געגנטקאָם אַלקפּ (ב) חבר כאַווקין — אין זין פון אַנטוויקלען די אידישע שפּראַך און קולטור. מיר האָבן אַריבערגעפירט אויף דער אידישער שפּראַך די אַרבעט פונם ביראָ-בידזשאַנער שטאָטראָט, עס גייען אַריבער אויך אַרבעטן אויף אידיש אַלע אידישע דאָרפראַטן, די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן, די קוסטאַר-געווערבישע קאָאָפּעראַציע. אין דער אידישער געגנט ווערט געשאַפן אַ סאָוועטישע מלוכהשע אידישע שפּראַך, וואָס כאַפּט אַרום אַלע געביטן פון מלוכהשער ווירטשאַפטלעכער און קול-טור-בויאונג".

„אַט וויפל ס'איז אויפגעטאָן געוואָרן אין געביט פון בילדונג".

אַנדערע דערגרייכונגען

ביראָ-בידזשאַן ווערט שנעל עלעקטריפיצירט און עס וואַקסט אויך שנעל די טעלעפאָן-נעץ. אַלע מאַ-שין-טראַקטאָר סטאַנציעס, ראַטווירטן און אַ גאַנצע רייע דאָרף-ראַטן זיינען שוין איינגעשלאָסן אין דער טעלעפאָן-נעץ. אויסער דער צענטראַלער טעלעפאָן-סטאַנציע אין דער שטאָט ביראָ-בידזשאַן זיינען אויס-געבויט געוואָרן נייע שטאָטישע טעלעפאָן-סטאַנציעס אין די ראַיאָנען צענטרען — אין בירע, סמידאָוויטש, אַמורזעט, בלוכעראָווא און וואָלאָטשייעווקע. עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן 8 נייע ראַדיאָ-פּונקטן. עס איז געעפנט געוואָרן די אייזנבאַן-ליניע — ביראָ-בידזשאַן בלוכעראָווא — ד. ה. די ליניע, וואָס פאַראייניגט די טראַנס-סיבירישע אייזנבאַן מיט דעם ברעג פון אַמור. עס איז פאַרענדיגט געוואָרן אַ גוטער שאָסיי צו דער קוראָרט קולדור. עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ בריק איבער דער בירא. עס איז אויסגעבויט גע-וואָרן אַ גאַנצע רייע אַנדערע וועגן. ביראָ-בידזשאַן איז איצט באַזאָרגט מיט אַ רעגולערן לופט-פאַרקער. 3 עראָפּלאַנען באַדינען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט.

די אַלע דערגרייכונגען זיינען מעגלעך געוואָרן סיי דורך דעם, וואָס עס וואַקסט אַלץ מער די באַפעלקערונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, — וואָס עס מיינט, אַז עס קומען צו אַלץ נייע און נייע האָרעפּאַש-ניקעס אויף דורכצופירן די גרויסע בוי-אַרבעט, וואָס די געגנט האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט, — סיי דורך דעם, וואָס די מלוכה לייגט אַריין אַלץ גרעסערע און גרעסערע סומען אין די בויאונגען אין ביראָ-בידזשאַן.

דער גאַנג פון דער איינוואַנדערונג קיין ביראָ-ביד-זשאַן ווייזט, אַז פון יאָר צו יאָר ווערט גרעסער די צאָל פון די, וואָס ווילן זיך באַזעצן אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. די איינוואַנדערונג קיין ביראָ-בידזשאַן איז ביז איצט אָנגעגאַנגען ווי פּאָלגט:

1928	850
1929	1420
1930	1186
1931	3230
1932	8234
1933	3130
1934	5267
1935	8000

לויט דעם פּלאַן פון „קאָמזעט" וועלן הײַ-יאָר באַזעצט ווערן אין ביראָ-בידזשאַן 10,000 איינוואַנ-דערער.

אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון ביראָ-ביד-זשאַן איז געווען גאַנץ ראַשיג האָבן שוין געוויזן די פריער-געבראַכטע ציפערן. דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ביראָ-בידזשאַן וועט דערגרייכן אין די נאָענטסטע פּאָר יאָר. עס איז גענוג זיך אָפּשטעלן און מאַכן אַ פאַרגלייך פון די סומען, וואָס די מלוכה האָט אַסיגנירט פאַר ביראָ-בידזשאַן אין 1935, און די סומען, וואָס זיינען אַסיגנירט פאַר 1936, כדי צו זען, וואָס פאַר אַ מעג-לעכקייטן עס ווערן געשאַפן פאַר דער ריזיגער אַנט-וויקלונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע.

מיר ווילן אַרויסנעמען עטלעכע ציפערן פון דעם פריער־דערמאָנטן פאָרטראָג פון ב. אי. טראָצקי:

אסיגנירט	1936		1935		פּרצ. פאַרגרעסערונג
פאַר אינדוסטריען	38.5	מיליאָן ר.	12,6	מיליאָן ר.	193
פאַר לאַנדווירטשאַפט	16.3	"	7.7	"	238
פאַר טראַנספּאָרט	4.5	"	2.4	"	204
פאַר קאָמונאַלער בויאונג	5.1	"	2.9	"	171

מיר האָבן דאָ געבראַכט בלויז אַ טייל פון די אַסיגנירונגען, נאָר פון די געבראַכטע ציפערן איז שוין קלאָר ווי אַזוי עס ווערט פאַרגרעסערט דער פאַרנעם אין אַלע בוי־אַרבעטן אין בירא־בידזשאַן. לויט דעם באַשלוס פון דער סאָוועטן־מלוכה, אָנגענומען דעם 26טן אַפּריל 1936, ווילן די אַלגעמיינע אינוועסטירונגען אין בירא־בידזשאַן באַטרעפן די סומע פון 76,000,000 רובל. פון דער סומע וועט אויסגעגעבן ווערן 2,000,000 רובל אויף דער ניי־פאַבריק, 000,-2,700 רובל אויף דעם קאַלך־זאַוואָד, 1,000,000 רובל אויף אַ מעכאַניזירטן ציגלזאַוואָד מיט אַ פּראָדוקציע פון 6,000,000 ציגל אַ יאָר, 600.000 רובל אויף אַ געגנטלעכער דרוקעריי, 950,000 רובל אויף אַ צווייטער 10־יאָריגער שול אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן מיט 880 פּלעצער, 350,000 רובל אויף אַ צענטראַלער ביבליאָטעק, אַ 1,000,000 רובל אויף אַ שפּיטאָל מיט 110 בעטלעך, 800,000 רובל אויף דער געביידע פון מעדיצינישן טעכניקום, 780,000 רובל אויף די בויאונגען אין קוראָרט קולדור, 250,000 רובל אויף אַ פּאַפּיר־זאַוואָד און נאָך און נאָך.

ריידנדיג וועגן די גרויסע פּערספּעקטיוון פון די בוי־אַרבעטן, וואָס דאַרפן הײַ־יאָר דורכגעפירט ווערן אין בירא־בידזשאַן, זאָגט ב. אי. טראָצקי אין זיין פריער־דערמאָנטן פאָרטראָג, אַז עס איז באַשלאָסן געוואָרן: „אַ ראַדיקאַלע פאַרשטאַרקונג פון אַלע בוי־אָרגאַניזאַציעס אין דער געגנט מיט טראַנספּאָרט, מיט מעכאַניזמען, מיט טראַקטאָרס, אויטאָמאָבילן, מיט באַוועגלעכע זעג־מילראַמען, שינדל־שניידערס א. אז. וו.

„די דאָזיגע מער פולע באַזאָרגונג פון די בוי־קאַנטאָרן מיט אומזאַץ־מיטלען און מיט בוי־מעכאַניזמען איז צו זען פון דער פאַרגלייכונג פון די פאָלגנדיגע ציפערן:

	1935	1936
אַלגעמיינע בויאונג	18 מיליאָן ר.	42.5 מיליאָן רובל
בוי ארבעטער	2,8	3,5
זעג מיל ראַמען	4	18
אויטאָמאָבילן אויף דער בויאונג	14	40
טראַקטאָרס	10	28
פערד	163	498

חבר טראָצקי גיט צו צו אָט די ציפערן פון וואוקס די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„רייך און פאַרשיידנאַרטיק איז דער פאָלקווירטשאַפטלעכער פּלאַן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט אויפן יאָר 1936. אויסערגעוויינלעך רייך און אינהאַלטספול איז די פּראָגראַם פונם סטאַכאַנאָווישן יאָר פון דער געגנט. דאָס אויספילן זי וועט באַזאָרגן די נייע איבערוואַנדערער מיט אַרבעט און וואוינונג, זי גיט אַ רייכע פּערספּעקטיוו פאַר אויפנעמען אין די ווייטערדיגע יאָרן, סיי אין דער אינדוסטריע און סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט נאָך אַ גרעסערע צאָל איבערוואַנדערער, זי זיכערט אַ ווייטערדיגן שנעלן וואוקס פון דער אידישער קולטור׳ אַ נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם און אַ סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט, זי זיכערט דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט אַ בכבוד׳יגן אָרט צווישן די אַנדערע געגנטן פונם ווייטן מזרח, וועלכער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אומצוטריטלעכער פעסטונג פון סאָציאַליזם אויפן מזרח”.

אָט אַזאַ איז זי, די אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע—אַ לאַנד אין רעשטאָוואַניעס, אַ לאַנד פון אימפּעטיגן וואוקס, אַ לאַנד פון פּיאָנערישע דערגרייכונגען, אַ לאַנד, וואו דער נעכטיגער מנחם־מענדל און לופט־מענטש בויט היינט אויף אַ פעסטן באָדן אַ ניי, געזונט, געזיכערט לעבן.

אין דריטן יאָר פון דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע איז קלאָר, אַז דער בירא־בידזשאַן בוי איז אַ קאַפּיטל, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון קיין פאָלק און קיין לאַנד אין דער וועלט. בלויז אַ סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געקאָנט אָט דאָס קאַפּיטל מעגלעך מאַכן.

זאָלן זיי נאָך דראַפּן זיך אויף די גלייכע ווענט די שונאים פון בירא־בידזשאַן און פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זאָלן זיך נאָך מאַכן בלינד די, וואָס ווילן ניט זען. די דערגרייכונגען פון בירא־בידזשאַן זיינען אַזוי סאָליד און די פּערספּעקטיוון אַזוי העל,אַז אַלע פריינט מעגן פעסט און זיכער זאָגן: יאָ, אין פערטן יאָר פון פאַשיזם איז שוין די אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע אין איר דריטן יאָר. אין דער צייט, ווען מען מאַכט פּאָגראָמען אויף אידן אין פּוילן און אין רומעניע, ווען דער אַנטיסעמיטיזם ווייזט זיינע בלוטיגע ציין אומעטום — איז דער איד דער בויער פון אַ ניי לעבן אין זיין אייגענער טעריטאָריע. און ווען דער פאַשיזם וועט שוין זיין אַ זאַך פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען עס וועט שוין אָפּגעמעקט ווערן דער שטויב פון די היטלערס און שטרייכערס, פון די קוזיסטן און פון אַנדערע שוואַרציאָריסטן, וועט לעבן און עס וועט בליען די אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע אַלס אַ טייל פון דעם גרויסן און מעכטיגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון זיין גליקלעכער משפחה פון אויסגעגלייכטע, באַפרייטע און פאַרברידערטע פעלקער.

משה כץ

אידישע קולטור אין סאוועטן־פארבאנד

(איר איצטיקער צושטאנד, איר אנטוויקלונג און איר צוקונפט)

אויב מיר ווילן פארשטיין דעם איצטיקן צושטאנד און די צוקונפט פון דער אידישער קולטור אין סאוועטן־פארבאנד מוזן מיר זיך פריער פאר אלץ אפגעבן א חשבון אין דעם, ווי די אידישע קולטור — ארער דאס, וואס מ'האט דעמלט אנגענומען פאר אידישער קולטור,—האט אויסגעזען אין צארישן רוסלאנד, פאר דער אקטאבער־רעוואלוציע.

אויף דער טעריטאריע פון צארישן רוסלאנד, וואס געהערט איצט צום סאוועטן־פארבאנד, האבן זיך געפונען ארום 3½ מיליאן אידן, וואס האבן געהאט 400 טויזנט קינדער פון שול־עלטער. און פאר אט דידאזיקע קינדער זיינען אין צארישן רוסלאנד געווען בלויז 429 אידישן שולן, אין וועלכע עס האבן זיך געלערנט 30 טויזנט קינדער, 7½ פראצענט פון אלע אידישע קינדער.

פון דידאזיקע 429 שולן זיינען 218 געווען פריוואטע, די איבעריקע האבן עקזיסטירט אויפן חשבון פון פריוואטע נדבות, פון אידישע צדקה־געזעלשאפטן, און פון אפצאל אויף ליכט און אויף כשרע פלייש.

דער גרעסטער טייל פון אט די „אידישע" שולן זיינען געווען רוסישע, אלע למודים אין זיי זיינען געווען אין דער רוסישער שפראך, און דער איינציקער מין אידישקייט אין זיי איז געווען די ביבל, ווײַל מע פלעגט איבערזעצן אויף רוסיש. דער קלענערער טייל פון אט די 429 שולן איז באשטאנען פון תלמוד־תורות, — איינצלנע פארגרעסערטע חדרים פאר קינדער פון דער אידישער ארימקייט, וואו מ'האט אהיין דימיש מיט רשי געלערנט אויך אביסל רוסיש.

אויסער דידאזיקע „אידישע שולן" זיינען אין רוסלאנד געווען א היפשע צאל חדרים און איניקע ישיבות. די חדרים און ישיבות זיינען געווען ריינרעליגיעזע שולן, זעלטן אין וועלכער פון זיי מ'האט די קינדער געלערנט אפילו לייענען און שרייבן אידיש; וועגן מאדערנע למודים, ווי מאטעמאטיק, פיזיק, כעמיע, געאגראפיע, געשיכטע א. א. וו. איז שוין אפגערעדט. די ווײַטערדיקע אומוויסנדיקע מלמדים האבן אפילו ניט געוואוסט, אז אזא זאך איז פאראן אויף דער וועלט. אידישע קינדער פלעגן זיך אפלערנען צו עטלעכע יאר אין חדר און די גאנצע תורה, וואס ס'רוב פון זיי פלעגן פון דארטן ארויסטראגן איז געווען דאס קאנען איבערלייענען די תפילות אין סדור (ניט פארשטייענדיק זיי), דאס קענען זאגן קדיש, און זעלטענער, די באקאנטשאפט מיטן חומש און מיט דער גמרא. א סך פון די, וואס האבן געלערנט אין חדרים פלעגן פון זייער גאנצן „שטודיום" אפילו ניט ארויסטראגן די קענטעניש איבערצולייענען א אידישע צייטונג, ארער אנצושרייבן א אידישן בריוול.

ס'איז איבעריק צו זאגן, אז אט די גאנצע אזוי גערופענע „אידישע שול־סיסטעם" אין די צארישע צייטן איז אויסגעהאלטן געווארן אויסשליסלעך אויפן חשבון פון דער אידישער באפעלקערונג, סיי פון געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס און סיי, נאך אפטער, פון פריוואטן שכר למוד. פון דעם אלגעמיינעם רעגירונג־בודזשעט, וועלכער איז צוזאמענגעשטעלט געווארן פון שטייערן, וואס די אידישע שטאטישע באפעלקערונג האט געצאלט אין א גרעסערן פראצענט, ווי די קריסטליכע, דארפישע, איז אויף דער אידישער שול־סיסטעם ניט אויסגעגעבן געווארן קיין איין גראשן.

וואס איז שייך דער אלגעמיין־מלוכהשער שול־סיסטעם איז דער צוטריט צו איר פאר די אידישע קינדער געווען אומגעהויער פארשוועריקט. א גרויסער טייל פון דער נידעריקער שול־נעץ אין רוסלאנד איז באשטאנען פון קירכן־שולן (צערקאוונא־פריכאדסקיע), אין וועלכע אידישע קינדער האבן ניט געהאט קיין צוטריט. אין די אזוי גערופענע שטאטישע שולן, וואס זיינען אפט אויסגעהאלטן געווארן ס'רוב פון שטייערן אויף דער אידישער שטאטישער באפעלקערונג, פלעגט מען צונעמען אידישע קינדער נאר ווען אלע קריסטלעכע קאנדידאטן זיינען שוין אנגענומען געווארן און ס'איז נאך פארבליבן פרייע פלעצער, — וואס דאס פלעגט פאסירן זייער זעלטן. אין די רוסישע גימנאזיעס האט פאר אידישע קינדער עקזיסטירט א פראצענט־נארמע: מע פלעגט אריינגעמען בלויז פון 3 ביז 5 פראצענט אידישע קינדער אין פארגלייך מיט דער אלגעמיינער צאל אנגענומענע שילער. אין

די אוניווערזיטעטן האָט געהערשט דיזעלביקע פּראָ־צענט־נאָרמע, — און אחוץ דער אָפּיציעלער נאָרמע האָבן נאָך עקזיסטירט ספּעציעלע דיסקרימינאַציעס, וואָס האָבן ניט דערלאָזן די אידישע סטודענטן אויס־צונוצן אפילו די „געזעצלעכע" נאָרמע. אין די „פּריוואַטע" גימנאַזיעס און קאָמערץ־שולן פלעגט מען אויפנעמען קינדער פון אידישע עלטערן נאָר דעמלט, ווען זיי האָבן זיך אונטערגענומען גלייכצייטיק אויס־צוהאַלטן אויך א קריסטלעכן שילער.

אין אַלגעמיינעם סך הכל האָבן די אידישע קינדער אין צאַרישן רוסלאַנד געהאַט זייער א קנאַפּן צוטריט צו א וועלכער עס איז פאָרם פון שול־בילדונג, און די שול־בילדונג, וועלכע זיי האָבן שוין יאָ געקאָנט באַקומען, איז באַשטאַנען פון צוויי מינים: רוסישע (אָפט געפירט אין א שאַרף־אַנטיסעמיטישן גייסט), אָדער העברייאיש־רעליגיעזע. די העברייאיש־רעליגיעזע דערציאונג האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות צו די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן און אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג, זי האָט געשלעפּט די אידישע מאַסן צום פאַרגאַנגענעם מיטלאַלטער און איז אַליין געווען אַן אויסדרוק פון די מיטלאַלטערלעכע קייטן, אונטער וועלכע די אידישע באַפעלקערונג האָט געליטן אין צאַרישן רוסלאַנד.

וואָס איז שייך דער רוסישער דערציאונג, פון וועלכער ס'האָבן ס'רוב געגאָסן די קינדער פון דער אידישער בורזשואַזיע, איז איר אָפּענער צוועק סיי אין די אויגן פון דער רעגירונג, סיי אין די אויגן פון די עלטערן געווען צו רוסיפיצירן די אידישע יוגנט, אָפּרייסן זי פון דער אידישער שפּראַך און פון אידישן לעבן און מאַכן זי פאַר אַן אינסטרומענט פון דער רוסיפיקאַטאָרישער, אַסימיליאַטאָרישער פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג בנוגע די אידן, און די אונטערדריקטע פעלקער, ווי אוקראַאינער, פּאָליאַקן, ווייסרוסן, ליטווינער, צווישן וועלכע די אידן האָבן געלעבט.

אינטערעסאַנט איז, אז א מאָדערנע שול אין דער אידישער שפּראַך, אין וועלכער מ'האָט געלערנט מאָדערנע שול־למודים האָט אויך עקזיסטירט אין צאַרישן רוסלאַנד, אבער בלויז אין... איין איינציקן עקזעמפּליאַר, דאָס איז געווען די באַרימטע „דעמיעווקער שול", ביי קיעוו, וואָס האָט עקזיסטירט אומלעגאַל, בלויז מיט דער הילף פון כאַבאַר פאַר דער פּאָליציי, און איז אָנגעפירט געוואָרן פון א גרופּע אידעאַליסטן, — קליינבירגערלעך־סאָציאַליסטישע אידישיסטן.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז ביי אַזא צושטאַנד פון דער „אידישער שול־סיסטעם", האָט שוין ניט געקאָנט זיין קיין רייד ניט וועגן קיין פאַרשול־סיסטעם פון אידישע קינדער־שפּילפּלעצער און קינדער־גאָרטנס און ניט וועגן קיין הויכ־שולן. די זייער קליינע צאָל אידישע ביבליאָטעקן (ס'רוב מיט רוסישע ביכער), וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין רוסלאַנד האָט עקזיסטירט האַלב־לעגאַל, אָדער אינגאַנצן אומלעגאַל. דער אידישער טעאַטער האָט זיך געמאַטערט אויפן טויט אין דער פאָרם פון האַלב־לעגאַלע „אידיש־דייטשע" טרופּעס, וואָס האָבן געמוזט באַנוצן ביים שפּילן א צעקוידערטן „דייטשן" לשון. אידישע פאַרלאַגן זיינען געווען ווייניק און אָרעם און דער גרעסטער טייל פון דער אידישער קולטור האָט זיך אויסגעדריקט אין דער גערעדטער—אבער ניט־געלערנטער! — אידישער שפּראַך, וועלכע פלעגט אָפּיציעל פון דער רעגירונג און פון דער אידישער אינטעליגענץ באַצייכנט ווערן אלס „זשאַרגאָן".

* * *

ווי מיר זעען איז די ירושה פון אידישער קולטור און פון אידישע קולטור־אַנשטאַלטן, וואָס די סאָוועטישע רעוואָלוציע האָט איבערגענומען געווען זייער ניט קיין גרויסע. מע קאָן זאָגן — א נישטיקע. מע קאָן זאָגן אפילו: א שעדלעכע ירושה, וואָס איז באַשטאַנען פון שעדלעכע געוווינהייטן פון די אידישע מאַסן, וואָס האָבן זיך ניט אויסגעלערנט פריער צו באַציען מיט אכטונג צו זיך אַליין, צו זייער שפּראַך און צו זייער קולטור.

די אידישע רעוואָלוציאָנערע טוער, ספּעציעל די קאָמוניסטן, האָבן זיך אבער פאַר אָט דער אָרימער און נעגאַטיווער ירושה ניט דערשראָקן. זיי האָבן תיקף פון די ערשטע טעג אָן און ביי די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען אָנגעהויבן אָנווענדן בנוגע דער אידישער באַפעלקערונג די סאָוועטישע דעקרעטן וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די פעלקער, פון זייערע שפּראַכן און קולטורן. שוין אין 1918 איז אין מאָסקווע געגרינדעט געוואָרן ביים אידישן קאָמיסאַריאַט דער ערשטער אידישער מלוכה־פאַרלאַג און ס'האָבן זיך אין די אידישע שטעט און שטעטלעך גענומען גרינדן אידישע קינדער־שולן. און אין 1924, אין א פּאָר יאָר אַרום נאָכן בירגער־קריג זעען מיר שוין אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע די פּאָלגנדיקע אידישע דערציאונג אַנשטאַלטן:*)

52 קינדערגאָרטנער און שפּילפּלעצער,
439 שולן פון דער ערשטער שטופע,
56 מיטלשולן,
44 פּראָפעסיאָנעלע שולן (טרייד־סקולס)
4 פּעדאַגאָגישע טעכניקומס (אויף צוגרייטן אידישע לערער פאַר די שולן),

*) די אַלע וויכטיגע ציפערן, וואָס מיר ברענגען דאָ האָבן מיר גענומען פון זאַמלבוך „אידן אין פּססר", מאָסקווע, 1935.

4 אידישע אָפּטיילונגען ביי די אַלגעמיינע אוני־ווערזיטעטן אין מאָסקווע, מינסק, קיעוו און אָדעס.

אין די אַלע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט דער אידישער שפּראַך און זיינען איינגאַנצן אויסגעהאַלטן געוואָרן אויפן חשבון פון דער רעגירונג האָבן זיך שוין אין יאָר 1924 געפונען 76 טויזנט 777 שילער און 1526 אידישע לערער.

אין דערזעלביקער צייט האָט זיך אויך אָנגע־הויבן אַנטוויקלען און צעוואַקסן אַ אידישע בילדונגס־נעץ פאַר דערוואַקסענע. אין יאָר 1924 האָבן שוין עקזיסטירט אין די אידישע שטעט און שטעטלעך 20 אוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, 33 לייען־הייזער, 405 אידישע ביבליאָטעקן, 74 קלובן, 21 אידישע צייטונגען און זשורנאַלן און די מלוכה־פאַרלאַגן האָבן אין יענעם יאָר אַרויסגעגעבן 83 אידישע ביכער מיט אַ טיראַזש פון 321 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

דידאָזיקע צאָל אידישע קולטור־אַנשטאַלטן זעט אויפן ערשטן בליק אויס צו זיין ניט קיין זייער גרויסע, — כאָטש זי איז קאָלאָסאַל אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס די אידישע באַפעלקערונג האָט פאַרמאָגט אונטערן צאַרישן רעזשים. מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז ס'איז געווען ערשט נאָכן בירגער־קריג אין לאַנד און אין סאַמע ברען פון דעם „בירגער־קריג" אינווייניק צווישן דער אידישער באַפעלקערונג. די מלוכה איז נאָך דעמאָלט געווען שרעקלעך אָרעם און האָט קיין סך ניט געקאָנט אַסיגנירן אויף קולטור־אַנשטאַלטן — און אין דער אידישער סביבה איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף פון די בורזשואַזע און קלעריקאַלע עלעמענטן אַנטקעגן דער וועלטלעכער קולטור אין אידיש, — וואָרום זיי האָבן ניט געוואָלט ניט קיין אידיש און ניט קיין וועלטלעכע קולטור פאַר אידן. מע דאַרף אויך האָבן אין זינען, אַז די צאָל צוגע־גרייטע קולטור־טוער אין אידיש איז נאָך דעמאָלט געווען זייער קליין און אַ גרויסער טייל פון זיי האָט דערצו נאָך עמיגרירט אין די גרויסע רוסישע שטעט און איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם מלוכה־אַפּאַראַט.

פונדעסטוועגן האָט עס ניט אָפּגעהאַלטן דעם וואוקס פון דער אידישער שול־סיסטעם און פון די אידישע קולטור־אַנשטאַלטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פּרואוון אָפט איינ־רעדן דעם עולם, אַז די אידישע קולטור פאַרשפּרייט זיך ניט און אַנטוויקלט זיך ניט אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, אַז די אידישע באַפעלקערונג אַסימילירט זיך דאָרטן און אַז דאָס קומט פאָר אין אַ גרויסער מאָס דערפאַר, ווייל די אידישע קאָמוניסטן באַציען זיך ברימערשט גלייכגילטיק, אָן אינטערעס און ליבע צו דער אידישער שפּראַך און קולטור. אָבער אָט וואָס עס דערציילן אונז ציפערן:

אין 1922 האָבן זיך אין אידישע שולן אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד געלערנט 22 פּראָצענט פון אַלע אי־דישע קינדער. אין 1925 — האָבן זיך אין זיי שוין געלערנט 41,5 פּראָצענט פון אַלע אידישע קינדער, אין 1927 — 48 פּראָצענט, אין 1929 — 56 פּראָ־צענט, אין 1932 — 64 פּראָצענט.

לויט אָט דעם סיסטעמאַטישן וואוקס פון דער אידישער שול־סיסטעם קאָן מען רעכענען, אַז איצט, אין יאָר 1936, לערנען זיך אין די אידישע שולן ניט ווייניקער, ווי 75 פּראָצענט פון אַלע אידישע קינדער.

און וואו לערנען זיך די איבעריקע 25 פּראָ־צענט?

די איבעריקע 25 פּראָצענט אידישע קינדער לער־נען זיך אין ניט־אידישע שולן, אין רוסישע, אוקראַי־נישע, ווייס־רוסישע און אַנדערע. דער וועג פאַר זיי איז אָפן אומעטום. קיינער קאָן זיי ניט צווינגען צו לערנען זיך דווקא אין אידישע שולן, פּונקט ווי קיינער קאָן זיי ניט פאַרבאָטן אַריינצוטרעטן אין ניט־אידישע שולן. און פּונקט ווי עס וואַקסט די צאָל קינדער אין די אידישע שולן, פּונקט אַזוי — כאָטש אין אַ קלענערן פּראָצענט — וואַקסט אויך די צאָל אידישע שילער אין „אַלגעמיינע" שולן.

אַזוי זעען מיר, אַז בעת אין יאָר 1928 האָבן זיך געפונען אין אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע און פאַבריק־שולן 11,589 אידישע שילער, אין די אַלגעמיינע טעכ־ניקומס 21,305 אידישע שילער און אין די אוני־ווערזיטעטן 22,518 אידישע סטודענטן, — צוזאַמען 55,412 אידישע שילער, האָבן זיך אין דיזעלביקע אַנשטאַלטן געפונען אין 1933:

אין פּראָפ. און פאַבריק־שולן	— 40,724	איד. שילער
אין טעכניקומס	— — — 46,266	" "
אין אוניווערזיטעטן	— — 57,315	" "

צוזאַמען — 144,305 איד. שילער

פאַרוואָס גייען אידישע שילער אין אַזאַ באַ־דייטנדיקער צאָל אין „אַלגעמיינע" שול־אַנשטאַלטן?

ס'זיינען דערצו פאַראַן אַ סך סבות.

ערשטנס, איז צוליב דער צעוואָרפנקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די שטעט, אין וועלכע זיי האָבן אויסגעוואַנדערט נאָך דער רעוואָלוציע, ניט אומעטום מעגלעך צו גרינדן די געהעריקע אידישע שולן;

צווייטנס, זיינען פאַראַן געוויסע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, — באַזונדערס צווישן דער אינטעליגענץ, די מלוכה־אָנגעשטעלטע אין די גרויסע שטעט און די רעשטלעך פון דער אַמאָליקער אידישער בורזשואַזיע, — וואָס ווילן באַוואוסטזיניק ניט שיקן זייערע קינדער אין קיין אידישע שולן, ווייל זיי ווילן

זיך בעסער אַסימילירן מיט דער אַרומיקער באַפעל־קערונג; און

דריטנס איז די נעץ פון פאַך־בילדונג־אַנשטאַלטן (ספּעציעל ביי די פאַבריקן) נאַטירלעכערווייז א פּיל גרעסערע און בעסערע אין רוסיש און קיין אידישע אוניווערזיטעטן (אויסער אידישע פאַקולטעטן ביי די אַלגעמיינע אוניווערזיטעטן) זיינען נאָך איבערהויפּט ניטאָ.

מיר זעען אַלזאָ, אַז גלייכצייטיק מיט דער אַנט־וויקלונג פון דער אידישער קולטור און שפּראַך דורך א אידישער קולטור־ און שול־נעץ אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, אַנטוויקלען זיך דאָרטן אויך געוויסע טענ־דענצן צו קולטור־אַסימילאַציע פון באַשטימטע אידי־שע שיכטן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. אָבער דער כסדרדיקער וואוקס פון דעם פּראָצענט אידישע קינדער, וואָס גייען אין אידישע שול־אַנשטאַלטן ווייזט, אַז די טענדענץ צום וואוקס און פאַרשטאַרקן די קולטור אין אידיש איז פיל גרעסער, ווי די טענ־דענץ צו אַסימילאַציע.

ווי שנעל עס אַנטוויקלט זיך די אידישע קולטור־נעץ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָנען מיר זען פון די ווייטערדיקע ציפערן:

אין יאָר 1928 זיינען שוין אין סאָוועטן־פאַר־באַנד געווען אידישע

פאַרשול־אַנשטאַלטן — 129 מיט 7215 קינדער

שולן פון ערשטער שטופע

(פּאַבליק־סקולס) — 513 מיט 40,492 שילער

מיטל־שולן — 275 מיט 80,423 שילער.

פּראָפ. און פאַבריק־שולן 53 מיט 5,123 שילער.

פּעדאַגאָגישע טעכניקומס 8 מיט 2,313 סטודענטן.

און אידישע אָפּטיילונגען ביי די אוניווערזי־טעטן — 9.

אין דערזעלביקער צייט איז שנעל געוואַקסן די נעץ קולטור־אַנשטאַלטן אין אידיש פאַר דערוואַק־סענע. אין 1928 זיינען שוין געווען אידישע:

קורסן פאַר דערוואַקסענע — — 330

קלובן — — — — — — — 276

לייענהייזער — — — — — — 226

שטאַטישע ביבליאָטעקן — — — 356

אידישע צייטונגען און זשורנאַלן 42

אַרויסגעגעבן ביכער — 238 אין 875 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

מלוכה־טעאַטערס — 3.

די צאָל שילער אין די אידישע שולן — 136,670.

אין 4 יאָר אַרום, אין יאָר 1932 האָבן מיר שוין — 1469 שולן פון אַלע מינים מיט 160 טויזנט אידישע שילער.

קיין ציפערן פאַרן יאָר 1936 האָבן מיר ניט, אָבער מע דאַרף רעכענען, לויטן שנעלן וואוקס פון דער אידישער שול־נעץ פאַר די לעצטע יאָרן, אַז די צאָל שילער אין די אידישע שולן און לערן־אַנשטאַלטן איז איצט ניט ווייניקער, ווי 225 טויזנט, און זייער צאָל האַלט אין וואַקסן אינאיינעם מיטן צאָליקן און קולטורעלן וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג.

די גענגער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פּרוּוון פאַר־מאַכן די אויגן אויף דעם דאַזיקן קאָלאָסאַלן וואוקס פון די אידישע קולטור־אַנשטאַלטן און פון דער אידי־שער קולטור. זיי פּרוּוון אפילו אָפּלייקענען דעם ווערט פון אָט דעם אומגעהערטן אידישן קולטור־וואוקס אונטער די סאָוועטן דורך דער באַהויפּטונג, אַז אַזוי ווי העברייאיש איז „פאַרבאָטן" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, — און העברייאיש איז דאָך היסטאָריש א טייל פון דער אידישער קולטור, — הייסט עס, אַז קיין אמת'ע אידישע קולטור איז גאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניטאָ.

דאָס איז אָבער א פאַלשער, אויב ניט קיין שווינדלערישער, צוגאַנג צו דער פראַגע. העברייאיש איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט פאַרבאָטן. מע לערנט פּשוט ניט דידאַזיקע שפּראַך אין די אידישע שולן פּונקט ווי מע לערנט ניט קיין אַלט־רוסיש אָדער אַלט־סלאַוויש אין די רוסישע שולן, פּונקט ווי מע לערנט ניט קיין לאַטיין אָדער קיין פאַרצייטיקן ענגליש אין די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנישע פּאַבליק־סקולס. דאָס געזעץ גילט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּונקט ווי אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, אַז קינדער אין די שולן דאַרפן זיך לערנען אין זייער מוטער־שפּראַך, און ס'איז קלאָר, אַז די מוטער־שפּראַך פון די אידישע קינדער איז אידיש, ניט העברייאיש. די עלטערן, וואָס באַטראַכטן ניט אידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך, באַטראַכטן פאַר אַזאַ שפּראַך רוסיש אָדער אוקראַיניש און שיקן זייערע קינדער אין די געהע־ריקע שולן. העברייאיש איז קיינמאָל ניט געווען די לעבעדיקע מוטער־שפּראַך פון קיין שום שיכט פון דער אידישער באַפעלקערונג. העברייאיש איז יאָ געווען די שפּראַך פון דער אידישער רעליגיע. און אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל די בילדונג־סיסטעם און די שול־נעץ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּונקט ווי אין אַמעריקע, איז ניט קיין רעליגיעזע, נאָר א וועלטלעכע, וועלכע שליסט אויס רעליגיע פון די לימודים און דער שול־דערציאונג, אויף אַזוי פיל איז קלאָר, אַז העברייאיש האָט ניט קיין פּלאַץ אין דער אידישער שול־סיסטעם פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פון דער אַנדער זייט איז קלאָר, אַז די קולטור־שפּראַך פון א פאָלק אַנטוויקלט זיך און באַפעסטיקט זיך ניט נאָר דורך שולן און ביכער. עס איז אויך וויכטיק צו וויסן וואָס פאַר א ראָליע דידאַזיקע שפּראַך שפּילט אין געזעלשאַפטלעכן און מלוכה'שן לעבן. אין

דעם פּרט איז דער צושטאַנד פון דער אידישער שפּראַך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד א גאַנץ גינציקער. מיט דער אידישער שפּראַך באַנוצט זיך דאָרטן די אידישע באַפעלקערונג ניט נאָר אין פּריוואַטע געשפּרעכן און אין די שולן, נאָר אויך אין די סאָוועטן, אין די געריכטן, אין די געזעלשאַפטלעכע און מלוכהשע אַנשטאַלטן פון די ערטער, וואו זיי וואוינען אין מאַסן. אידיש איז אויך די אָפיציעלע שפּראַך אין די אידישע נאַציאָנאַלע רייאָנען פון אוקראַינע און קרים און אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין בירא־בידזשאַן. דיזאָזיקע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, און ספּעציעל בירא־בידזשאַן, די קומענדיקע אידישע אויטאָנאָמע רעפּובליק, וועלן נאָך מער באַפעסטיקן די ראַליע און דעם וואוקס פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, — א קולטור, וואָס איז לויט דער פאָרמולירונג פון חבר סטאַלין „סאָציאַליסטיש לויט איר אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט איר פאָרם".

ווי באַציען זיך צו דער אידישער קולטור און צו איר צוקונפט אירע בויער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, די אידישע קאָמוניסטן? א קאָרעספּאָנדענט פון דער יואַרשעווער בונדישער „פאָלקסצייטונג" האָט געהאַט אן אינטערוויו מיטן לאַנג־יאָריקן רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס", מ. ליטוואַקאָוון און האָט אים צווישן אַנדערעס געפרעגט: „וואָס באַוועגט די אידישע קאָמוניסטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צו קעמפן פאַר אידישער קולטור? צו שלאָגט ניט די אסימילאַציע אַרויס דעם באָדן פון אונטער די אידישע קולטור־אַנשטאַלטן?"

מ. ליטוואַקאָוו האָט דערויף געענטפערט:*)

„מיר האַלטן ניט, אז די אידישע קולטור גייט אונטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר האַלטן, אז פאַרקערט, זי האָט אין איין שטייגן. דער גרונט־מאָטיוו פון די אידישע מאַסן נויטיקט זיך אין קולטור־בוייאונג אין אידיש אין בויט דיזאָזיקע קולטור, א נאַציאָנאַלע לויט איר פאָרם, א סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט... דער איבערבוי פון דער אידישער קולטור איז בײַ אונז איינס פון די וויכטיקסטע מיטלען אַרייַנצוציען די אידישע מאַסן אין בויען סאָציאַליזם... אי, וואָס ס'גייט אויך א פּראָצעס פון אסימילאַציע, וואָס רייסט אָפּ געוויסע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג פון דער אידישער קולטור און באַהעפטן זי צו אַנדערע קולטורן. דער עיקר צו דער רוסישער?... פאַרט מיר בײַ זיך ניט אראָפּ. ייען מיר זעען אז דער וועג צום קאָמוניזם ריכט פאַר א געוויסן טייל פון

דער אידישער באַפעלקערונג, — אגב א ניט באַדייטנדיקן טייל -- דורך באַהעפטונג צו דער רוסישער סאָוועטישער קולטור".

— אָבער, האָט געפרעגט דער קאָרעספּאָנדענט, — איר אַליין אנערקענט דאָך, אז עס גייען צוויי פּראָצעסן, דער קאָנסאָלידאַציע־פּראָצעס און דער אסימילאַציע־פּראָצעס. איז וועלכן האַלט איר פאַרן שטאַרקסטן פּראָצעס?

דערויף האָט מ. ליטוואַקאָוו געענטפערט:

„די מעכטיקע נעצן פון קולטור־אַנשטאַלטן, פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע, די 5 נאַציאָנאַלע רייאָנען אין אוקראַינע און קרים און די אידישע אויטאָנאָמע געגנט, — דאָס אַלץ וואָס איז דאָך ניט געשאַפן געוואָרן „קעגן דעם שטראָם", ווייל די פאַרטיי אונזערע פאַרנעמט זיך ניט מיט שאַפן קינסטלעכע נאַציעס, — דאָס אַליין ווערט שוין אויך א גרויסער פאַקטאָר פון קאָנסאָלידאַציע. אַזוי אז די פראַגע וועגן אסימילאַציע שטייט גאָר ניט בײַ אונז, עס שטייט בײַ אונז נאָר די פראַגע וועגן ריכטיק דורכפירן די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק".

מיר זעען אַלזאָ, אז די פראַגע וועגן בויען די אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז סיי פאַר דער סאָוועט־רעגירונג, סיי פאַר דער קאָמוניסטישער פאַרטיי — און, הייסט עס, פאַר די אידישע קאָמוניסטן, — ניט קיין פראַגע וועגן ליבהאָבעריי, אדער וועגן אָנהאַלטן קינסטלעך עטוואָס אַזוינס, וואָס וואָלט אַליין ניט קאָנען עקזיסטירן, — נאָר א פראַגע וועגן דעם בעסטן און נאַטירלעכסטן וועג פון אַריינציען די אידישע מאַסן אין סאָציאַליסטישן בויען פון זייער אייגענעם היינט און מאָרגן האַנט בײַ האַנט מיט די אַנדערע פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די פראַגע וועגן בויען און אַנטוויקלען די מאָדערנע אידישע קולטור ליגט אויף דער ליניע פון דער גאַנצער קאָמוניסטישער טעטיקייט. ווארום „דער לאָזונג פון נאַציאָנאַלער קולטור איז געוואָרן א פּראָלעטאַרישער לאָזונג, ווען בײַ דער מאַכט האָט זיך געשטעלט דער פּראָלעטאַריאַט און די קאָנסאָלידאַציע פון די נאַציעס האָט אָנגעהויבן גיין אונטערן צייכן פון דער סאָוועטן־מאַכט" (י. סטאַלין).

און רעדנדיק וועגן דער צוקונפט פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מוזן מיר ברענגען די ווערטער פון דעם פּרעזידענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד מ. אי. קאַלינין, וועלכער האָט אין א רעדע דעם 28סטן מאי 1934, פאַר א דעלעגאַציע פון מאָסקווער אַרבעטער לכבוד דער פּראָקלאַמירונג פון בירא־בידזשאַן פאַר א אידישן אויטאָנאָמען געגנט, דערקלערט:

*) „דער עמעס", 28 פעברואַר 1936.

אב. עפשטיין

עלף יאָר געשיכטע פון „איקאָר"

ווען דער דאָזיגער ארטיקל ווערט געשריבן האָט שוין דער „איקאָר" אריבערגעשפּרייזט דעם שוועל פון 12טן יאָר עקזיסטענץ. און אזוי ווי דער ארטיקל ווערט געשריבן פאר א יאָר־בוך, וויל איך כאָטש אין קורצן פארצייכענען די עלף יאָריגע לעבנס־געשיכטע פון „איקאָר", די סיבות, וואָס האָבן אים ארויסגערופן צום לעבן, די קאמפן מיט פארשיידענע שטערונגען, וואָס זיינען אים געשטאַנען אין וועג, זיינע דערפאָלגן און דערגרייכונגען.

דעם 29טן אויגוסט פון יאָר 1924, האָט די סאָוועטן־מלוכה באשטימט א ספּעציעלן קאָמיטעט, („קאָמיטעט פּאָ זעמעלנאָמו אוסטראָיסטוואי טרודיאשיטשיכסיא יעווריעיוו"), אָפּגעקירצט „קאָמזעט", אָדער אין אידיש „קאָמערד", מיט דעם צוועק צו באַזעצן די אָרטיגע אידישע מאסן אויף ערד און אזוי ארום באַזאָרגן זיי מיט א געזונטן פּראָדוקטיוון לעבן. דידאָזיגע נייס האָט נאטירלעך ארויסגערופן דעם גרעסטן אינטערעס פון אַלע פריינט פון דעם סאָוועטן־פארבאַנד און פון אַלע פריינט פון די אידישע מאסן אין דעם סאָוועטן־פארבאַנד.

אָט די פריינט האָבן ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו אזא וויכטיגן ענין. זיי האָבן געפילט, אז עס איז זייער חוב צו קומען צו הילף דער סאָוועטן־מלוכה. פאר זיי איז געווען קלאָר, אז די ארבעט איז א ריזיגע, א קאָמפּליצירטע, און פאָדערט א סך מיטלען. פאר זיי איז אויך געווען קלאָר, אז די סאָוועטן־מלוכה איז אויסגעמאטערט פון די בירגער־קריגן און קאָנטער־רעוואָלוציעס, פון די פארשיידענע נאָכוויי־ענישן פון דער וועלט־מלחמה. פּאָגראָם־באַנדעס האָבן פּאָגראָמירט די אידישע באפעלקערונג. דאָס לאַנד איז אָפּגעלאָפן מיט בלוט און זיך געגוויטיגט אין דרויסנדיקער הילף.

אלס רעזולטאט דערפון האָבן א גרופּע פריינט פון דעם סאָוועטן־פארבאַנד גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו גרינדן אן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל העלפן מאטעריעל אין דער דאָזיגער ארבעט, און נאָך א ריי קאָנפערענצן און באראטונגען מיט פארשיידענע אידישע שרייבער און געזעלשאפטלעכע טוער, איז דעם 21טן דעצעמבער 1924, אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דער „איקאָר" אלס א נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט.

די גרינדונגס־פארזאמלונג איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק, ביי וועלכער עס זיינען געווען פארטראָטן 243 אָרגאַניזאציעס מיט 480 דעלעגאַטן. פון זיי 24 יוניאָנס, 116 ארבעטער רינג ברענטשעס, 94 לאַנדסמאַנשאַפטן, 6 ברענטשעס פון אינדעפּענדענט ארבעטער רינג, 4 ברענטשעס פון אידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד, 30 פּארטיי ברענטשעס און 10 קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

באַלד נאָך דער גרינדונג האָט דער „איקאָר" דערקלערט, אז ער שטרעבט צו ווערן א ברייטע אומ־פּארטייאישע מאסן־אָרגאַניזאַציע מיט ברייטע אָפענע טירן פאר אַלע די, וואָס ווילן נאָר ערנסט העלפן אין דער דאָזיגער ארבעט.

די גרינדונגס־פּארזאמלונג האָט ארויסגעלאָזן א רוף צו אַלע אידישע ארבעטער. קליין־בירגער, אינטעַ־

„איך רעכן, אז אין צען יאָר ארום וועט ביראָ־בידזשאַן זיין דער וויכטיקסטער, אויב ניט דער איינציקער אויפהיטער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור... אין דער ביראָ־בידזשאַנער אויטאָנאָמער געגנט וועט זיך אנטוויקלען א גרויסע סאָציאַליסטישע בויאונג און גלייכצייטיק אויך אן אמת'ע סאָציאַליסטישע אידישע קולטור. און די וועמען דאָס איז טייער, וועמען ס'איז טייער אזא אידישע נאַציאָנאַלע קולטור, וועלכע ווילן צולייגן זייער האַנט צו דער אנטוויקלונג פון דער אידישער געגנט און פון איר סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור, דארפן זיך פאַרבינדן מיט ביראָ־בידזשאַן און אים העלפן"...

אָט אזוי קוקט די סאָוועט־רעגירונג אויף דער צוקונפט פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד.

לעקטואלן, סיי ראדיקאלע, סיי ניט ראדיקאלע, צו אלע שיכטן און שאטירונגען אין דעם אידישן לעבן.

אין דעם ערשטן „איקאָר" בולעטין, וואָס איז דערשינען אין חודש מערץ, 1925, צום ערשטן נאָ־ציאָנאלן צוזאמענפאָר, וועלכער איז געהאלטן געוואָרן אין ניו יאָרק דעם 30טן אפריל און ערשטן מאי פון זעלבן יאָר, געפינען מיר דעם פאלגענדיקן פאראגראף:

„דער „איקאָר" איז אן אומפארטייאישע אָר־גאניזאציע. אין די קאָנפערענצן און קאָמיטעטן פון'ם „איקאָר" זיינען פארטראָטן לאנדסמאנ־שאפטן — אויך אזעלכע, וואָס האָבן שטארקע ציוניסטישע סימפאטיעס — און קאָמוניסטישע פארטיי ברענטשעס פון דער „וואָרקערס פארטיי", דער „איקאָר" האָט ניט צו טאָן מיט קיין שום „איזם", ער קאָנקורירט ניט מיט'ן ציוניזם און ניט מיט'ן קאָמוניזם, ער איז א קרעדיט הילף אָרגאניזאציע, וועמעס איינציקער צוועק עס איז צו העלפן פינאנציעל די יעניקע רוסישע (מען האָט זיך אפילו ניט דערלויבט צו באנוצן מיט די ווערטער סאָוועטן־פארבאנד) אידן, וואָס ווילן זיך באזעצן אויף ערד".

אלס רעזולטאט פון דעם דאָזיגן רוף האָט זיך די באוועגונג ארום דעם „איקאָר" גאנץ ראשיג פאר־שפרייט און האָט ארומגעכאפט באדייטנדיקע שיכטן פון דער אידישער באפעלקערונג. אָט לייענען מיר אין דעם זעלבן בולעטין:

„אין די קנאפע דריי חדשים פון איר עק־זיסטענץ האָט זיך די אָרגאניזאציע מיט זייער וויניק זייטיקע הילף און מיט זייער א סך שטע־רונגען פון דרויסן, באוויזן צו פארשפרייטן אי־בערן גאנצן לאנד. שוין איצט האָט זי אָפטיי־לונגען אין 37 שטעט פון די פאראייניקטע שטא־טן, זי האלט ביים איבערשפרייזן די גרעניצן פון אונזער לאנד און פארשפרייט זיך איבער אלע אנדערע לענדער פון אמעריקע. זי איז געוואָרן א באוועגונג, וואָס ציט צו זיך אלע עלעמענטן סיי ראדיקאלע, סיי ניט ראדיקאלע. אלע די, וואָס ווילן באמת העלפן אויפבויען דעם אידישן חורבן פון די לעצטע 10 יאָר, וואָס ווילן אויפבויען א געזונטן אידישן ערד־ארבעטער קלאָס אויפ'ן אָרט פון דעם רואינירטן אידישן לופט־מענטש, די אלע, וועלכע זיינען ניט פארבלענדעט געוואָרן דורך זייער בלינדן האס צו דער רוסלענדישער רעוואָלוציע אזוי, אז זיי זאָלן צוליב דעם האָס זיך אָפזאָגן צו העלפן די דאָרטיקע מיליאָניקע אידישע מאסן".

די שונאים פון דעם סאָוועטן־פארבאנד, שונאים מבית ומחוץ, פון ציוניסטישן לאגער, פון רעכטן סאָציאליסטישן ווינקל, פון דער בורזשואזער וועלט, און סתם שונאים, האָבן זיך אָבער באלד געכאפט, זיי האָבן גלייך דערשמעקט, אז דער „איקאָר" האָט גרויסע מעגלעכקייטן צו אנטוויקלען זיך אין א מעכ־טיקער אָרגאניזאציע, וואָס וועט אריינציען די ברייט־סטע שיכטן פון דער אידישער באפעלקערונג. אזוי ארום איז פאר זיי געווען קלאָר, אז דער „איקאָר" קען שפילן אָט די ראָל פון ווערן דער בריק, וואָס וועט דערנענטערן, פאראייניקן די אידישע מאסן דאָ אין לאנד מיט די אידישע מאסן אין דעם סאָוועטן־פארבאנד. פאר זיי איז געווען קלאָר, אז דער „איקאָר" קען פארוואנדלט ווערן אין אָט דעם ריזיקן מאָביליזיר־כח פאר די טיפע סימפאטיעס, וואָס געפינען זיך צווישן די ברייטע אידישע מאסן אין אמעריקע פארן סאָוועטן־פארבאנד און פאר דער אידישער אויפבוי־ארבעט אין דעם סאָוועטן־פארבאנד.

צו אָט דער לאגע האָבן זיי ניט געוואָלט צולאָזן. א כפרה די הונדערטער טויזנטער אידן אין דעם סאָ־וועטן־פארבאנד. וויכטיק איז, אז די אידישע מאסן אין אמעריקע זאָלן זיך חס ושלום ניט סאָלידאריזירן מיט די אידישע מאסן אין דעם סאָוועטן־פארבאנד, און אלס רעזולטאט דערפון ווערן סימפאטיש צו דעם סאָוועטן־פארבאנד גופא. האָבן זיי אָנגעהויבן א פאר־ביטערטע, פאר'עקשנ'טע אטאקע, האָבן זיך א שאָט געטאָן פארשיידענע בלבולים און זלזולים. די אטאקע איז געווען אויף צוויי פראָנטן. ערשטנס האָבן זיי געפרואווט פארלייקענען דעם עצם ענין, די אידישע קאָלאָניזאציע. זיי האָבן געפרואווט איינשמועסן דעם עולם, „אז די אידן, אָט די אידן, וואָס האָבן זיך פאר'ן צארישן רעזשים באשעפטיקט מיט האנדל־וואנדל, מיט פארשיידענע לופט־פרנסות, וועלן זיך קיינמאָל ניט צופאסן צו דער פיזישער ערד־ארבעט. דער גאנצער ענין איז אויסגעטראכט פון די „יעווסעקן", כדי צו געווינען אין דער אידישער וועלט סימפאטיעס פאר דעם סאָוועטן־פארבאנד".

צווייטנס, האָבן זיי געשאָסן אין דעם „איקאָר". דער קריגס־געשריי איז געווען: „היט זיך פאר דעם „איקאָר", דאָס איז א קאָמוניסטישע מאכערייקע!" ביי פארשיידענע געלעגנהייטן איז מען אפילו געגאנגען אזוי ווייט ווי צו דערציילן דעם עולם, אז „דאָס געלט, וואָס ווערט געזאמלט, דערגרייכט קיינמאָל ניט דעם סאָוועטן־פארבאנד, נאָר ווערט פארנוצט דאָ אין לאנד פאר קאָמוניסטישער פראָפאגאנדע". דער „פאָר־ווערטס", וואָס איז נאָך ביז היינט צו טאָג דער פאר־ביסנסטער שונא פון דעם סאָוועטן־פארבאנד, איז געגאנגען נאָך ווייטער. ער האָט באשולדיגט די אָנ־פירנדיגע טוער אין דעם „איקאָר", אז „זיי לאָזן ארונטער די געזאמלטע געלדער אין זייערע אייגענע קעשענעס". ביי יעדער אקציע, וואָס דער „איקאָר"

האָט אונטערנומען איז דער „פאָרווערטס" תיכף אָנגע־
פאַלן מיט א נייער אטאַקע.

מיט די אלע שטערונגען איז דעם „איקאָר" גע־
לונגען אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ,
דורכצוברעכן די וואַנט, וואָס די שונאים פון דעם
סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געפּרואווט שאַפן צווישן די
אידישע מאַסן אין אמעריקע און די האָרעפּאַשנע אי־
דישע מאַסן אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו פאַר־
דאַנקען דער אומדערמידלעכער און פאַר'עקשנ'טער
ארבעט פון די וואָס זיינען געשטאַנען ביים רודער
פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט דער „איקאָר" באַוויזן
צו פאַרשפּרייטן א נעץ פון „איקאָר" קאָמיטעטן איבערן
גאַנצן לאַנד און אין קאַנאַדע.

„ניט קיין צדקה, נאָר ברידערלעכע הילף" —
איז געווען דער לאָזונג פון „איקאָר". דער „איקאָר"
האָט זיך פון אָנהויב אָן געשטעלט די אויפגאַבע אויף
א ברידערלעכן אופן צו העלפן די אידישע ערד־
איבערוואַנדערער, פריער אין דער אוקראַינע און דער־
נאָך אין קרים. (אין קרים איז אפילו אָרגאַניזירט
געוואָרן א קאָלאָניע אויפ'ן נאָמען פון „איקאָר").
אזוי ארום האָט ער זיך אָרגאַניזירט אלס אן אקציען
געזעלשאַפט, וואָס האָט פאַרקויפט 10 דאָלערדיקע
אקציעס און דאָס געלט איז געגעבן געוואָרן צו די
אידישע קאָלאָניסטן אלס א הלואה אויף לאַנגע טער־
מינען. וויכטיק צו באַמערקן: דאָס געלט האָט דער
„איקאָר" ביז איצט ניט געמאָנט און וועט זיכער קיינ־
מאָל ניט מאָנען, פונקט ווי די סאָוועטן־מלוכה האָט
געשיינקט אירע צענדליקער מיליאָנען רובלס, וואָס
זי האָט געגעבן אלס הלואות צו די אידישע קאָלאָ־
ניסטן, אזוי אויך שיינקט דער „איקאָר" זיינע הלואות.
דער דערפרייענדיקער פאַקט איז, אז מיט דער אויס־
נאַמע פון 3־4, וואָס זיינען געווען אין א שווערער
פינאַנציעלער לאַגע, האָט קיין איינער פון די הונדער־
טער און אפשר טויזנטער (ניטאָ דער גענויער ציפער
ביים האַנט), וואָס האָבן געקויפט אקציעס, געפאָדערט
זיין געלט צוריק.

דער „איקאָר" האָט פון ערשטן טאָג פון זיין
גרינדונג, אזוי אויך די גאַנצע צייט פון זיין עק־
זיסטענץ, געפירט זיין ארבעט אין איינגסטן קאָנ־
טאַקט און לויט די אינסטרוקציעס פון „קאָמערד" און
„געזערד", („געזערד" איז די „געזעלשאַפט איינצו־
אָרדנען אויף ערד די ארבעטנדיקע אידן" און איז גע־
גרינדעט געוואָרן דעם 27טן יאַנואַר 1925).

אין די ערשטע יאָרן איז אין דער פירערשאַפט
פון „איקאָר" געווען פאַרטראָטן א גאַנץ באַדייטנדיקע
צאָל נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן און לינקע
„פועלי ציון". אויף דעם פאַרלאַנג פון די לינקע פועלי
ציון איז ביים צווייטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר אָנגע־
נומען געוואָרן א ספּעציעלע רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך
געלייענט:

„נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אז לויט די
גרונט־פּרינציפּן פון „איקאָר", וועלכע זיינען
פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף דער גרינדונגס־
קאָנפערענץ, איז ער א שטריינג אומפּאַרטייאישע
אָרגאַניזאַציע, וועלכע טרעט ניט ארויס קעגן קאָ־
לאָניזירונג און פּראָדוקטיוויזירונגס־ארבעטן אין
אנדערע לענדער,

באַשליסט די קאָנפערענץ, אז דער „איקאָר"
וועט אויך ווייטער אָפּהיטן זיין אומפּאַרטייאישן
כאַראַקטער און טרעט ניט ארויס קעגן דער קאָ־
לאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, אַרגענטינע און אנ־
דערע לענדער, נאָר קאָנצענטרירט זיין גאַנצע
ענערגיע אויפ'ן געביט פון הילף פאַר דער קאָ־
לאָניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד".

אָט די עלעמענטן האָבן אבער ביי יעדער מעג־
לעכער געלעגנהייט געזוכט אויסצונוצן דעם „איקאָר"
אלס פּלאַטפאָרם פאַר זייערע פּאָליטישע צוועקן, און
אלס רעזולטאַט דערפון האָבן זיי זיך לאַנג ניט איינ־
געהאַלטן. די לינקע פועלי ציון זיינען אוועק אזוי
גיך ווי זיי האָבן געקראָגן א שטאַרקן ווידערשטאַנד
פון די אמת איבערגעגעבענע איקאָריסטן. די נאַציאָ־
נאַליסטישע עלעמענטן האָבן פאַרלאָזן דעם „איקאָר"
ביים פערטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָר־
געקומען סוף חודש דעצעמבער 1929טן יאָר, נאָכדעם
ווי זיי זיינען זייער שטאַרק דורכגעפאַלן אין זייער
קאַמף אריינצושלעפּן דעם „איקאָר" אין דער וואַק־
כאַנאַליע, וואָס די באַלעבאַטישע אידישע פּרעסע האָט
געזוכט צו אנטוויקלען אין פאַרבינדונג מיט די פּאַ־
לעסטינער געשעענישן פון חודש אויגוסט פון זעלבן
יאָר.

דער צווייטער וויכטיקער קאַפּיטל אין דער גע־
שיכטע פון „איקאָר", הויבט זיך אָן מיט ביראָ־
בידזשאַן. דעם 28טן מערץ, פון יאָר 1928, פּראָקלאַ־
מירט די סאָוועטן־מלוכה ביראָ־בידזשאַן פאַר אידישער
קאָלאָניזאַציע מיט דער אויסזיכט צו גרינדן דאָרט א
אידישע אויטאָנאָמע רעפּובליק. דער „איקאָר" באַ־
שליסט תיכף איבערצוואַרפן זיין גאַנצע טעטיקייט
אויף דעם אויפבוי פון ביראָ־בידזשאַן.

באַלד הויבן זיך אָן נייע אטאַקעס, נאָך אָפּטער
און שטאַרקער ווי פריער. די שונאים פון דעם סאָ־
וועטן־פאַרבאַנד האָבן שוין נעבעך געמוזט פאַרדייען
די אידישע קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן אבער פאַר קיין
פאַל ניט געקענט אַרונטערשלינגען דעם ענין ביראָ־
בידזשאַן — א צו גרויסער ביסן. זייער ערשטע טענה
איז געווען, אז די קלימאַטישע באַדינגונגען וועלן
קיינמאָל ניט דערמעגלעכן צו אנטוויקלען ביראָ־
בידזשאַן, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר א מענטש־

לעכן ישוב. צווייטנס, וועלן די אידן, וואָס האָבן זיך פאַרן צאַרישן רעזשים באַשעפטיגט מיט פאַרשיידענע לופט־פּרנסות קיינמאָל זיך ניט צופּאַסן צו אַ פּיאָנערן לעבן. אַזוי אַרום איז דער גאַנצער פּראָיעקט אַן אוטאָפּיע, אַן אויסגעטראַכטער, כּדי צו געווינען סימפּאַטיעס ביי די אידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָ איז ווידער דער „איקאָר" געשטאַנען אויף דער וואַך, אָפּגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס און געבראַכט דעם אמת צו די אידישע מאַסן.

אין זומער פון יאָר 1929, האָט דער „איקאָר" געשיקט אַ ספּעציעלע אויספאָרשונגס קאָמיסיע קיין בירא־בידזשאַן. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון איי־ניקע אַמעריקאַנער פאַכמענער, אין וועמעס קאָמפּעטענץ, אָרענטלעכקייט און אומפּאַרטייאישקייט קיינער האָט ניט געקענט צווייפלען. די קאָמיסיע האָט פאַרבראַכט אין בירא־בידזשאַן איבער זעקס וואָכן. זי האָט גאַנץ גענוי אויסגעפאָרשט דעם גאַנצן געגנט און איז געקומען מיט אַ גלענצענדיקן באַריכט, סיי וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן, די גרויסע נאַטירלעכע אוצרות, וואָס קענען עקספּלואַטירט ווערן, סיי וועגן דער וואונדערבאַרער אַרבעט פון די ערשטע איבערוואַנדערער. אָט דער באַריכט האָט געגעבן אַ סך חשיבות דעם ענין בירא־בידזשאַן און האָט פאַרמאַכט אַ סך געגנערישע מיילער.

די דאָזיקע אַקציע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך טויזנטער דאָלאַר און דאַרף פאַרצייכנט ווערן אַלס איינע פון די וויכטיגסטע אויפטואונגען פון דעם „איקאָר".

עס דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז ניט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען, און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין יאָר 1929 האָט זיך אָנגעהויבן דער עקאָנאָמישער קריזיס, האָט פונדעסטוועגן דער „איקאָר" איבערגעשיקט קיין בירא־בידזשאַן פאַר איבער אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר מאַשינען און אינסטרומענטן.

דער דריטער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון „איקאָר", הויבט זיך אָן פון דעם פערטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען סוף יאָר 1929. פאַר דעם צוזאַמענפאָר איז געווען קלאָר, אַז אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די עקאָנאָמישע לאַגע געוואָרן בעסער. דאָ אין לאַנד איז אויסגעבראָכן אַ קריזיס, וואָס האָט באַלד אַרויסגעוואָרפן מיליאָנען אַרבעטער פון די פאַבריקן, הונדערטער טויזנטער קליין־בירגער אַרויסגעוואָרפן פון זייערע פּאָזיציעס. אַלס רעזולטאַט דערפון האָבן זיך פון איין זייט די סימפּאַטיעס מצד די אידישע מאַסן פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרשטאַרקט, פון דער צווייטער זייט האָט זיך אָבער די געגנערשאַפט צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרשטאַרקט. די געגנער זיינען געוואָרן אַנערעסיווער, פאַרעקשנ'טער און פאַרביטערטער. די פאַרבעסערטע לאַגע אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ פאַרצווייפלונג.

אַזוי אַרום איז פאַר דעם צוזאַמענפאָר אויך געוואָרן קלאָר, אַז מיט דער געענדערטער לאַגע, סיי אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, סיי דאָ אין לאַנד, מוזן זיך אויך ענדערן די מעטאָדן פון אַרבעט, מוז דער „איקאָר" אָננעמען אַ גאַנץ אַנדער ווענדונג אין זיין טעטיגקייט.

בכלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ביז דעם פערטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר איז די ליניע פון אַרבעט אין דעם „איקאָר" געווען אַ וואַקלדיקע, אַ צעשוואומענע, צוליב די אידעאָלאָגיש־פאַרשיידענע און אָפט אַנטקעגנגעזעצטע אַנשויאונגען אין דער „איקאָר" פירערשאַפט. און כּדי אויסצומיידן רייבונגען און שטערונגען אין דער לויפנדער אַרבעט פון זאַמלען מיטלען, האָט מען מאַנעווורירט, געמאַכט קאָמפּראָמיסן, געבויגן זיך, אַבי אָנצוהאַלטן שלום אין דער אָרגאַניזאַציע.

צוליב דער זעלבער אורזאַך האָט זיך דער „איקאָר" אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ שטריינג געהאַלטן אַלס אַן אויסלענדישע אינסטיטוציע, אַזוי צו זאָגן, אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט בלויז איין אויפגאַבע, און דאָס איז גרינגדן וואָס מער קאָמיטעטן און שאַפן וואָס מער מיטלען פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט אָבער ניט קיינע אויפגאַבן דאָ אין לאַנד גופא. ער טאָר זיך ניט אידענטיפיצירן מיט קיין שום באַוועגונג דאָ אין לאַנד, אפילו ניט מיט דער באַוועגונג פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון אָט דאָס לאַנד, וואו די אידישע קאָלאָניזאַציע ווערט דורכגעפירט.

ערשט נאָך פינף יאָר עקזיסטענץ, האָט דער פערטער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען דעם „איקאָר" אין אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער מאַסן־אָרגאַניזאַציע מיט ספּעציעלע אויפגאַבן דאָ אין לאַנד.

אין דער ערשטער ריי, האָט דער צוזאַמענפאָר געשטעלט דעם קאַמף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָפּשלאָגן אַלע אַטאַקעס, און די פאַרטיידיגונג פון די אידישע מאַסן אין אַלע פאַשיסטישע לענדער.

דער „איקאָר" טרעט אַריין אין זיין צוועלפטן יאָר עקזיסטענץ מיט צוויי גרויסע היסטאָרישע אונטערנעמונגען : „איקאָר פאָלקס־בוך", וואָס וועט געשיקט ווערן אין אידישן מוזיי פון דער אידישער אויטאָנאָמיע, און „פאָלקס ־ דעלעגאַציע קיין בירא־בידזשאַן". עס איז קיין ספק ניט, אַז אויך די לעצטע אַקציעס וועלן דורכגעפירט ווערן מיט דעם געהעריגן דערפאָלג.

א. קירזשניץ

ביראָ־בידזשאן אין 9־טן יאָר

דעם 28טן מערץ איז געווארן אכט יאר, זינט דער העכסטער ארגאן פון דער סאוועטן־רעגירונג — דער אלפארבאנדישער צענטראלער אויספיר־קאמיטעט — האט אנגענומען זיין היסטארישע באשטימונג וועגן אויסטיילן דעם בירא־בידזשאנער רייאן צו באזעצן מיט אידישע ארבעטנדיקע, מיט דער אויסזיכט צו ארגאניזירן דארט, בא א גינסטיקער אנטוויקלונג פון דער איבערוואנדערונג, א אידישע טעריטאריעל-נאציאנאלע אויטאנאמיע, א אידישע רעפובליק.

אונטערפירנדיק איצט א סאכאקל פון די אכט יאר סאציאליסטישע בויאונג פון בירא־בידזשאן, דארף מען גלייך פון אנהויב און קלאר זאגן, אז זי איז ניט געגאנגען דורכאויס און כסדר בארג־ארויף, נאר זי האט דורכגעמאכט א זיגזאגארטיקן וועג. די אכט יאר קאמף פאר דער סאציאליסטישע באהערשונג פון בירעבידזשאן האבן צו פארצייכענען ניט בלויז וויכטיקע ניצכוינעס און דערפאלגן, נאר אויך באדייטנדיקע און ערנסטע דורכרייסן, וועלכע זיינען א דירעקטער רעזולטאט הויפטזעכלעך פון די פעלערן, וואס זיינען דערלאזט געווארן סיי אין פלאנירן די ארבעט, סיי אינעם אויספילן די פלענער. דאס איז א פאקט, וועלכן מען טאר בעשום אויפן ניט אפלייקענען. מען טאר אבער אייניצייטיק אויך ניט פארמינערן די קאנקרעטע רעזולטאטן, וואס די ארבעטנדיקע מאסן פון בירא־בידזשאן האבן ניט געקוקט אויף די ערנסטע און פארשיידנארטיקע שוועריקייטן, דערשלאגן זיך פאר די אכט יאר ארבעט און קאמף אף אלע פראנטן פון סאציאליסטישן אויפבוי, און אף אזא אופן אריינטראגן זייער חלק אינעם אויספילן דעם רומפולן ערשטן און צווייטן פינפיאר־פלאן פונעם ראטנפארבאנד.

די שפראך פון ציפערן און פאקטן

פאר די דורכגעגאנגענע עטלעכע יאר — פארן פעריאד פונ׳ם ערשטן פינף־יאר — איז אין בירא־בידזשאן, טראץ אלע שוועריקייטן און באגאנגענע פעלערן, פארלייגט געווארן א פעסטער פונדאמענט פון דער סאציאליסטישער אינדוסטריע, עס איז באדייטנדיק פארברייטערט און איבערגעבויט געווארן אף סאציאליסטישע יסודות די לאנדווירטשאפט און עס איז פאנאנדערגעוויקלט געווארן א היפשע קולטור־בויאונג — א נאציאנאלע לויט דער פארם און סאציאליסטישע לויטן אינהאלט.

אין דעם איבערצייגן פולשטענדיק די ווייטערקומענדיקע ציפערן און פאקטן.

אפן געביט פון אינדוסטריאליזאציע זיינען אין בירא־בידזשאן דערווייל געמאכט געווארן בלויז די ערשטע שריט, אבער אויך זיי האבן געגעבן באשטימטע רעזולטאטן. עס ארבעט א קאלך־זאוואד אין לאנדאקא. אין 1934 איז אויסגעבויט געווארן א גרויסער מעכאנישער קאלך - זאוואד, וועלכער וועט געבן ביז 60 טויזנט טאג קאלך א יאר פאר די בויאונגען פון בירא־בידזשאן און פונ׳ם ווייט־מזרח׳דיגן קאנט. אפן זאוואד ארבעטן שוין 400 ארבעטער, צוזאמען מיט די משפחות בא 1200 מענטשן, צווישן זיי בא 70 פראצענט איבערוואנדערער, אין דעם טייל פון אויסלאנד, הויפטזעכלאך פון פאלעסטינע, פוילן, בעלגיע און דייטשלאנד. האט דער זאוואד אויפגענומען נייע 500 מענטשן. פון דעם זאוואד פאר סטאנדארטנע הייזער, בא דער אייזנבאן־סטאנציע ביורא ארבעטן עטלעכע צעכן, וועלכע באשעפטיקן דערווייל 200 איבערוואנדערער. גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען אויך דער טונגוסער געהילץ־זאוואד אין ניקאלאיעווקע און די גרויסע אייזנבאן־דעפא אף דער סטאנציע אין. א ריי אונטערנעמונגען זיינען אויסגעבויט געווארן און ארבעטן ניט שלעכט אין דער שטאט בירא־בידזשאן, וואס האט ביזן יאר 1928 פארגעשטעלט מיט זיך א וויסט און פארווארפן דערפל. דא געפינט זיך א מעכאניזירטע פאבריק, וועלכע פראדוצירט הייזער־טיילן. אין דער דאזיגער פאבריק, וועלכע הייסט „דעטאל" ארבעטן העכער 200 איבערוואנדערער, צווישן זיי א טייל פון אויסלאנד; א נייפאבריק, וואס באשעפטיקט העכער 100 ארבעטערנס; אן עלעקטראסטאנציע אף 350 קילאוואט; א מעכאנישער רעמאנט־ווארשטאט מיט עטלעכע צעכן א. א. אין 1935 איז מען צוגעטראטן צו בויען א גרויסע מעכאניזירטע ניי־פאבריק אף 3000 ארבעטערנס, א רעמאנט זאוואד, א פאניער־פאבריק א. א. פארן ערשטן 5־יאר איז אין בירא־בידזשאן אנטשטאנען און אויסגעוואקסן א גאנץ מעכטיקע און פארצווייגטע קאאפעראטיווע אינדוסטריע, וואס דארף

דאָרט געבן פּראָדוקציע פאַר זיבן מיליאָנען רובל. אין די 20 אונטערנעמונגען פון דער קאָאָפּערירטער אינדוסטריע זיינען איצט באַשעפטיקט באַ 800 אַרבעטאָנדערער (צוזאַמען מיט די משפּחות 3,000 מענטשן), אין 1936 וועלן זיי אויפנעמען נייע 2000 מענטשן. פון די גרעסערע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין דער סיסטעם פון דער קאָאָפּערירטער אינדוסטריע, איז נויטיק צו פאַרצייכענען: די מעכאַניזירטע פאַבריק פון „ווינער" שטולן, וואָס זיינען פּאָפּולער איבערן גאַנצן ווייטן מיזרח, די זייגער־פאַבריק „ראָד פון רעוואָלוציע", ציגל־זאַוואָד „קירפּיטשיק", די לאַקיר־פאַבריק „1טער מאַי" אויף דער אייזנבאַן סטאַנציע בירהאַן א. א.

ניט ווייניקער באַדייטנדיק זיינען די רעאַלע דערגרייכונגען, וואָס ביראָ־בידזשאַן האָט זיך דערשלאָגן אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט. דער פאַרזיי-שטח איז זינט 1928 אויסגעוואַקסן פון 14 טויזנט ביז 28.500 העקטאַר, ד. ה. מער ווי אויף 100 פּראָצענט. עס זיינען פאַר דער צייט אָרגאַניזירט געוואָרן 55 קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, צווישן זיי 6 איבערוואַנדערשע. 96 פּראָצענט פון דעם גאַנצן פאַרזיי־שטח אין ביראָ־בידזשאַן געהערן דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר, ד. ה. די קאָלעקטיווע און סאָוועטישע ווירטשאַפטן. אויף צו באַדינען די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן מיט מעכאַניזירטע שלעפּקראַפט (טראַקטאָרס), קאָמפּליצירטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען (קאָמביינען, זייאַמאַשינען, דרעשמאַשינען א. א.) און אָנצופירן מיט זייער אַרבעט, זיינען אין ביראָ־בידזשאַן אָרגאַניזירט געוואָרן דריי מאַשין־טראַקטאָרן סטאַנציעס, וועלכע פאַרמאָגן באַ 100 טראַקטאָרס (לעצטן יאָר האָבן זיי באַקומען נאָך 35), א קאָמביינען א. א., אויטאָ טראַנספּאָרט, רעמאָנט־וואַרשטאַטן, א.אַז.וו. באַזונדערס דאַרפן פאַרצייכנט ווערן די 5 סאָוועטישע ווירטשאַפטן, וואָס זיינען דאָ אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1930-1932. דער גרעסטער פון די ראַטווירטן — דער סאָיע־קערנער ראַטווירט אין סמאָלינסקע — האָט אין 1933 פאַרזייט ביז 6000 העקטאַר און האָט מעליאָרירט נייע 500 העקטאַר באָדן, וואָס עס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט שפּעטער באַדייטנדיק צו פאַרגרעסערן זיין פאַרזייטשטח. סמאָלינסקער ראַטווירט איז אַן אמתע סאָציאַליסטישע ברויט־פאַבריק — די גרעסטע אויפן ווייטן מיזרח. אינעם ראַטווירט, וועלכער איז טעכניש גוט באַוואָרנט (ער פאַרמאָגט 100 טראַקטאָרס, קאָמביינען, דרעשמאַשינען, לאָקאָ־אויטאָמאָבילן), אַרבעטן אין א באַדייטנדיקער צאָל איבערוואַנדערער, — צווישן זיי א היפּשע גרופּע פון אויסלאַנד (ליטע). באַם ראַטווירט פונקציאָנירט א טעכניקום פאַר מעכאַניזירן די סאָציאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט, וועלכע גרייט מעכאַניזאַטאָרן, אַגראָנאָמען א. א. וו. מען דאַרף נאָך אויך פאַרצייכענען דעם פוטער־ראַטווירט אין פּאָקראָווקע, וואָס איז איינע פון די מער פעסטע ווירטשאַפטן אין ביראָ־בידזשאַן, און וואו עס זיינען אויך באַשעפטיקט א ריי איבערוואַנדערער פון אויסלאַנד (אַרגענטינע, בעלגיע), דעם פּיצונט־ראַטווירט אין נאַדעזשינסקי, דעם חזירים־ראַטווירט אין וואָלאָטשייעווקע און דעם בינענצוכט ראַטווירט אַרום דער אייזנבאַן־סטאַנציע בירע.

דערגרייכונגען אויף דעם קולטור־פראָנט

גאַנץ באַדייטענדיגע דערפאָלגן האָט ביראָ־בידזשאַן צו פאַרצייכענען אויפ'ן געביט פון קולטור שטייגערישער בויאונג. אין ראַיאָן פונקציאָנירן 90 אָנפאַנגס־שולן, צווישן זיי 15 זיבן־יאָריגע. די גאָר קליינע קינדער ווערן באַדינט דורך א נעץ קינדער־יאַסלעס, און די קינדער פון 7 ביז 8 יאָר — דורך 40 קינדער־גערטנער און אין שפּיל־פּלעצער. עס זיינען דאָ אויך פאַראַן לערן־אַנשטאַלטן פון א העכערן טיפּ: א פּעדאַגאָגישער טעכניקום, אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניקום און אַ סאָוועטיש פּאַרטיי־שול. די אַלע לערנאַנשטאַלטן גרייטן אייגענע קוואַליפיצירטע קאַדרען פאַר ביראָ־בידזשאַן, הויפּטזעכלעך פון צווישן די איבער־וואַנדערער. די סאָוופּאַרטשול האָט שוין ניט לאַנג געהאַט איר ערשטן אַרויסלאָז, און די וואָס האָבן פאַרענדיגט דעם קורס לימודים, האָט מען צעשיקט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירנדיגע אַרבעט איבערן גאַנצן ראַיאָן, אַלס אָרגאַניזאַטאָרס פון נייע קאָלווירטן א. ד. ג. פאַר די יאָרן פון דער איבערוואַנדערונג איז אין ביראָ־בידזשאַן אויסגעוואַקסן א היפּשע און פאַרצווייגטע נעץ קולטור־אַנשטאַלטן, וואָס באַדינען די דערוואַקסענע באַפעלקערונג: פאַרשיידענע קורסן און אָוונט־שולן, 10 קלובן, 21 רויטע ווינקלען און לייען־הייזער, ביבליאָטעקן, צווישן זיי די ראַיאָנישע, וועלכע פאַרמאָגט שוין העכער 20 טויזנט ביכער, א לאַנדווירטשאַפטלעכער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אינסטיטוט, וואו עס אַרבעטן איבער דער פאַרבעסערונג פון דער לאַנדווירטשאַפט ביי צוויי צענדליג וויסנשאַפטלעכע טוער, צווישן זיי א ריי איבערוואַנדערער פון אויסלאַנד. באַזונדער דאַרף דערמאָנט ווערן דער שטענדיגער אידישער טעאַטער, וואָס ביראָ־בידזשאַן פאַרמאָגט. דעם דאָזיגן טעאַטער האָט מען, ווי באַוואוסט, העכער א יאָר צוגעגרייט אין מאָסקווע מיט דער הילף פון די פאַרדינסטפולע אַרטיסטן פון דער רעפּובליק, דעם קינסטלערישן אָנפירער און די אַרטיסטן פונ'ם מאָסקווער אידישן מלוכה טעאַטער,, די חברים מיכאַעלס און זוסקין.

ביראָ־בידזשאַן פאַרמאָגט שוין איצט 6 אייגענע צייטונגען: 3 פון זיי דערשיינען אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן („ב"ב שטערן", „ב"ב זוויעזדאַ" און

„סטאַלינס רוף”), 1 — ביים אָפּטייל פון דער אַמורזעטער מאַשינטראַקטערנער סטאַנציע, 1 — אין סטאַלינפעלדער ראַטווירט און 1 — אין נאַדעזשינסקער ראַטווירט.

פאַר דער געזונט־פאַרהיטונג פון די ביראָ־בידזשאַנער אַרבעטנדיגע פונקציאָנירן דאָ 14 שפּיטאָלן, וואָס ווערן באַדינט דורך קוואַליפיצירטע דאָקטוירים און געהילפס־דאָקטוירים און 20 מעדיציניִשע פּונקטן אין די קלענערע ישובים. אין שטאָט ביראָ־בידזשאַן זיינען אויך דאָ אַ פּאָליקליניק, אַן אַפּטייק, א. א. וו. מען דאַרף נאָך פאַרצייכענען דעם קוראָרט „קולדור” מיט זיינע שוועבל־וואַרימע קוואַלן, וואָס היילן רומאַטיזם און א ריי אַנדערע קראַנקהייטן. דער דאָזיגער קיראָרט איז זייער פּאָפּולער איבערן גאַנצן ווייטן־מזרח און מיט אים באַנוצן זיך יערלעך פיל הונדערטער אַרבעטענדיגע פונ׳ם גאַנצן קאַנט.

אין ביראָ־בידזשאַן האָט זיך גאַנץ שטאַרק אַנטוויקלט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע דערנערונג. אין אַלע ישובים, ביי אַלע גרעסערע אונטערנעמונגען, אין די ראַטווירטן און קאָלווירטן זיינען פאַראַן געזעלשאַפטלעכע גאָרקיכן, וואו די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און קאָלווירטניקעס באַקומען מיטאָגן און אָוונט־ברויט (אין איינינגע ערטער אויך פרישטיקן). ביראָ־בידזשאַן פאַרמאָגט איצט ביי 25 ביישטאָטישע ווירטשאַפטן, א היפּשע צאָל קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע גאָרטנס, אַ פאַרצווייגטע נעץ קאָאָפּעראַטיווע און מלוכה קלייטן, א. א. וו.

די פאַראַנענע נעץ קולטור־שטייגערישע אַנשטאַלטן באַפרידיגן נאָך ניט פולשטענדיג די אַלץ וואַקסענדיגע באַדערפענישן פון די ביראָ־בידזשאַנער אַרבעטנדיגע, ניט באַפרידענדיג איז אויך די קוואַליטעט פון דער אַרבעט אין אַ טייל אַנשטאַלטן. די אויפמערקזאַמקייט פון די ראַיאָנישע אָרגאַניזאַציעס און פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט איז הײַנט איצט געווענדעט אויף צו פאַרבעסערן די אַרבעט פון די עקזיסטירענדיגע אַנשטאַלטן.

די קאָלווירטישע בויאונג אויף אַ נייעם עטאַפּ

ריידנדיג אין אָנהויב אַרטיקל וועגן די באַגאַנגענע אין ביראָ־בידזשאַן פעלערן, האָבן מיר פריער פון אַלץ געהאַט אין זינען די ערנסטע פעלערן, וואָס זיינען דערלאָזט געוואָרן אין דער קאָלווירטישער בויאונג. אין וואָס קאָנקרעט זיינען באַשטאַנען די דאָזיגע פעלערן ?

ערשטנס, אין דעם, וואָס זינט 1930 ביז 1933 איז אין ביראָ־בידזשאַן ניט אָרגאַניזירט געוואָרן קיין איין נייער איבערוואַנדערשער קאָלווירט. צווייטנס, איז ביז 1933 פאַקטיש קיין זאַך ניט געטאָן געוואָרן, עס זאָל פאַרברייטערט ווערן דער פאַרזיי־שטח פון די איבערוואַנדערשע קאָלווירטן. עס איז פון יאָר צו יאָר געוואַקסן די קאָלווירטישע פיצוכט (די צאָל קי, חזרים, פערד), און דער פאַרזיי־שטח איז געבליבן סטאַביל. דריטנס, ס׳איז געווען ניט קיין ריכטיגע שטעלונג, אז די איבערוואַנדערשע קאָלווירטן ביים אייזנבאַן פאַס זאָלן זייען בלויז גאָרטנוואַרג און ניט קיין ווייץ און קאָרן. עס איז אויך ניט געלייגט געוואָרן די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם, אַז דער איבערוואַנדערער קאָלווירטניק זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו האַלטן אַ קו, צו האָדעווען א חזיר, הינער א. ד. ג. אין איינינגע קאָלווירטן האָט מען געבויט צו גרויסע הייזער מיט צענדליגער וואוינונגען, און וועגן אינדיווידועלע שטאַלן, גערטנער א. א. וו. האָט, נאַטירלעך, קיין רייד ניט געקאָנט זיין. די אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכע פאַרפעסטיגונג פון די איבערוואַנדערשע קאָלווירטן איז צוליב דעם געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. די איבערוואַנדערער־קאָלווירטניקעס, ניט האָבענדיג קיין אייגענע ברויט, האָבן געמוזט זיין קעסט־קינדער ביי דער מלוכה.

זינט 1933 זיינען אין דער קאָלווירטישער בויאונג אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ ריי ענדערונגען, כדי צו באַזייטיגן די אָנגעוויזענע פעלערן און צו ליקווידירן זייערע פאָלגן. שוין אין 1933 זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן צוויי נייע איבערוואַנדערשע קאָלווירטן — „לענינפעלד” אויפ׳ן אַמור, ביים אַלטן קאָלווירט „אמורזעט”, און די רויטע „סאפקע”—ביי דער אייזנבאַן סטאַנציע בירָקאַן. עס איז פאַרן זומער פאַרענדיגט געוואָרן די מעליאָראַציע פון בירָאָפעלדער מאַסיוו, און דאָס גיט די מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן דעם פאַרזיי־שטח פונם אַלטן קאָלווירט בירעפעלד און צו אָרגאַניזירן דאָרט א נייעם קאָלווירט, פאַר וועלכן עס איז פאַראַן אַ פאַרטיגער ישוב. דאָס אייגענע זיינען אָנגענומען געוואָרן די נויטיגע מאָסמיטלען צו פאַרברייטערן דעם פאַרזיי־שטח אין די איבעריגע אַלטע איבערוואַנדערשע קאָלווירטן (וואַלדהיים, איקאָר א. א. וו.). עס ווערן איצט אָרגאַניזירט אַ ריי נייע איבערוואַנדערשע קאָלווירטן: אַלעקסייעווקע, 3 קילאָמעטער פונ׳ם אַלטן קאָלווירט בירָאָפעלד; דעזשניאָווקע, ניט ווייט פון איקאָר; ניקאָפּעלאָוועד און קאַזאַנקע, 35־40 קילאָמעטער פון דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן; איבערוואַנדערשע קאָלווירטן ווערן אויך געשאַפן אין איינינגע דערפער אויפ׳ן אַמור (קוואַשינא, פּוזינאַ בידזשאַן); עס ווערן געמאַכט צוגרייטונגען צו אָרגאַנירן אַ נייעם קאָלווירט אויפ׳ן 23־טן קילאָמעטער, צווישן דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן און בירעפעלד. אויף דער בויאונג פון די נייע קאָלווירטן האָט די מלוכה אַסיגנירט נאָך אין 1934טן יאָר 6 מיליאָן רובל. פון 1935טן יאָר זיינען אין זיי־פאַרקער פון אַלע קאָלווירטן אַריינגעפירט געוואָרן ווייץ און קאָרן; איצט וועלן שוין אַלע איבערוואַנדערער־קאָלווירטניקעס האָבן

איינעם ברויט. עס ווערן אָנגענומען מיטלען צו באַזעצן אַלע קאָלווירטניקעס אין קלענערע הייזער מיט אינדיווידועלע שטאַלן, גאָרטנס, א. א. וו.

די אַלע מאָסמיטלען, צוזאַמען מיט די ביז גאָר וויכטיגע פּריווילעגיעס, וואָס די פּאַרטיי און די סאָוועטן-רעגירונג האָבן דעם 11טן דעצעמבער 1933 דעקרעטירט אויף 10 יאָר פאַר אַלע קאָלווירטן און קאָלווירטניקעס פון דעם ווייטן מזרח'דיגן קאַנט, אין דעם אויך פון בירא-בידזשאַנער ראַיאָן (זיי ווערן פולשטענדיג באַפרייט פון צו אָפּליפערן קערנער-קולטורן דער מלוכה, עס ווערט פאַרקלענערט אויף 50 פּראָצענט די נאָרמעס פון אָפּליפערונג אַלע אנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן א. א. וו.), — דאָס אַלץ פירט אריבער די קאָלווירטישע בויאונג אין בירא-בידזשאַן אויף אַ נייעם עטאַפּ, דאָס גאַראַנטירט פאַר די קאָלווירטן ביז גאָר שנעלע וואוקס-טעמפּן, און פאַר די קאָלווירטניקעס — אַ פאַרמעגלעך קולטורעל לעבן.

בירא-בידזשאַן — אַ צענטער פון דער שווערער אינדוסטריע

אַז דער באָדן פון בירא-בידזשאַנער ראַיאָן איז אומגעהייער רייך מיט פאַרשיידענע ווערטפולע מינעראַלן, איז שוין לאַנג באַוואוסט און וועגן דעם האָט מען שוין פיל געשריבן. אָבער די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון די דאָזיגע רייכטימער האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן ערשט די לעצטע יאָרן און ערשט אין 1933 איז קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן, ווי גרויס עס זיינען די ערד-רעזערוון אין בירא-בירדזשאַנער ראַיאָן, וואו געפינען זיי זיך און ווי ווייט זיי האָבן אַן אינדוסטריעלע באַדייטונג.

די געאָלאָגישע אויספאָרשונגען פון די לעצטע יאָרן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז בירא-בידזשאַן פאַרמאָגט קאָלאָסאַלע רעזערוון פון אייזן-ערץ פון הויכער קוואַליטעט, וועלכע געפינען זיך אין די בערג פון'ם קליינעם כינגאַן און, אַז די בעסטע ערץ געפינט זיך נאָר נאָענט פון דער אייזבאַן-מאַגיסטראַל, ניט ווייט פון די סטאַנציעס בירקאַן, קימקאַן א. א. וו. עס זיינען אויך אַנטפּלעקט געוואָרן קאָלאָסאַלע מאַסיוון גראַפיט, וועלכע דער אינזשענער-געאָלאָג אַבדולייעוו האָט פאַר די רייכסטע אין דער וועלט; באַדייטנדיגע רעזערוון שטיינקוילן, מאַגנעזיט, נייע גאָלד-פּלעצער א. א. וו.

דאָס וויכטיגסטע איז אָבער, איז וואָס לעצטן יאָר האָבן די פּאַרטיי און די סאָוועטן-רעגירונג פּראַקטיש געשטעלט די פראַגע וועגן צוטרעטן צו עקספּלואַטירן אַ טייל פון די דאָזיגע ערד-רייכטימער אין בירא-בידזשאַנער ראַיאָן. דער ח' סטאַלין אין זיין היסטאָרישן פאַרטראַג אויפ'ן 17טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי, און שפּעטער דער ח' קויבישעוו אין זיין פאַרטראַג וועגן צווייטן פינף-יאָר פּלאַן, האָבן אַרויסגערוקט, אַלס קאָנקרעטע אויפגאַבע פון'ם צווייטן פינף-יאָר, דאָס שאַפן פון אַן אייגענער מעטאַלורגישער באַזע אויפ'ן ווייטן מזרח אויפ'ן יסוד פון די בורייער שטיינקוילן-רעזערוון און קליין-כינגאַנער אייזן-אַרץ.

איינגעשלאָסן אין די באַשטימונגען פון'ם 17טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, איז די רעאַליזירונג פון דער דאָזיגער אויפגאַבע געוואָרן אַ שלאָג - דירעקטיוו פאַר די אַנטשפּרעכענדיגע אַלפאַרבאַנדישע און ווייט-מזרח'דיגע רעגירונגס-אָרגאַנען, וועלכע זיינען שוין צוגעטראָטן צו די פּאָרברייטונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר'ן פאַרווירקלעכן אָט די ביז גאָר וויכטיגע אויפגאַבע.

דער בורייער שטיינקוילן באַסיין געפינט זיך ביי 300 קילאָמעטער צו מערב פון דער שטאָט בירא-בידזשאַן. זיינע רעזערוון קאָקסירענדיגע שטיינקוילן ווערן אָפּגעשאַצט אין 140 - 150 מיליאַרד טאָן. דער בורייער באַסיין געפינט זיך ניט ווייט פון דער נייער בייקאַל-אַמורער אייזנבאַן, וואָס ווערט איצט געבויט אויפ'ן ווייטן מזרח.

דער קליין-כינגאַנער אייזן-אַרץ געפינט זיך אין די גרעניצן פון בירא-בידזשאַנער ראַיאָן. זיינע רעזערוון ווערן אָפּגעשאַצט אין הונדערטער מיליאָנען טאָן. ווי עס באַווייזן די לאַבאָראַטאָרישע אַנאַליזן און לויט דער מיינונג פון פּראָפעסאָר זשוקאָוו, באַקומט זיך פון'ם קליין-כינגאַנער ערץ ערשט-קלאַסיגע רוי-וואַרג פאַר'ן דאַמנע פּראָצעס. די בורייער קוילן-פּלאַסטן זיינען ווייט פון די כינגאַנער אייזן-אַרץ מאַסיוון ניט מער ווי אויף אַ שטח פון 150 - 160 קילאָמעטער, וואָס עס איז פולקאָם גינסטיג פאַר דער לייזונג פון דער בוריי-כינגאַנער קוילן-מעטאַל פּראָבלעם.

וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדייטונג פאַר'ן גאַנצן ווייט-מזרח'דיגן קאַנט, און אויך פאַר די בורייער און בירא-בידזשאַנער ראַיאָנען, עס האָט די פּאָזיטיווע לייזונג פון דער דאָזיגער פּראָבלעם, איז קלאָר צו זען פון די קאָמפּעטענטע אָפּשאַצונגען פון די באַקאַנטע ספּעציאַליסטן-אַקאַדעמיקער.

„אינם צווייטן פינף-יאָר — האָט דערקלערט אין דער צייטונג „שטילאָקעאַנישער שטערן" דער אַקאַדעמיקער קאָמאַראָוו—ווערן אָנגעמערקט גראַנדיעזע אַרבעטן אין דער ריכטונג פון עקספּלואַטירן דעם טירמע בורייער קוילן באַסיין און שאַפן אויף דער באַזע דעם קליין-כינגאַנער קאָמבינאַט. דאָס אָרט, וואו עס ווערט צעוויקעלט ווערן די אַרבעט, איז היינט כמעט נאָך ניט באַפּעלקערט. אין עטלעכע יאָר אַרום וועלן אָבער די אַלע ערטער באַקומען גאָר אַן אַנדער אידוסטריעלן אויסזען. פאַר אונז שטייט איצט די אויפגאַבע צו

קאָנצענטרירן אַרום דעם אייזן־אַרץ קאָמבינאַט אַ גרויסע באַפעלקערונג, באַזאָרגן דעם קאָמבינאַט מיט אַרבעטער, אויסבויען נייע שטעט. לויט דער אויסרעכענונג פון ספּעציאַליסטן, וועט זיך פאָדערן בלויז צו דער אַרבעט פון אַרויסבאַקומען אייזן־אַרץ און פאַר׳ן מעטאַלורגישן קאָמבינאַט ניט ווייניגער ווי 10,000 אַרבעטער, ניט גערעכנט די אונטערנעמונגען פון מאַשינ־בויאונג און מעטאַל באַאַרבעטונג. צום אָרט פון דער פאָרשטייענדיגער אַרבעט שליסן זיך איין צוויי פון דער נאַטור זייער רייכע ראַיאָנען: — זעע — בורייער פלאַכלאַנד און בירא־בידזשאַן... דער ראַיאָן צווישן די טייכן בידזשאַן און בירא וועט ווערן דער צווייטער שפּייכלער פון קוילן און דער מעטאַלורגישער צענטער אויפן ווייטן מזרח״.

ווי עס דערקלערט דער אַקאַדעמיקער באָיקאָוו, וועט דער מעטאַלורגישער זאַוואָד פון קליינעם כינגאַן זיין אַ גרויסער אינדוסטריעלער איינס: ער ווערט אויסגערעכנט אויף אַ פּראָדוקציע פון 600 טויזנט טאָן אייזן־אַרץ.

די פראַגע, וואו וועט מען בויען דעם ווייט־מזרח׳דיגן מעטאַלורגישן קאָמבינאַט, איז דערווייל נאָך ניט באַשטימט. די פראַגע ווערט איצט אויפגעקלערט דורך אַ ספּעציעלער בריגאַדע, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע אויפן ווייטן מזרח. נאָר ווי די דאַזיגע פראַגע זאָל ניט געלייזט ווערן, איז קלאָר, אַז מיט׳ן לייזן די בוריי־כינגאַנער פּראָבלעם עפענען זיך פאַר בירא־בידזשאַן קאָלאָסאַלע פּערספּעקטיוון פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, אַז בירא־בידזשאַן ווערט אַ ביז גאָר וויכטיגער צענטער פון דער שווערער אינדוסטריע אויפן ווייטן מזרח, וואָס וועט פאָדערן צענדליגער טויזנטער קוואַליפיצירטע און ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער פאַר די פילצאָליגע נייע בויאונגען און אונטערנעמונגען, וואָס וועלן דאָרטן אַנטשטיין אין די נאָענטסטע יאָרן.

אינ׳ם סאָציאַליסטישן אויפבוי פון בירא־בידזשאַן האָבן די גאַנצע צייט אַקטיוו באַטייליגט זיך די ברייטסטע שיכטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט, הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, קאָלווירטניקעס און אַרבעטנדיגע פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דורך די „געזערד" אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע זיי זיינען פאַראייניגט, האָבן זיי מיטגעהאָלפן צו ווערבירן און אָפּקלייבן איבערוואַנדערער פאַר בירא־בידזשאַן, מאָביליזירט באַדייטענדיגע געלטמיטלען פאַר דער קולטורעלער און שטייגערישער באַדינונג פון די איבערוואַנדערער, אָפּגעגעבן זייער פרייע צייט צו פּראָדוצירן אין זייערע פאַבריקן און זאַוואָדן פאַרשיידענע מאַשינעס און אינסטרומענטן פאַר בירא־בידזשאַן.

דעם סאָציאַליסטישן בירא־בידזשאַן בויט ווירקלעך די אינטערנאַציאָנאַלע סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט פונם גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד, און אויך טויזנטער און טויזנטער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.



די 10 יאָריקע שול אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן



ביראָ־בידזשאַנער קינדער

די אידישע קאָלווירטן אין קרים

פון אן אגראר־אפגעשטאנען לאנד איז דער סאָוועטן־פארבאנד פארוואנדלט געווארן אין א לאנד פון דער גרעסטער לאנדווירטשאפט.

צום צווייטן פינף־יאָר איז דער ראטנפארבאנד געקומען מיט גראנדיעזע דערגרייכונגען אויף אלע געביטן.

די נאציאָנאלע מינדערהייטן פון ראטנפארבאנד, וואס זיינען אזוי פארפאָלגט געוואָרן פארן צאריזם, האבן מיט'ן גרעסטן ענטוזיאזם זיך איינגעשלאָסן אין דער סאציאליסטישער בויאונג, זיינען צוגעטראטן שאפן זייער קולטור, וואס איז נאציאנאל לויט דער פארם און סאציאליסטיש לויט'ן אינהאלט.

די ראטנמאכט האט מיט דער הילף פון ספעציעל געשאפענע אָרגאניזאציעס — קאָמערד און געזערד — געשאפן פיר אידישע נאציאָנאלע ראיאָנען אין קרים און אוקראינע און אויסגעטיילט דעם ביראָ־בידזשאנער ראיאָן אויפן ווייטן מזרח, וואו עס איז איצט פראָקלאַמירט געוואָרן א אידישע נאציאָנאלע געגנט.

מיר וועלן זיך געגנוי אָפּשטעלן אויף דער ארבעט פון די אידישע קאָלווירטן אין קרים.

1. איבערוואַנדערונג

די קרימער איבערוואנדערישע קאָמפאניע אין 1933 איז דורכגעגאנגען מיט א גרויסן דערפאָלג. אנשטאט דעם אָנגעמערקטן פּלאן אויף 1,000 פאַמיליעס האט קרים אויפגענומען 1259 — דאָס האָט פארגרעסערט די באפעלקערונג אין די אידישע קאָלווירטן אויף 5682 נפשות.

פון דער אַנגעוויזענער צאָל פאַמיליעס זיינען אַנגעקומען פון אוקראַינע 813 פאַמיליעס (3638 נפשות) 65 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל און פון וויים־רוסלאַנד 249 פאַמיליעס — (1199 נפשות) 21 פראָצענט.

די אַנגעקומענע 1259 פאַמיליעס זיינען צווישן די קרימער ראַיאָנען פארטיילט געוואָרן אויפ׳ן פאָלגענדיגן אופן:

אין די קאָלווירטן פון פריידאָרפער נאַציאָנאַלן ראַיאָן — 577 פאַמיליעס, פון יעווּפּאַטאָריער ראַיאָן 313 פאַמיליעס, פון דזשאַנקויער 192 פאַמיליעס, אין די איבעריגע קאָלווירטן 177 פאַמיליעס.

לויט דער אויספאָרשונג פון קרימער קאָמערד צײלט די אידישע קאָלווירטישע באַפעלקערונג אין קרים אויפ׳ן 15טן נאָוועמבער 1933 יאָר 5384 פאַמיליעס, פון זיי — 1774 פאַמיליעס אין פריידאָרפער ראַיאָן.

אין 1934 יאָר האָבן די קרימער איבערוואַנדערישע קאָלווירטן אויפגענומען נייע 625 פאַמיליעס, פון דעם פריידאָרף — 265 פאַמיליעס.

די נייע איבערוואַנדערער זיינען לעצטן יאָר אויפגענומען ווערן נאָר אין די קאָלווירטן, וואָס נויטיגן זיך אין ארבעטס־קראַפט און וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו פארגרעסערן זייער ווירטשאַפט אויפ׳ן חשבון פון פארברייטערן דעם שטח ערד און ד. ג. נעמענדיג אין אכט אז די איבערוואַנדערישע קאַמפּאַניע האָט זיך שוין פאַקטיש אַנגעהויבן און די ערשטע גרופּעס איבערוואַנדערער זיינען אין קרים שוין אַנגעקומען, קען מען פאָרויסזען, אז צום סוף פון דער פרילינגדער פארזיי־קאַמפּאַניע וועט אין די קרימער איבערוואַנדערישע קאָלווירטן זיין א באַפעלקערונג פון העכער 6,000 פאַמיליעס.

דער פאָריגער יאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א גוט אָרגאַניזירטן אויפנעם פון די איבערוואַנדערער. די איבערוואַנדערער האָבן זיך אין זייער מערהייט סטאַביליזירט און פארפעסטיגט.

די איבערוואַנדערער פון 1933 יאָר צייכענען זיך אויס לויט זייער סאָציאַלן אָפּקלייב און פיזישן באַשטאַנד. פון זיי זיינען 57 פראָצענט ארבעטער, 29 פראָצענט קוסטאַרן, 12 פראָצענט פויערים און 2 פראָצענט פארשיידענע, העכער 60 פראָצענט פון די אַנגעקומענע איבערוואַנדערער זיינען ארבעטס־פעאיג.

אזא הויכע סאָציאַלע און פיזישע קוואַליטעט איז בפירוש א באַדייטנדיגע דערשיינונג אין דער ארבעט פון די אָרטיגע געזערד אָרגאַניזאַציעס, וואָס פארנעמען זיך מיט אָפּקלייבן און אָפּשיקן איבערוואַנדערער.

2. לאַנדווירטשאַפט

אין קרים זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן 82 איבערוואַנדערישע קאָלווירטן און 4 קאָמונעס.

די קאָלווירטן און קאָמונעס געפינען זיך אין פאָלגענדיגע ראַיאָנען: אין פריידאָרפער ראַיאָן — 32 קאָלווירטן, אין יעווּפּאַטאָריער — 10, אין דזשאַנקויער —11, אין באַוק־אַנלאַרער — 14, אין די איבעריגע ראַיאָנען — 19. ווי עס איז צו זען איז אין פריידאָרפער ראַיאָן קאָנצענטרירט א באַדייטנדיגע צאָל קאָלווירטן און דאָס שטרייכט אונטער, אז דער אידישער נאַציאָנאַלער פריידאָרפער ראַיאָן פארנעמט אויך אַן אַנגעזעענעם אָרט אין דער ווירטשאַפט פון די קרימער אידישע קאָלווירטן.

דער פארזיי שטח אין אַלע קאָלווירטן האָט אין 1933 פארנומען 83351 הא.

אין 1927 יאָר האָט דער פארזיי שטח פארנומען 23,000 הא., אין 1930 יאָר 64,000 הא.

דער פארזיי שטח פון ווינטער ווייץ האָט אין 1933 יאָר באַטראָפן 41798 הא.

דער פארזיי שטח פון די זומערדיגע קולטורן האָט אין 1934 יאָר זיך ניט פארגרעסערט קעגן דעם פאַראַיאָריגן פארזיי שטח, נאָר דער אַסאָרטימענט פון די קולטורן האָט זיך געביטן. דער טראָפּ ווערט איצט געשטעלט אויף דער קוואַליטעט פון דער ארבעט, אויף פארבעסערן די אַגראָטעכניק, אויף העכערן די גערעטעניש און דעריבער האָט זיך דער פארזיי שטח אויף די נאָענטסטע יאָר סטאַביליזירט.

אין 1934 יאָר האָבן די 86 איבערוואַנדערישע קאָלווירטן און קאָמונעס אין קרים פארזייט זומער קולטורן אויף א שטח פון 20444 הא.

די וויכטיגסטע קולטור פון די זומערדיגע קערנער־קולטורן אין די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן איז גערשטן.

א גרויסע באַדייטונג האָט דאָס ארייַנדרינגען אין סטעפּישן קרים פון א גאַנצער ריי וויכטיגע דורכאַקער קולטורן.

א דאַנק דער אידישער איבערוואַנדערונג זיינען אין סטעפּישן קרים אריינגעפירט געוואָרן אַזעלכע טעכנישע קולטורן ווי בוימוואָל, פארגע און באַוואַסערטע גערטנעריי.

דער פארזיי שטח פון די דורכאַקער קולטורן וואַקסט פון יאָר צו יאָר און איז אינעם 1934 יאָר געווען אויף א שטח פון 13126 הא.

א באַדייטנדיג אָרט אין דער לאַנדווירטשאַפט פון די אידישע קאָלווירטן פארנעמען גערטנער און וויינגערטנער. אין 1931 יאָר האָבן די אידישע קאָלווירטן אין קרים געהאַט 370 הא. גערטנעריי, פון זיי 340 הא. באַוואַסערטע.

ביי איצטיגן מאָמענט זיינען שוין פאראן אין די קאָלווירטן גערטנער אויף 2044 הא., פון זיי באוואַסערטע 1,500 הא.

די באוואסערטע גערטנער ווערן באדינט דורך עלעקטרישע פּאָמפּעס, וועלכע גיבן טעגלעך ביי 5 מיליאָן עמער וואסער.

אין די אידישע קאָלווירטן איז שוין פארפלאנצט 550 הא. וויינגערטנער, וועלכע גיבן שוין א גאַנץ גרויסע פּראָדוקציע. לויט'ן פּלאַן פון 1934 יאָר דאַרף דער שטח פון די וויינגערטנער דערפירט ווערן ביז 1,000 הא.

די אידישע קאָלווירטן ווערן אויף 110 פּראָצענט באדינט דורך מאשין־טראַקטאָרנע סטאנציעס. די סטאנציעס פארמאָגן איבער 500 טראַקטאָרס, 50 קאָמביינען און א גרויסע צאָל קאָמפּליצירטע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, וואָס גיבן מעגלעכקייט מאקסימאל צו מעכאניזירן די ארבעטס־פּראָצעסן אין פעלד.

די אידישע קאָלווירטן אין קרים פארמאָגן א באדייטנדיגע צאָל פערד און אָקסן.

אויפן 15טן נאָוועמבער 1933 יאָר האָבן זיך געפונען אין די קאָלווירטן 2304 פערד און 19 אָקסן. (די דאָזיגע צאָל וועט נאָך פארגרעסערט ווערן אויפ'ן חשבון פון יונגן פי און פון די פערד וועלכע זיינען ארייננעפירט געוואָרן אין 934, יאָר). פון דער צאָל געפינען זיך אין פריידאָרפער ראיאָן 711 פערד, אין יעווּפּאַטאָריער — 385, אין דזשאנקויער — 216.

פאר'ן פּראָצעס פון פארפעסטיגן די איבערוואנדערער אין קרים האָבן א גרויסע באדייטונג די טעמפּן פון דער הייזער בויאונג.

סך הכל האָבן אין די קרימער קאָלווירטן (אין פריידאָרפער ראיאָן און אין די איבעריגע איבערוואנדערישע ראיאָנען) זיך געפונען צום סוף פון 1934 יאָר 4973 הייזער.

ניט קוקנדיג אויף דעם גרויסן וואוקס פון דער בויאונג, פילט זיך דאָך אין א ריי קאָלווירטן א גרויסער מאנגל אין הייזער. אם בעסטן איז די לאגע אין פריידאָרפער ראיאָן, וואו די צאָל הייזער אויף היינטיגן טאָג איז גרעסער פאר דער צאָל פאמיליעס וואָס געפינט זיך שוין אין ראיאָן.

אין דער קרימער לאנדווירטשאפט פארנעמען א גרויסן אָרט פיצוכט, חזירים־צוכט, שעפּסן־צוכט און הינער־צוכט.

די קאָלווירטניקעס זיינען באזאָרגט מיט בהמות אויף 75 ־ 80 פּראָצענט. כמעט יעדער קאָלווירטניק האָט ביי זיך א חזיר'ל און הינער.

פארשטייט זיך, אז די קאָלווירטניקעס, וועלכע לעבן שוין אין קרים אייניגע יאָר, זיינען מער פארמעגלעך פאר די נייע איבערוואנדערער. די קאָלווירטניקעס, וועלכע ארבעטן ערנסט און פילן זיך פון דער ערשטער מינוט אלס באלעבאטים פונ'ם קאָלווירט, שטעלן זיך פעסט אויף די פיס אין גאָר א קליינער צייט. די מלוכה ביים אויפנעמען א נייעם איבערוואנדערער באזאָרגט אים מיט קרעדיטן אויף א דירה, אויף א קו, אויף זריעה און אזוי ווייטער.

אין די אידישע קאָלווירטן זיינען אויסגעבויט געוואָרן 52 פארגעזעלשאפטלעכע קי און פערד־שטאַלן. 100 סילאָס־טורעמס, 22 הינער־שטאלן און 4 גרויסע אינקובאטאָר סטאנציעס.

אויף באזאָרגן די נייע איבערוואנדערער מיט דירה'ס און מיט די נויטיגע ווירטשאפטלעכע געביידעס און מכשירים, און אויך אויפ'ן פארענדיגן די אָנגעהויבענע בויאונג האָט די מלוכה אסיגנירט אויפ'ן 1934 יאָר 3,520,000 רובל.

פאר'ן העכערן די הכנסות אין די קאָלווירטן שפּילן א באדייטנדיגע ראָלע אויך די 57 קוסטארע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען אָרגאניזירט געוואָרן אין העכער 50 קאָלווירטן. אין די אָנגעוויזענע ארטעלן זיינען פארנומען איבער 1,300 איבערוואנדערער, איבערהויפּט פרויען און אויך מענער, וועלכע זיינען ווינטער־צייט פריי פון דער פעלד ארבעט.

די געווערב־ארטעלן האָבן אין 1933 יאָר געגעבן פּראָדוקציע (וואָל, און אנדערע זאכן) אויף 750 טויזנט רובל.

די ארטעלן ווערן יערלעך פארגרעסערט און מיט דעם אויך די צאָל קאָלווירטניקעס וואָס זיינען אין זיי באשעפטיגט.

3. קולטור און שטייגער־בויאונג, מעדיצינישע הילף

די קולטור־בויאונג אין די אידישע קאָלווירטן אין קרים איז באדייטנדיג אויסגעוואקסן פאר די לעצטע יאָרן.

עס פונקציאָנירן 79 שולן פון דער ערשטער און 18 פון דער צווייטער שטופע, וועלכע כאפּן ארום 100 פּראָצענט פון די קאָלווירטישע קינדער. די יוגנט וועלכע ענדיגט די צווייטע שטופע האָט א מעגלעכקייט צו לערנען זיך ווייטער אין די צוויי לאנדווירטשאפטלעכע טעכניקומס, וואָס זיינען ספּעציעל פאר קינדער.

פיל אכטונג און מיטלען גיבן אָפּ די אָרטיגע אָרגאניזאציעס און אויך דער צענטראל־ראט פון געזערד צו פאָר־שול אנשטאלטן.

אין דעם הינזיכט איז אין די אידישע קאָלווירטן זייער פיל אויפגעטאָן. עס פונקציאָנירן שטענדיגע 86 קינדער־פלעצער, וועלכע דינען 3503 פאָרשול־קינדער.

אין פיל אידישע קאָלווירטן איז די ארבעט פון די קינדער־אנשטאלטן אויסגעשטעלט מוסטערהאפט.

אין די אידישע קאָלווירטן איז אויך אויסגעוואקסן די

צאָל לייען־שטיבלעך, רויטע־ווינקלען, וואו עס פירט זיך א גרויסע פּאָליט־מאַסאָווע ארבעט צווישן די קאָלווירטניקעס, ספּעציעל אויסגעבויטע געביידעס צוליב דעם אָנגעוויזענעם צוועק איז אין די קאָלווירטן פאראַן 49, די מערהייט פון זיי ראַדיאָפיצירט. אין דער גרעסטער צאָל קאָלווירטן איז אריינגעפירט געוואָרן ראַדיאָ און ביי די קאָלווירטניקעס אין שטוב אויך.

עס איז אינטערעסאַנט אָנצעווייזן דעם וואוקס פון דער צאָל שולן, שילער און קינדער־פּלעצער, פונ׳ם 1927 ביז׳ן 1934 יאָר.

יאָרן	די צאָל שולן פון דער 1טער שטופע	די צאָל שולן פון דער 2טער שטופע	קינדער פּלעצער
1927	8	3	180
28	17	5	459
29	25	7	679
30	49	13	1328
31	64	61	1990
32	72	78	2059
33	79	80	2757

אין פריידאָרפער ראַיאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרן א גרויסע ראַיאָנע ביבליאָטעק וואָס באַזאָרגט אלע קאָלווירטן מיט ליטעראַטור.

א גרויסע ראָליע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ראַיאָן שפּילט די פריידאָרפער ראַיאָנע צייטונג „לעניני־וועג" און אויך די צייטונגען וואָס גיבן ארויס די פּאָליט־אָפּטיילונגען פון די מאַשין־טראַקטערנע סטאַנציעס.

מיט׳ן הילף פונ׳ם צענטראַל־ראַט פון „געזערד" איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין קרים א אידישער קאָלווירטישער טעאַטער, וועלכער באַדינט פּעריאָדיש אלע קאָלווירטן. אין די קאָלווירטן זיינען אָרגאַניזירט 12 סטאַנציאָנארע מעדיצינישע פונקטן און א גרויסער שפּיטאָל אין פריידאָרפער ראַיאָן.

מיט דער הילף פון „געזערד" ווערן אָפט געשיקט אין די קרימער אידישע קאָלווירטן מעדיקער פון פאַרשיידענע ספּעציאַליטעטן.

אויך אין סימפעראָפּאָל (די הויפּטשטאָט פון קרימער רעפּובליק) איז דורך דער געזערד־פאָרשטייערשאַפט אָרגאַניזירט געוואָרן א גרויסער שפּיטאָל (75 בעטלעך) ספּעציעל פאר די אידישע קאָלווירטניקעס.

אין דער מערהייט פון די קאָלווירטן געפינען זיך געזעלשאַפטלעכע גאָרקיכן, וואָס באַזאָרגט די קאָלווירטניקעס מיט דערנערונג — איבערהויפּט אין דער צייט פון פעלד־ארבעט.

די גאָרקיכן און די קינדער פּלעצער גיבן א מעגלעכקייט אויסצונוצן אויך די ארבעט־קראַפט פון די פרויען אין דער ווירטשאַפט און מיט דעם פארגרעסערן די הכנסה פון יעדער קאָלווירטישער פאַמיליע.

די אידישע קאָלווירטן אין קרים האָבן דורכגעמאַכט א וויכטיגן היסטאָרישן עטאַפּ.

אין א העפטיקן קאַמף מיט די רעשטלעך פון קלאַסנפיינט, ליקווידירנדיק די דורכרייסן, בייקומענדיק די שוועריקייטן, האָבן די קרימער קאָלווירטן אלע מעגלעכקייטן ארויסצוגיין אויף א ברייטן און ליכטיקן שליאַך צו א פאַרמעגלעך, קולטורעל לעבן.



א שלאָגלער פון א אידישן קאָלווירט

פּ. נאָוויק

דאָס אידישע לעבן אין אמעריקע אין 1935

1. געטאָ שטימונגען

א סך שטורמישע וואסערן זיינען שוין אוועקגעפלאָסן זינט דעם אָנהויב פונם קריזיס. א סך ארטיקלען האָט מען שוין זינט 1929 אָנגעשריבן וועגן דער אידישער לאַגע. א סך רפואות האָט מען שוין זינט דאמאָלט פאָרגעלייגט. אין אָנהויב 1932 איז די אידישע פרעסע אין אמעריקע געווען פול מיט סעריעס ארטיקלען וועגן דעם „גורל" פון „אידישן פאָלק". מען האָט גערעדט וועגן רעקלאסירטע, וועגן דיסקרימינאַציעס, וועגן דער האָפנונגסלאָזער יוגנט, מען האָט געזוכט אן אויסוועג. ניט אלע האָבן געפונען. געווען אזעלכע וואָס האָבן עפּעס אָפּגעזוכט — פארמעריי.

פארמעריי. אין סאָכע ליגט די מזל־ברכה... מיטן שוויים פונם אנגעזיכט... הואווער איז געווען א בייזער, אבער רוזוועלט וועט העלפן. ער האָט שוין באשטימט — א האלבן מיליאָן דאלאר. פארמעריי! א קאָנפערענץ וועגן פארמעריי! און מען האָט שוין פארשריבן אפליקאנטן פאר א קאָלאָניע אין ניו דזשוירזי...

און — עס האָט זיך אלץ אויסגעוועפּט.

שוין זינט אָנהויב 1934 האָט זיך דאָס אידישע לעבן אין אמעריקע „אויסגעצייכנט" אין א גרויסער מאָס מיט רעזיגנאַציע, מיט אָפּהענטיגקייט, מ'האָט שוין ניט געזוכט קיין רפואות. אויב מען האָט געטאָן וואָס איז דאָס געווען די אלטע טועכץ: קלאָגן, מורא האָבן.

דאָס טועכץ פון דער געטאָ.

און 1935 האָט די רעזיגנאַציע־שטימונג פארשטארקט.

אן אנטיסעמיטיש בלעטל האָט מען פארשפּרייט אין דער סאָבוועי (אונטערגרונט־באן). אידן פארכאַפּן אמעריקע. אידן האָבן פארנומען אלע וויכטיקע שטעלעס. אידן פירן די רעגירונג אין שטאָט. אידן פירן רוזוועלטן פארן נאָז. אידן... אידן... אמעריקע דערוואַך!

אדער א פרעזידענט פון א קאלעדזש—וועלסלי קאלעדזש, אין קאָנעקטיקוט—שרייבט: עס קומען יערלעך אריין אין מעדיצינישע פאקולטעטן אין אמעריקע ארום 6,300 סטודענטן פון 14,000 אפליקאנטן. 17 פראָצענט פון די סטודענטן זיינען אידישע. בעת אידן מאכן אויס ניט מער ווי פינף פראָצענט פון דער אמעריקאנישער באפעלקערונג. דאָס קאָן ניט זיין!

האָט מען אונטערגעשטראכן מיט א קרעכץ:

ס'איז דאָס ערשטע מאָל, אז מען זאָל אזוי אָפן רידן וועגן א פּראָצענט־נאָרמע פאר אידן אין די אוניווערזיטעטן. איז עס ניט געווען דאָס ערשטע מאָל. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט פּראָפעסאָר לאָועל פון הארוואַרד אוניווערזיטעט (דאָס איז דער זעלביגער לאועל, וואָס האָט געהאָלפן פארברענען סאקא און וואנזעטי) געוואָלט אָפן איינפירן א פּראצענט־נאָרמע. מען האָט געמאכט א געשריי און די נאָרמע איז איינגעפירט געווארן אומאָפיציעל. מען גיט זיך שוין אן עצה — אויפן אידעלן הארוואַרד־שטייגער. מען דערקלערט: „ניטאָ קיין וואקאנסיע", „דער עקזאמען באפרידיגט ניט", אדער סתם — דער אפליקאנט איז ניט קיין „הארוואַרד־מאטעריאל". און אזוי אין אנדערע אוניווערזיטעטן, וואו מען האלט שוין פון לאנג אָן אן אומאָפיציעלע פּראָצענט־נאָרמע פאר אידן.

אָבער — יע דאָס ערשטע מאָל, ניט דאָס ערשטע מאָל — ווידער האָט מען געשריען דעם אלטן געשריי: געוואלד! און ווידער האָט מען געגעבן דעם אלטן מיטל: אידן, מישט זיך ניט!

אידן, מישט זיך ניט! אידן, שטופּט זיך ניט! אידן, לערנט זיך ניט אזוי פיל! אידן... אידן...

פעליקס ווארבורג, דער פאקטישער הויפּט פון דער „אמעריקען דזשואיש קאָמיטע" (אמעריקאנער אידישער קאָמיטעט) האָט צום אנהויב 1934 אנטדעקט, אז „מער אידן האנדלען מיט ווייץ, וויפיל עס פארזייען ווייץ". אידישע קינדער (ניט זיינע, פארשטייט זיך) דארפן זיך ניט אזוי יאָגן אין די קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן. און ווארבורגס רייד האָבן אין 1934 און 1935 געהאט זייער ווידערקאָל אין דער כלל־ישראל פרעסע („טאָג"), נאָכדעם ווי דער פרעזידענט פון וועלסלי קאלעדזש האָט געמאכט זיין דערקלערונג. אידישע קינדער, שטופּט זיך ניט, לויפט ניט ווערן דאָקטוירים, אדוואָקאטן, דענטיסטן! עס טויג ניט פארן אידישן נאָמען און עס טויג בכלל ניט! און צום סוף פון 1934 איז באקאנט געוואָרן, אז רייכע אידן, צווישן זיי הענרי מאָרגענטוי (פאָטער פון פינאנץ־סעקרעטאר פון די פאראייניגטע שטאטן), האָבן זיך געווענדט צו רוזוועלטן מיט א פארלאנג, אז מען זאָל מער ניט באשטימען קיין אידן אויף הויכע אמטן, ווייל עס איז שוין אזוי אויך פאראַן צופיל אידן...

„אידן, שטופּט זיך ניט", איז געוואָרן א בריי־

טער לאַזונג. אידן, בונטעוועט ניט! אידן, זייט ניט קיין קאָמוניסטן!

אין דער צייט פון די וואַלן, אין נאָוועמבער, האָט מען געפּאָדערט פון אידישע קאָמוניסטן אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון צו זיין קאַנדידאַטן אויפן קאָמוניסטישן צעטל. וואָס וועלן די „גוים" זאָגן? און וואָס שטאַרקער עס הויבט זיך די פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אַלץ אָפטער זייט מען ארויס פון האַלב-פאַרשטשעמטע ציין: אידן, מישט זיך ניט!

אידן, אין דער געטאָ אריין!

די געטאָ, דער אַלטער אידישער „קוואַרטאַל", דער אָרט וואו די ערשטע מחנות אידישע אימיגראַנטן האָבן זייערע פּעקלעך אוועקגעלייגט, האָט אנגעהויבן אויפצולעבן צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס. פון די שענערע קוואַרטאַלן, פון די „בעסערע" טיילן פון שטאָט, האָט מען גענומען קומען צוריק צו דער „אַלטער היים", צו די ארימע גאַסן. מען איז געקומען אריינקלייבן זיך צו אַלטע עלטערן, וועמען מען האָט געלאָזן אין אָרימען „קוואַרטאַל" און וועמען מען פלעגט פריער איינלאַדן צו זיך אין דער שיינער דירה צוגאַסט. מען איז געקומען צו קרובים, קריגן ביליגערע דירות. די געטאָ האָט אויפגעלעבט צוליב עקאָנאָמישע סיבות. און דער גייסט פון דער געטאָ האָט אויפגעלעבט צוזאַמען דערמיט.

2. היטלער'ס שאָטן

אנטיסעמיטיזם, דיסקרימינאַציעס, האָבן זיך אין 1935 אויפגעהויבן צו אַ שטופּע, אַז אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, מיט דער אויסנאַם פון די גאָר רייכע, האָבן זיי אנגעהויבן פילן. די צייט איז שוין לאַנג אַוועק, ווען דיסקרימינאַציעס האָבן זיך רעדוצירט צו באַגרענעצונגען אין די „בעסערע" אוניווערזיטעטן, האָטעלן, קלובן. אין 1935 איז די כוואַליע פון אנטיסעמיטישע העצעס און דיסקרימינאַציעס אויסגעברייט געוואָרן אַזוי, אַז אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג — מיט קליינע אויסנאַמען — פילן זי.

דער פינצטערער שאָטן פון היטלערן האָט זיך אַלץ מער אָנגעזען אויף די גאַסן פון ניו יאָרק, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט. אין פאַרלויף פונם יאָר האָבן די היטלער-באַנדעס, די „פרוינדע דעם נויען דויטשלאַנד" זיך צעריסן און צעשפּאָלטן, אַ דערשיינונג, וואָס איז צום גרויסן טייל אַ רעזולטאַט פון דער פאַרערגערטער עקאָנאָמישער לאַגע אין דייטשלאַנד. אָבער דער אַנטיסעמיטישער טאָן, וועלכן זיי האָבן מיט אימפּעט אריינגעטראָגן אין דער אַמעריקאַנישער גאַס, איז שוין געגאַנגען ווייטער, אפילו נאָך זייער צעפאַלונג. דאָ האָט אים אויפגעכאַפּט די אָרגאַניזאַציע „זילבערנע העמדלעך". איז די אָרגאַניזאַציע עטוואָס, אָדער אינגאַנצן, געפאַלן, — אָט ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט די „כאַקי העמדלעך" א יאָר פריער, — האָט דער „אָרדער פון 76" און די אַלע צענדליגער פאַשיסטיש-אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וואַקסן ווי שוועמלעך, דעם טאָן אונטערגעכאַפּט און אָנגעהאַלטן.

דער אנטיסעמיטישער טאָן איז געוואָרן אַן אָפענע זאַך. און ער האָט זיינע פאַרשיידנאַרטיגע פּאָגראָם-אָקטאַוועס. ווילסאָנס אַמבאַסאַדאָר אין דייטשלאַנד ביז 1917, דזשעימס וו. דזשעראַרד, האָט נאָך אין 1934 דערקלערט (און גראָד אין אַ רעדע אין אַ סינאַגאָגע), אַז אויב אידן וועלן ניט אויפהערן מיט „זייער" קאָמוניזם וועלן אין אַמעריקע אויסברעכן פּאָגראָמען, וואָס די צאַרישע פּאָגראָמען וועלן קענען זיי אויסקוקן ווי אַ שפּילכעלע. אָט מיט די ווערטער. אין דער זעלביגער צייט איז הוירסט געקומען פון אַ וויזיט ביי היטלערן, און די גאַנצע הוירסט פּרעסע, וואָס קומט אריין אין מיליאָנען היימען, האָט זינט דעמאָלט אָנגעהויבן פירן אַ ביטערע, אַ גיפטיגע העצע קעגן „קאָמוניסטן און פרעמדע", וועלכע איז אויף אַ שלעכט-פאַרשטעלטן אויפן אַ העצע קעגן אידן.

און אַ העצע באַטרייבט דער „ראַדיאָ-גלח", פּאָטער קאָגלין פון דעטראָיט, וועמעס רייד די ראַדיאָ טראָגט פּאַנאַנדער יעדן זונטיק אין מיליאָנען היימען איבער גאַנץ אַמעריקע. דער גלח, וועלכער באַנוצט ראַדיקאַלע פראַזן קעגן די באַנקירן און האָט געשאַפן אַרום זיך מאַסן - נאָכפאָלגערשאַפט, וואַרפט אריין ווען נאָר עס לאָזט זיך, אַ ווערטל וועגן „אידישע באַנקירן", וועגן „אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן", מאַכט „אידישע" האַוואַיעס.

די הוירסט-העצע, — ניט געקוקט אויף דעם וואָס די „פּראָפעסיאָנעלע אידן" און די „עכט"-אידישע צייטונגען מאַכן זיך ניט וויסנדיג וועגן איר, — נעמט אָן אַלץ מער אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. צום סוף 1935 האָט הוירסט אָנגעהויבן אַ באַזונדערע אַטאַקע געגן קאָמוניזם, און אַלס ציל-ברעט פון דער אַטאַקע האָט ער אויסגעקליבן דעם רעדאַקטאָר פון דעם אידישן אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די „מאָרגן-פרייהייט", מ. אָלגין, פּראָפעסער פון דעם ברייט-פאַרשפּרייטן פּראָפּאַגאַנדע-ביכל „וואָי קאָמוניזם". דאָס איז געטאָן געוואָרן און ווערט געטאָן מיט אַ באַשטימטן צוועק — כדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז קאָמוניזם איז אַ „אידישע דערפינדונג".

הוירסט טוט היטלערס ארבעט.

הוירסט פאָלגט נאָך די ארבעט פון דעם געוועזענעם קאָנגרעסמאַן לואיס ט. מעקפאַדן (פון פענסילווייניאַ), וועלכער איז געווען אין קאָנגרעס דער אָפענער אַגענט פון די „זילבערנע העמדלעך". ער פלעגט פון דער טריבונע פון קאָנגרעס ציטירן שטיקער פון

די „פּראָטאָקאָלן פון ציון" און האָט אויך געמאַכט אָנפאַלן אויף אידישע קאָמוניסטן, און טאַקע ספּעציעל אויפן פּראָפעסאָר פון „וואָי קאָמוניזם" — מ. אָלגין.

ווי געזאָגט, די „עכטע" אידישע צייטונגען רעאַגירן ניט אויף הוירסטס העצעס — צוליב געשעפט-אינטערעסן און נאָכמער — צוליב געמיינזאַמער שנאה צום קאָמוניזם, צוליב קלאַסן-אינטערעסן. אין דעם יאָר 1935 האָט איין אידישע צייטונג אין ניו יאָרק—דער „פאָרווערטס"—אָפן געטאָן שותפות'דיקע אַרבעט מיט הוירסטן, אין זייער געמיינזאַמער אַטאַקע אויפן סאָוועטן-פאַרבאַנד (די אַרטיקלען פון הערי לאַנג, פּרעד ביל, מישא בורשטיין, זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן ביי הוירסטן). דאָס באַווייזט נאָר, אַז צוליב זייער שינאה געגן קאָמוניזם זיינען אידישע רעאַקציאָנערן שטענדיג גרייט מקריב צו זיין אידישע אינטערעסן...

די אַלגעמיינע העצעס האָבן דאָ און דאָרטן געבראַכט רעזולטאַטן. אין 1934 האָט זיך אין וואודסאַיד, לאָנג איילאַנד, ביי ניו יאָרק, פּאַרקאָכט א געשיכטע מיט א „בלוט בילבול". דער בלבול האָט ניט אָנגענומען קיין ערנסטע פאָרמען, אָבער א צייכן פון דער צייט איז ער געוועזן. און נאָר א גרויסע אַנטיסעמיטישע העצע האָט מיט א צייט שפּעטער א „שוואַרצער היטלער" אויפגעהויבן אין נעגער-קוואַרטאַל אין ניו יאָרק, א העצע, אַז מען זאָל ניט קויפן אין אידישע קראָמען.

דאָ מוז מען זאָגן, אַז די האַנדלונג פון געוויסע עלעמענטן אין דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע דיסקרימינירן געגן נעגערישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, און האָבן בכלל א פאַראַכטנדיגע באַציאונג צו נעגער, האָט אַריינגעשפּילט אין די הענט אַריין פון דעם „שוואַרצן היטלער". דאָ דאַרף אויך געזאָגט ווערן, אַז עס איז ניט נענוג, און עס איז ניט געווען גענוג, צו שרייען געגן היטלעריזם, בלויז צו שרייען. איין אַקט פון באַקעמפן א שלעכטע, דיסקרימינירנדיגע, אידישע באַציאונג צו נעגערס העלפט פיל מער ווי א סך סתם געשרייען, נעמט אַוועק דעם באָדן פון אַנטיסעמיטישע העצער. אָבער די העצע גופא איז ניט געווען קיין אָפּגעריסענע זאַך, נאָר א טייל פון אן אַלגעמיינער דערשיינונג, א טייל פון געזעלשאַפטלעכן און אַפילו רעגירונגס אַנטיסעמיטיזם, וואָס זעט זיך אן אַלס שאַרפער.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט נעקראָגן דאָ און דאָרטן אָפיציעלע סאַנקציע. אויף די גאַסן פון ניו יאָרק, באָסטאָן און אַנדערע שטעט האָט מען געשפּאָלן קעפּ פון אַנטי-פאַשיסטן, אַרעסטירט, פאַר'משפט. די פּאָליציי האָט אַרויסגעוויזן אומעטום אָפענע פּאַרטייאישקייט פאַר די פאַשיסטן און קעגן אַנטי-פאַשיסטן.

די דיקשטיין קאָמיסיע (די קאָנגרעס-קאָמיסיע מיט קאָנגרעסמאַן דיקשטיין בראש) האָט נאָך אין 1934 פעסטגעשטעלט, אַז נאַצים קריגן ביקסן פון די אַרמיי-אַרסענאַלן, צו מושטירן זיך. די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז וואָל סטריט זוכט זיך אן אַמעריקאַנישן מוסאָליני, א היטלער. און די פאָרשטייער פון פאַשיזם האָבן גראָד ביי די פאַרהערן פון אָט-דער קאָמיסיע, וועמענס וויצע-פּאָרזיצער עס איז א איד, דיקשטיין, אויפגעפירט זיך באַזונדערס חוצפה'דיג. דער פאַשיסטן-פירער פילט, אַז „די מאַכט איז מיט מיר." ער טרעט אומעטום אויף מיט א חוצפה, וואָס זאָגט, אַז ער האָט אויף וועמען צו דופען אין די הויכע פענצטער.

און עד היום האָט מען די נאַצים ניט באַגרעניצט אין זייער אַרבעט. פאַרקערט, די פאַשיסטן און אַלע אַנטיסעמיטן ווערן אַלץ חוצפה'דיגער.

ס'איז ווי דזשאָן סטראַטשי (פּראָפעסאָר פון „דהי קאָמינג סטראַגל פאָר פּאַוער" און אַנדערע ביכער) האָט דערציילט זייער בילדלעך אין אן אַרטיקל אין זשורנאַל „ניו מעסעס". ער האָט אין שיקאַגאָ געזען אויפן גאַס א באַנדע פאַשיסטן מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט. האָט ער געפרעגט ביי א פּאָליציאַנט, צי ער וואָלט קאָמוניסטן אויך געלאָזט אַרומגיין אַזוי באַוואָפנט איבער די גאַסן. האָט דער פּאָליציאַנט געענטפערט: „דאָס זיינען דאָך אָבער אונזערע"!

דאָס איז געווען א כאַראַקטעריסטישער ענטפער. דער פּאָליציאַנט האָט אויסגעדריקט די שטימונג אין פּאָליציי-דעפּאַרטמענט. אַזוי אין שיקאַגאָ, אַזוי אין פילאַדעלפיע, וואו די פּאָליציי פלעגט רואיג צוזען, ווי „אַרטשי" סמיט, דער הויפּט פון די „כאַקי העמדלעך" (וועלכער איז שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן פאַר מאָרד) פלעגט אַרומפאָרן איבער די פילאַדעלפיער גאַסן מיט א באַוואָפנטער וואַך. און אַזוי אין די אַנדערע שטעט. די פאַשיסטן פילן, אַז זיי זיינען „פון אונזערע".

א שאַרפער קאָנטראַסט צו דער האַלטונג פון די פאַשיסטן איז די האַלטונג פון די פּראָפעסיאָנעלע אידישע כלל-טוער, וועלכע האָבן דורכויס אויסגעמידן צו דערשינען פאַר די רעגירונגס - קאָמיסיעס, אָפּצוענטפערן אויף די אָנפאַלן פון די פאַשיסטן. נאָר אַנדערש, ווי די פאָרשטייער פון דער אידישער בורזשואַזיע האָבן געהאַנדלט, אמאָל, אין דער צייט פון באַרג-אַרויף גאַנג פון דער בורזשואַזיע בכלל! די לואי מאַרשאַלס און די וואַרבורגס פלעגן דעמאָלט לויפן, קלאַפּן, שרייען. איצט איז ווידער אמאָל: אידן, שטופּט זיך ניט...

דעפּרעסיע, געטאָ-שטימונג. דערמיט האָט זיך אויסגעצייכנט 1935. אָבער ניט דאָס איז געווען די הויפּט אורזאַך פאַר דער האַלטונג פון דער אידישער בורזשואַזיע. די הויפּט-אורזאַך איז געווען דאָס, וואָס דער פאַשיזם איז אויך איר אינסטרומענט, ווי דער אינסטרומענט פון דער ניט-אידישער בורזשואַזיע.

אין זיין סעריע ארטיקלען האָט דער רעוואָלו־ציאָנערער שרייבער דזשאן ל. ספּיוואַק אויפגעדעקט, אז רייכע אידן (ער האָט דערמאָנט די איינגנטימער פון דער „פלאָרשהאַים" שיך־פירמע, דירעקטאָרן פון דער ראָזענוואַלד־פירמע „סירס ראָבעק", א ניט־אידישן שותף פון דער אידישער באַנקירן־פירמע „לעימאן ברידער", און אנדערע) העלפן די פאשיסטן מיט געלט, כאָטש זיי, די רייכע אידן, ווייסן, אז די פאשיסטישע העצער זיינען אנטיסעמיטן און פירן אָן אנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

אין דייטשלאַנד האָבן רייכע אידן געהאָלפן דעם היטלעריזם, אין עסטרייך — דער היימווער. און אמעריקאַנישע רייכע אידן העלפן די פאשיסטן.

און די דיקשטיין־קאָמיסיע גופא, וועלכע האָט אזויפיל „געפּאַרשט" דעם פאשיזם, האָט גאָר אירע הויפּט־קאַנאָנען אָנגעשטעלט אויף דער קאָמוניסטישער באוועגונג. זי אליין איז אן אינסטרומענט פון פאַשיזם. און דיקשטיין, דער פּאָרזיצער פון דער קאָנגרעס - קאָמיסיע וועגן אימיגראַציע, איז א טרייבקראַפט אין דער כוואַליע פון דעפּאָרטאַציעס פון „פרעמדע", איז אן אינסטרומענט אין די הענט פון דער אַלגעמיינער רעאַקציע.

ווי אין אלע לענדער, אין אלע צייטן, זיינען פאַרפאָלגונגען אויף נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט פאַרפאָלגונגען אויף רעוואָלוציאָנערע ארבעטער. צוזאַמען מיט דער כוואַליע פון רעאַקציע, מיט דער פאשיזירונג פון מלוכה־אַפּאַראַט, האָבן זיך געמערט די דיסקרימינאַציעס געגן אידן.

3. וואָר־זשע איז די האָפענונג?

די שאַרפקייט פונ'ם קריזיס איז אין 1935 עטוואָס אָפּגעשטומפּט געוואָרן צווישן געוויסע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג. דער קריזיס איז אריבער אין א דעפּרעסיע — אָבער א דעפּרעסיע פון א ספּעציעלן סאָרט, א דעפּרעסיע אין צייט פון אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, — און אין צייט פון פאַשיסטישער געפאַר. איז ניטאָ קיין נחת אפילו צווישן די שיכטן. מיט שרעק טראַכט מען שוין וועגן דעם אָנקומענדיגן קריזיס, וועלכער ווערט אָפּן פאָראויסגעזאָגט.

אָבער פאַר די ארבעטלאָזע, ווי פאַר יענע מיטלשיכטן וועלכע ווערן דעקלאַסירט, איז קיין דערוויילינגע ישועה אויך ניט געקומען. צוליב דער אויסגעמאַטערטקייט פון לאַנגע יאָרן קריזיס און צוליב דער וואַקסנדיגער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל איז די לאַגע פון די שיכטן געוואָרן ערגער ווי געווען.

עס ווערט פאַרשאַרפט די לאַגע פון די דעקלאַסירטע. עס ווערט פאַרשאַרפט די לאַגע פון דער אידישער יוגנט, פון דער מיטלקלאַס־יוגנט ספּעציעל, וועלכע ווערט ניט צוגעלאָזט צו פאַרנעמען שטעלעס אין בייַנק און אין די יוטיליטיס (עלעקטרישע און גאַז קאָמפּאַניעס), צו פאַרנעמען שטעלעס פון אינזשענערן, כעמיקער, אָדער אלס דאָקטוירים אין שפּיטאָלן.

די פראַגע פון די דעקלאַסירטע איז א „בלינדע" פראַגע. אויף וויפיל זי האָט אָנגערירט און רירט אָן דער אידישער באַפעלקערונג פון אמעריקע דאַרף מען זיך ערשט אָנשטויסן.

אין מאַי 1934 האָט דער רעגירונגס־סטאַטיסטיקער איזידאָר לובין דערקלערט אויף דער קאָנפערענץ פון סאָשיעל וואָירקערס אין אַטלאַנטיק סיטי, אז צווישן אָקטאָבער 1929 און אָנהויב 1934 זיינען צוויי מיליאָן קליינבירגער אין אמעריקע דעקלאַסירט געוואָרן. מען מעג אָננעמען, אז די ריכטיגע צאָל איז געווען מער ווי צוויי מיליאָן. מען מעג אָננעמען, אז זינט אָנהויב 1934 זיינען צוגעקומען נאָך הונדערטער טויזנטער, אָדער א מיליאָן. און מען מעג געוויס אָננעמען, אז צווישן די אלע מיליאָנען דעקלאַסירטע, זינט 1929 און פון פאַר 1929, איז די פּראָפּאָרציע אידן גאָר א היפּשע.

דעקלאַסירטע! אין דעם זאָל פון דער קאָנפערענץ, וואוהין דער הויפּט פון דער „יונייטעד סטעיטס ביוראָ אָוו לעיבאָר סטאַטיסטיקס" האָט אריינגעבראַכט דעם געשפּענסט, איז געוואָרן אומעטיג. דאָס וואָרט איז געפאַלן מיט אן אומהיימלעכן קלאַנג.

און אָט איז — דעקלאַסירונג. און אָט ווערט מען ארויסגעשלאָגן פון די פּאָזיציעס. היינט דער שכן — מאָרגען איך...

עס איז געווען צעמישטקייט אין זאָל. און אָט די צעמישטקייט האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט — וואָס מער דער קריזיס פאַרציט זיך, וואָס מער גרויס־קאַפּיטאַל שטאַרקט זיך, וואָס מער ער נעמט אריין אין זיינע הענט אַלץ מער פון די רייכטימער פון לאַנד. אז די נ. ר. א. האָט מיטגעהאָלפן דעם דאָזיגן פּראָצעס — און דעם פּראָצעס פון דעקלאַסירונג — איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר.

און דאָ האָט די געשיכטע מיט דער קאָלאָניע האַיטסטאַון—„לייזן" אלע פּראָבלעמען דורך באַזעצן א פּאָר הונדערט מענטשן אויף א פאַרם, וואו זיי זאָלן פירן אן עקזיסטענץ, א לעבן אונטערן סטאַנדאַרד, — אויך דער „אויסוועג" איז ענדגילטיג דורכגעפאַלן.

איז — וואָס ווייטער?

דאָס יאָר 1935 האָט ניט געבראַכט קיין בעסערקייט אינם געביט פון סטאַטיסטיק וועגן דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער אידישער באַפעלקערונג. אָבער עס איז ניט געווען אזוינס, וואָס זאָל אָפּשלאָגן דעם אָנגענומענעם כלל, אז די אידישע באַפעלקערונג אין אמעריקע באַשטייט אין איר מערהייט פון קליינביר־

נער און אינטעלעקטואלן. און אָט דאָס איז טאַקע די סבה פון דער רעזיגנאַציע, פונם יאוש, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די הערשנדיקע שטימונג אויף דער אידישער גאַס אין 1935.

און מער נאָך ווי די לאַגע פונם עלטערן דור איז פאַרשאַרפט געוואָרן די לאַגע פון דער אידישער יוגנט אינם פינפטן יאָר פון קריזיס.

ווילסאָנס קריגס־מיניסטער ניוטאָן ד. בעיקער, האָט אין דער ניו יאָרקער „טיימס" געהאַט אַן אַרטיקל וועגן דער יוגנט און דערציילט — אין סעפטעמבער — אַז זינט 1929 זיינען 6 מיליאָן יוגנטלעכע „אַרויס אין לעבן אַריין", און נאָר צוויי מיליאָן זייערע האָבן געקראָגן סיילוויזע אַרבעט. אַ באַראַטונג פון כלל־טוער, פעדאַגאָגן און שרייבער, סוף נאָוועמבער, האָט געקלאָגט אויף דעם, וואָס די יוגנט גייט אונטער, ווערט דעמאָראַליזירט. הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע וואָגלט אַרום אויף די וועגן און שליאַכן. צוויי מיליאָן יוגנטלעכע וועמעס עלטערן עס לעבן אויף רעליף. אַנטלויפן זיי פון די היימען. זיינען פאַראַן מאַסן אויסגעשטודירטע, וואָס קריגן ניט וואָס צו טאָן. צו וואָס שטודירן ? 350 טויזנט ניט־לאַנג געענדיקטע סטודענטן דרייען זיך אַרום ליידיק. אין 1934 איז צוגעקומען נאָך 150 טויזנט.

אַ נעפּלאָנטע יוגנט, אַן „איבעריגע" יוגנט געווען אין אַמעריקע אין 1934, און די אידישע יוגנט — צווישן די נעפּלאָנסטע.

אַ אידישער אַרבעטער האָט זיך געקלאָגט, אַז זיין זון קומט אַהיים אַ מידער פון זוכן אַרבעט און דערקלערט:

-- ווען איך וואָלט געהאַט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן וואָלט איך אפשר וואָס געקראָגן.

אפשר. גיכער ניט. ווייל וואַקאַנסיעס אויף באַשעפטיגונג זיינען ניט פון די אָפטע זאַכן.

אָבער פאַרפאָלגונגען זיינען פאַראַן.

אויפן דערמאָנטן צוזאַמענפאָר האָט אַ פּראָפעסאָר פערלמאַן, פון דער וויסקאָנסין אוניווערזיטעט, דערציילט, אַז די פירמעס, וואָס ווילן, אַז מען זאָל זיי רעקאָמענדירן פייאַנע סטודענטן, געענדיקטע, אויף צו געבן זיי באַשעפטיגונג, זאָגן בפירוש: פאַרלירט ניט אומזיסט קיין צייט, רעקאָמענדירט ניט קיין אידישע סטודענטן!

די גרעסטע אינדוסטריעלע און האַנדלס קאָמפּאַניס, די גאַז, עלעקטריק, באַן קאָמפּאַניס, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג אַ טראַדיציע צו זיין „אידן־ריין", האָבן פאַרזינלט די טירן נאָך פעסטער.

4. עס איז דאַ אַן אויסוועג

צוזאַמען מיט די רעאַקציאָנערע שטימונגען, וואָס דער פאַשיזם אין אייראָפּעיאישע לענדער און די שטייגנדיגע פאַשיסטישע שטימונגען אין אַמעריקע האָבן אַרויסגערופן, צוזאַמען מיט די פאַרזוכן פון אידישן נאַציאָנאַליזם צו אויסנוצן די געטאָ־שטימונגען פאַר זיינע צוועקן, ווי אין אַלע צייטן און אַלע לענדער, האָט אָבער דאָס יאָר 1935 אויך פאַרצייכנט אַן אויפשטייג פון אַנדערע שטימונגען אין אידישן לעבן. צום ווינציקסטן — ביי אַ טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג.

עס האָט זיך דערהערט אפילו פון אַ ווינקל פון — געוועזענע — ציוניסטן אַ טאָן: מיר מוזן באַהעפטן אונזער גורל מיטן גורל פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. אַזאַ טאָן האָט זיך געהאַט דערהערט אין דעם — איצט שוין צוגעמאַכטן — זשורנאַל „אָפּיניאָן" (מיינונג), וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פון דזשעימס וואָטערמאַן ווייז (זון פון ראַבאַי ווייז). דער זשורנאַל האָט אין משך פון אַ ריי נומערן (אויגוסט־דעצעמבער, 1934) געפירט אַן אַנקעטע וועגן פאַשיזם, וועגן אידישן פאַשיזם, האָט איינגעלאַדן אויך קאָמוניסטן צו אויסדריקן זייער מיינונג (דעם שרייבער פון די שורות). דער אַריינפיר צו דער אַנקעטע, אַן אַרטיקל פון רעבעקאַ פיטס, האָט באַצייכנט דעם פאַשיזם ווי אַן אינסטרומענט פון קאַפּיטאַליזם און ווי אַ זאַך וואָס מען מוז באַקעמפן האַנט אין האַנט מיט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער.

אין ציוניסטישע קרייזן אפילו האָט אָן ספק געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק דער שאַרפער קאָנטראַסט צווישן דער אידישער לאַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט דער אידישער לאַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. בירא־בידזשאַן האָט אַריינגעבראַכט „בירא־בירזשאַניזם" קיין אַמעריקע, האָט געוויזן ווי אַזוי אויפן אָרט צו פירן דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. און בירא־בידזשאַן האָט אין דער ריכטונג געווירקט אויף אַ גרויסן טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ, פון אידישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער איקאָר באַוועגונג, און האָבן אָנגעהויבן צו באַגרייפן דעם וועג פון באַפרייאונג פאַר די אידישע מאַסן אויפן אָרט.

דער איבערבליק, וואָס 1935 האָט געבראַכט אויף דעם געביט, האָט שאַרף אונטערשטראָכן אויף וויפיל סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די אַלוועלטלעכע שלאַג־בריגאַדע אויך פאַר די אידישע מאַסן. און די פאַרשטאַרקטע פאַרפאָלגונגען אויף אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אַמעריקע, די דעפּאָרטאַציעס, און דער עיקר די ביטערע און בלוטיגע פאַרפאָלגונגען אויף די נעגער־מאַסן, האָבן אַלץ שטאַרקער באַפעסטיגט דעם געדאַנק, אַז די אידישע פראַגע איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פראַגע פון נאַציאָנאַלע און ראַסן־פאַרפאָלגונגען. און אויב דיסקרימינאַציעס געגן אידן נעמען אָן, כאָטש ניט אומעטום, אַ שאַרפערע פאָרם, ווי דיס־

קרימינאַציעס קעגן איטאַליענער, גריכן, דייטשן, איז זי אבער א סך מילדער ווי די פאָרם פון דיסקרימי־נאַציעס קעגן מעקסיקאנער, נעגער, יאפּאנער, און ניט אין פאַרגלייך מילדער פון דער פאָרם פון פאַרפאָלגונגען אויף די נעגער מאסן. און אויב אָט די מאסן ווערן פאַרפאָלגט, איז קלאָר, אז די אידישע מאסן קאָנען ניט אויסמיידן פאַרפאָלגונגען.

ווי אין צארישן רוסלאנד, ווי אין דער צייט פון דער אלטער געטאָ אין ווילנע און בערדיטשעוו, רוקט זיך ארויס אלץ שארפער, אונטערן איינפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, צוליב דער ראדיקאַלי־זירונג פון די מאסן בכלל, אַן עלעמענט, וואָס באַ־העפט זיך אלץ נעענטער מיט דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטערשאפט, מיט איר אוואנגארד — די קאָמוניס־טישע פּארטיי. און די פּארטיי — פונקט ווי די רע־וואָלוציאָנערן אין אלטן רוסלאנד—איז די איינציגע פּאָליטישע פּארטיי וואָס האָט (אין די וואַלן, נאָוו. 1935) ארויסגערוקט ווי איינע פון די פאָדערונגען פון איר פּלאטפאָרמע: קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, צו־גלייך מיטן קאמף פאר די פרעמד געבוירענע בכלל, צוגלייך מיטן קאמף פאר די נעגער־מאסן. און די אי־דישע מאסן, באזונדערס אין ניו יאָרק, האָבן אין אלץ גרעסערע צאָלן ארומגערינגלט די קאָמוניסטישע פּאר־טיי בעת די וואַלן און אין אנדערע אקציעס. ווייל אויב אין אלטן רוסלאנד איז דאָס געווען מער פון אלץ א טעאָריע־זאך — אז די רעוואָלוציע און די פּארטיי פון רעוואָלוציע וועט באפרייען די אידישע מאסן, איז אָט די דאָזיגע באפרייאונג דורך רעוואָלוציע און פּאר־טיי פון רעוואָלוציע איצט א טאָג־טעגלעכע פּראקטיק, ווען וועלכע די דעפּעשן פון סאָוועטן־פארבאנד הערן ניט אויף כסדר צו דערציילן.

דער זייער גרויסער אינטערעס פון אלץ ברייטערע אידישן מאסן צו בירא־בידזשאן, די זייער דערפאָלג־רייכע בירא־בידזשאן פייערונגען אין ניו יאָרק, פילא־דעלפיא, שיקאגא און אנדערע שטעט, האָבן מיט זיך אָנגעצייכנט אין א געוויסער מאָס אַן איבערברוך אין די שטימונגען פון גרויסע טיילן פון דער אידישער באַ־פעלקערונג אין אמעריקע, די ארבעטנדיגע באפעלקע־רונג הויפּטזאכלעך, און אויך דאָס קליינבירגערטום, אויך די אינטעליגענץ.

זעט זיך דער וועג. דער קירצסטער וועג. דער איינציגער וועג: דערנענטערן זיך צו די רעוואָלוציאָ־נערע ארבעטער און זייער פּארטיי, דערשלאָגן זיך באַ־פרייאונג דורך סאָציאלע רעוואָלוציע, און דערשלאָגן זיך שוין, באַלדיגע אויסבעסערונגען דורכן טאָג־טעג־לעכן קאמף געגן פאשיזם און רעאקציע.



לאַזאר אוגאָדניקאָוו, בעסטער בינען־ציכטער אין בירא־פעלד, בירא־בידזשאן,



א גאַס אין בירא-בידזשאַן

י. ב. ביילין

ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָרגט פאַר זיינע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן

אין דער צייט, ווען דער אימפּעריאַליזם האָט אַנגעטראָגן אויף דער וועלט, פון איין זייט, א נייע נאַציאָנאַליסטיש - שאָוויניסטישע כוואַליע, וואָס צעבלאָזט נאָך מער אַלע נאַציאָנאַלע סכסוכים, און פון דער צווייטער זייט, א דערוואַכונג פון צענדליגער פעלקער, וואָס שטעלן זיך אין קאַמף קעגן זייערע אימפּעריאַליסטישע אונטערדריקער, וואַקסט אויף אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד א ברודערשאַפט פון פעלקער, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער גאַנצער געשיכטע פון פעלקער און נאַציעס.

אין דער צייט, ווען די פאַשיסטישע כמאַרע יאָגט זיך און ברייטערט זיך אַלץ מער אויס אין אייראָפּע און אין פאַרשיידענע אַנדערע טיילן פון דער וועלט, א בלוטיגע כמאַרע, וואָס פאַרפינסטערט נאָך מער דאָס לעבן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פאַרשיידענע לענדער, וואָס ווילדעוועט מיט די גרוזאַמסטע ברוטאַליטעטן, מיט זאָאָלאָגישע אינסטינקטן און מיט די שווינדלערלעכסטע פייניגונגען, בליט אויף אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטיש־אויסגעשמידטע געזעלשאַפט, וואו יעדע נאַציע, יעדעס פאָלק און שפּראַך שטייט אויף צו א נייעם לעבן און בויען אין זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע פאָרמען זייער סאָציאַליסטישע צוקונפט.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן מיט 17 יאָר צוריק איבערגענומען די מאַכט זיינען הונדערט און ניין און פופציג נאַציעס און פעלקער געלעגן געבונדענע, אונטערדריקטע, אין א סך פאַלן, איינגאַנצן צעטראָטענע. דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען א בית־עולם פאַר פעלקער. אויף אַנדערע פון זיי זיינען אפילו קיין מצבות ניט געבליבן. עס האָבן געשמאַכט און געבלוטיגט ניט נאָר אַזעלכע קליינע פעלקער, ווי אידן און אַרמעניער — עס האָבן אויך געזיפצט פון בלוטיגער אונטערדריקונג די פּאָליאַקן און אוקראַינער, די ווייס־רוסן און טאַטאַרן, קריסטליכע אַזוי גוט ווי מאַכמעדאַנישע פעלקער, ווייסע ראַסן אַזוי גוט ווי מאָנגאָלישע. צענדליגער פּרימיטיווע שבטים זיינען

אינגאנצן אפּגעווישט געוואָרן אדער האָבן געהאַלטן אין פאַרווישט ווערן פון דעם פּנים פון דער ערד.

און עס איז ניט קיין וואונדער: די רוסישע ארבעטנדיגע מאסן אליין — די צענדליגער מיליאָנען פּויערים, ארבעטער און שטאָטישע אָרימקייט, האָבן זיך געצאַפּלט געבונדענע אין דעם נעץ פון רעכטלאָזיגקייט און דחקות, אין די לאַפּעס פון שפּיאָנען און זשאַנדאַרן, אין די קלאָען פון פּריצים און קולאַקעס, קאַפּיטאַליסטן און באַנקירן, אין די נעגל פון אלערליי קליינע און הויכע פּיאַווקעס און טשינאָווניקעס. וואָס האָט שוין געקאָנט זיין דער גורל פון די „פרעמדע" ארבעטנדיגע מאסן אויב רוסלאנד איז פאר אירע „אייגענע קינדער" געוועזן איין גרויסע, שטיינערנע טורמע!

די צארישע רוסלאנד איז אין דעם זינען ניט געוועזן קיין אויסנאם. אין זיין בארימט ווערק „די אימפּעריאַליסטישע מלחמה", האָט לענין געזאָגט:

„אימפּעריאַליזם איז די פּעריאָדע אין וועלכער עס ווערט פארגרעסערט די אונטערדריקונג פון נאַציאָנען איבער דער גאנצער וועלט דורך א קליינער צאָל „גרויסע" נאַציעס; עס איז דעריבער אוממעגלעך דער קאמף פאר א סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאלער רעוואָלוציע קעגן אימפּעריאַליזם ניט אנערקענענדיג די רעכט פון נאציעס אויף זעלבסט באשטימונג. „א פאָלק וואָס אונטערדריקט אנדערע פעלקער קאָן אליין ניט זיין פריי" (מאַרקס און ענגעלס). א פּראָלעטאריאט וואָס דערלאָזט דעם מינדסטן אנגריף פון „זיין" נאציע אויף די רעכט פון אנדערע נאציעס קאָן ניט זיין סאָציאַליסטיש".

געוויינלעך לייקענען די „גרויסע" נאציעס אָפּ, אז זיי אונטערדריקן די שוואכערע אָפּגעשטאַנענע פעלקער. דער דעמאַגאָגישער אָנשטעל פון דעמאָקראַטיע פאר די „אייגענע" מאסן, ווערט אין דער באַציאונג צו די באזיגטע פעלקער פארוואנדלט אין א „מיסיע" אויפצוהויבן די צוריקגעשטאַנענע פעלקער פון זייער נידעריגן שטאַנד. פון צייט צו צייט, אבער איז מען געצוואונגען „ארויסלאָזן די קאַץ פון זאַק" און ריידן ברוטאל אָפן. אָט האָט אין אָקטאָבער 1925, דער שוין איצט פארשטאָרבענער דזשאַנסאָן היקס אין א רעדע וועגן אינדיע געזאָגט:*)

„מיר האָבן ניט איינגענומען אינדיע פאר אינדיעס טובה וועגן. איך ווייס אז אויף מיסיאָנערן־פארזאמלונגען דערציילט מען, אז מיר האָבן איינגענומען אינדיע כדי אויפצוהויבן די הינדוסן אויף א העכערער שטופע. דאָס איז א באָבע מעשה! מיר האָבן איינגענומען אינדיע כדי מיר זאָלן האָבן א מארק פאר די ענגלישע סחורות.

„מיר האָבן באזיגט אינדיע מיט אונזער שווערד און מיט אונזער שווערד וועלן מיר זי האלטן...

„איך בין פאראינטערעסירט אין מיסיאָנערן־ארבעט פון דעם סאָרט, אבער איך בין ניט אזא היפּאָקריט אז איך זאָל זאָגן, אז מיר האלטן אינדיע פאר די הינדוסן. מיר האלטן זי אלס דעם בעסטן מארק פאר די ענגלישע סחורות אין אלגעמיין, און פאר די לאַנקאַשיר באוול־סחורות איבערהויפּט.

נאָך אין דעם יאָר 1853 האָט מארקס געשריבן וועגן אינדיע:

...„ענגלאנד האָט אראָפּגעריסן די גאנצע סטרוקטור פון דער אינדישער סאָציאַלער ארדענונג אָן א שום קענטיגן צייכן, אז זי בויט א נייע. דאָס פארלירן אָן אלטע וועלט אָן געווינען א נייע, גיט צו צו דער איצטיגער אינדישער נויט נאָך א טראָגישן שטריך".

פּראָפעסאר ק. ט. שאַה אין זיין בוך „דאָס רייכטום און באשטייער־פייאיגקייט פון אינדיע" שרייבט:

"דער דורכשניטליכער איינקונפט פון דעם הינדו איז אזוי קליין, אז עס איז אפילו ניט גענוג פאר די סאמע נויטווענדיגסטע באדערפעניש פון א מענטשן — פאר שפּייז, באקליידונג און וואוינונג... דער דורכשניטלעכער איינקונפט פון דעם הינדו איז פונקט גענוג צו שפּייזן צוויי מענטשן פון יעדע דריי אין דער באַפעלקערונג (אדער גיבן זיי צוויי, אנשטאָט דריי מאָלצייטן וועלכע זיי דארפן), מיט דער באדינגונג, אז אלע זאָלן איינשטימען ארומגיין נאקעט, לעבן אין דרויסן א גאנץ קיילעכדיג יאָר, בלייבן אָן שום פארוויילונג און צושטרייאונג און באנוגענען זיך מיט עסן אליין און דאָס נאָך, פון די סאמע ביליגסטע און גראָבסטע שפּייזן, וואָס האָבן דעם סאמע קלענסטן מינימום נארהאפטיגקייט".

די נאַציאָנאלע אונטערדריקונג ווערט שטענדיג באגלייט מיט עלנד און נויט פאר די מאסן מיט הונגער, קראנקהייטן, אומוויסנהייט און קולטורלאָזיגקייט. זי איז א רינג אין דער אייזערנער קייט פון דער שענדלעכער עקספּלואַטאַציע און ווערט אויסגענוצט אין דער פולער מאָס פון דעם „אייגענעם" פּריץ, פון דעם היימישן קולאַק און פון „ברודער" קאַפּיטאַליסט.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס אזוי שנעל ווי די ארבעטער און פּויערים אין רוסלאַנד האָבן אונטער דער אָנפירונג פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי ארויסגעריסן די מאַכט פון די הערשנדיגע קלאַסן און האָבן עטאַבלירט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אונטער וועלכער עס זיינען צעריסן געוואָרן די קייטן פון עקספּלואַטאַציע און קלאַסן־פּריווילעגיע, זיינען אויך גלייכצייטיג צעריסן געוואָרן די קייטן פון די אונטערדריקטע נאַציעס און פעלקערשאַפטן.

שוין דער נאָמען אליין פון דער יונגער, נייער ארבעטער און פּויערים סאָוועטן־רעפּובליק — דער סאָוועטן־פארבאַנד, דערציילט וועגן א גלייכן בונד פון ברודערשאַפט, אין וועלכן עס זיינען אָנגעשלאָסן די נאַציעס וואָס באַפעלקערן דאָס לאַנד.

גרויס, ריזיג גרויס, איז דער סאָוועטן־פארבאַנד, וואָס פארנעמט א זעקס־חלק פון דער גאנצער יבשה אויף דער וועלט. א לאַנד וואָס ציט זיך פון די גרענעצן מיט די אייראָפּייאישע מערב־לענדער ביזן פּאַציפישן אָקעאַן אין דעם ווייטן מזרח: פון דעם סאמע מיטל־צענטער אין אזיע ביז די ווייטסטע שטרעקעס פון דעם קאַלטן צפון, אין די ארקטישע געגנטן. אויף

*) ציטירט לויט א. ריסאַקאָוו'ס בוך: דהי נעשאַנאַל פּאָליסי אָוו סאָוויעט יוניאָן (ענגלישע אויסגאַבע).

אט די שטערקסטע [illegible] צענדליגער פארשיידענע פעלקערשאפטן, ניט נאָר פון פארשיידענע נאציעס נאָר אויך פון פארשיידענע ראסן: נאציעס פון פארשיידענע גרויסן, פעלקערשאפטן אויף די פארשיידנסטע שטופן פון עקאָנאָמישער און קולטורעלער אנטוויקלונג. פון אזעלכע ציוויליזירטע פעלקער ווי רוסן, אוקראינער, גרוזינער, דייטשן, פאָליאקן, ווייס־רוסן און אידן ביז אזעלכע פרימיטיווע נאָמאדן־שבטים ווי קאלמיקן, קירגיזן, אדמורטן, טשוכאטן, אָדער אזעלכע באַרבארן־פעלקער, וואָס האָבן נאָך אפילו ניט געהאט קיין אייגענעם „אלף־בית" ווי, וואָגולס, כאקאס, לאָפארן, טסענטס, קאָמיער, קאראקאלפאקער א. א. וו.

ניט מיט איינמאָל האָט געקאָנט אויפגעשטעלט ווערן דאָס לעבן פון די אלע פעלקערשאפטן. פיר יאָר האָט גענומען ביז דער סאָוועטן־פארבאנד האָט אָפגעשלאָגן אלע בלוטיגע אטאקעס פון דער קאפיטאליסטישער וועלט און פון די אינעווייניגסטע שונאים. דורך דער צייט האָבן זיך פונדעסטוועגן אויסגעקריסטאליזירט א רייע נאציאָנאלע סאָוועטן־רעפובליקן, ווי די אוקראינער, טראנסקאווקאזער, קאזאקסטאנער, טורקעסטאנער, דייטשע־וואָלגע ארבעטער־רעפובליק, באשקיריע, טאטאריע א. א. וו.

דאָס פאָלגנדיגע צעטל, לויטן אלף־בית, וואָס איז ניט אפילו קיין דריטל פון די אלע פעלקערשאפטן אין דעם סאָוועטן־פארבאנד, וועט אונז געבן א שטיקל באגריף וועגן דער שווערער פאראנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז ארויפגעליינט געווארן אויף דער יונגער סאָוועטן־רעפובליק אין לייזן די נאציאָנאלע פראגע: אבכאזן, אדיגייער, אדמורטן, אָגורן, אוזבעקן, אולטשיער, אוקראינער, אזערבידזשאנער, אוואטן, אידן, איזוענקער, אינגושן, אָסעטינער, אָסטיאקן, ארמעניער, באשקירן, באבאנער, בארג־אידן, בוכארער, בולגארן, בוריאטן, גיליאקעס, גרוזינער, דאגעסטאנער, דאָלגאנער, וואָגולן, וואָלגער־דייטשן, ווייס־רוסן, טאדזשיקסטאנער, טאטארן, טונגוזן, טורקעסטאנער, טורקמענער, טערקן, טראנס־קאווקאזער, טשואוואשן, טשוכאטן, טשעטשענצעס, טשערקעסן, יאקוטן, כאדזשיער, כאקאסער, כינעזער, לאטוויער, לאמוטן, לאָפארן, לאפן, יאפאנער, ליטווינער, מאָלדאוואנען, מאריער, נאנייער, נענצער, סאמארקאנדן, סאמאָיעדן, עסטאָניער, פאָליאקן, פינען, פערנאנער, פערסן, צענטן, קאמטשאטקער, קאזאקסטאנער, קאלמיקן, קאָמיער, קאָקאנדער, קאָריאקן, קאראקאלפאקער, קאָרייער, קארעליער, קאראימען, קאטשאנורנאנער, קירגיזן.

אט א די אלע נאציעס און פעלקערשאפטן האָבן באקומען די פולשטענדיגסטע פרייהייט אין זייערע אייגענע נאציאָנאלע ענינים, האָבן באקומען א מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זייער פרעסע, ליטעראטור, טעאטער, פאָלקלאָר א. א. וו.

אָט די אלע נאציאָנאליטעטן, וועלכע פארנעמען א געוויסע טעריטאָריע האָבן זייערע אייגענע נאציאָנאל־טעריטאָריעלע פארוואלטונגען, אין דער פאָרם פון א רעפובליק (פארבאנדישע אדער אויטאָנאָמע) פון אן אויטאָנאָמער געגנט, א נאציאָנאלן קרייז אָדער פון א נאציאָנאלן ראיאָן. די קולטורעלע און גרעסערע פעלקער זיינען אויסגעבילדעט אין פארבאנדישע רעפובליקן, ווי למשל: די אוקראינישע, ווייס־רוסישע, טראנסקאווקאזער פעדעראציע, די טורקמענישע, אוזבעקישע, טאדזשיקישע.

אָבער די אויפגאבע פון דער סאָוועטן־רעגירונג איז געווען ניט נאָר צו געבן די פריערדיגע פארשקלאָפטע נאציעס פרייהייט און גלייכהייט. וואָס עס איז געווען נאָך וויכטיגער אין דעם לעבן פון אָט די פעלקער איז אויפצושטעלן א געזונטע, מאָדערנע עקאָנאָמיק, אויסמיידן די שטופן, וואָס פירן צום קאפיטאליזם, און הויפטזעכלעך אויסמיידן דעם קאפיטאליזם גופא, כדי צו דעריאָגן אין דעם זינען פון עקאָנאָמישער אנטוויקלונג די סאמע העכסט־אנטוויקלסטע אינדוסטריעלע געגנטן פון דעם סאָוועטן־פארבאנד. אויף דעם 7טן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פארטיי האָט סטאלין פאָרמולירט אָט אָ די אויפגאבע אין פאָלגנדיגע ווערטער:

„דער עצם פון דער נאציאָנאלער פראגע אין דעם סאָוועטן־פארבאנד באשטייט אין דעם, אז די קלענערע, הינטערשטעליגע נאציאָנאליטעטן זאָלן בייקומען זייער הינטערשטעליגקייט (עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע), וואָס זיי האָבן גע'ירשנ'ט פון דער פארגאנגענהייט, כדי צו מאכן מעגלעך פאר די הינטערשטעליגע פעלקער אנצויאָגן צענטראל־רוסלאנד אין דעם פּאָליטישן, קולטורעלן און עקאָנאָמישן זינען".

די אויפגאבע האָט נאָר געקאָנט דורכגעפירט ווערן דורך אן ענגן פּאָליטישן ברידערלעכן פארבאנד צווישן אלע פעלקער, דורך אן איינהייטלעכן סאָוועטישן פראָנט קעגן אלע שונאים פון אויסווייניג און פון אינעווייניק; א פארבאנד אין וועלכן די שטארקערע, פאָראויסשטייענדיגע נאציעס, גיבן אָפּ אלע כוחות שטארקער צו מאכן און אויפצוהויבן אויף א העכערער מדרגה זייערע אינגערע שוועסטער. די רעזאָלוציע איבער דער נאציאָנאלער פראגע אויפן 16טן פארטיי־קאָנגרעס האָט דאָס פארמולירט אויף אזא אופן:

„די נאציאָנאלע סאָוועטן־רעפובליקן, באפרייענדיג זיך פון זייערע „אייגענע" און פון די „פרעמדע" בורזשואזיעס, קאָנען פארטיידיגן זייער עקזיסטענץ און באזיגן די פאראייניגטע קרעפטן פון אימפעריאליזם נאָר דעמאלט, ווען זיי זיינען פאראייניגט אין איין ענגען שטאאטן־פארבאנד. אויב זיי וועלן זיך ניט פאראייניגן וועלן זיי ניט באוויזן צו זינען"... „די אויפגאבע פון דער פארטיי באשטייט אין העלפן די הארעפאשנע מאסן פון די אנדערע ניט גרויס רוסישע נאציעס, אנצויאָגן צענטראל־רוסלאנד, וואָס איז אוועק ווייט פאָראויס"...

אָנגעהויבן האָט זיך דער עקאָנאָמישער אויפבוי אין די אָפגעשטאנענע לענדער נאָך א היפשע צייט

פריער, פאר דעם 16טן קאָנגרעס. שוין דער 10טער קאָנגרעס פון דער פּארטיי האָט דערקלערט:

„נאַציאָנאַלע אומגלייכהייט... האָט זיך באַזירט אויף עקאָנאָמישער אומגלייכהייט, וואָס האָט זיך היסטאָריש איינגעשטעלט. אַט אַ די אומגלייכהייט דריקט זיך אויס צום ערשטן אין די רוסישע גרעניץ־לענדער (הויפּטזעכלעך טורקעסטאַן)... וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צוצושטעלן אַלע מינים רוי־מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן באַאַרבעט ווערן אין צענטראַל־רוסלאַנד. דאָס איז געווען די אורזאַך פאר זייער שטענדיגער הינטערשטעליגקייט. דאָס האָט געשטערט דאָס אנטשטיין און אנטוויקלען אַ פּראָלעטאַריאַט ביי די אונטערדריקטע נאַציעס גופא. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין די מערב גרעניץ־לענדער, האָט אומפּאַרמיידלעך געמוזט זיך ראַנגלען מיט אַט די חסרונות און דעריבער איז געווען די סאמע ערשטע אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַ פּלאַנירטע אינדוסטריע אין די גרענעץ לענדער".

דאָס איז געלעגן אין דעם סאמע תוך פון דער לענינניסטישער נאַציאָנאַל־פּאָליטיק, וואָס איז ניט קיין אָפּגעריסענע פּראָבלעם ווי זי איז ביי די סאָציאַליסטישע פּארטייען פון דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַל. ווען זיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטןריידן וועגן „גלייכע נאַציעס" איז דאָס פאקטיש די זעלבע גלייכהייט, וואָס די ארבעטער האָבן אין קאַפּיטאַליזם. ביי זיי איז בכלל „דעמאָקראַטיע" אַ פראַגע פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם סאָציאַליסטישן ענד־ציל. די לענינניסטישע נאַציאָנאַל־פּאָליטיק איז ענג צוזאַמענגעבונדן און איז אַ טייל פון דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי.

אַלס רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק זעען מיר איצט, ווי געגנטן וואָס זיינען נאָך ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען הינטערשטעליגע און פאַרוואָרלאָזטע, רוישן איצט מיט פול־מעכאַניזירטע אינדוסטריעס, מיט נייע מיינס, נייע ישובים, נייע שטעט, באַנען, אַטאָמאָביל־וועגן, מיט מאַשין־טראַקטאָר סטאַנציעס, מיט הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס, מיט פאַרבינדונגען פון טעלעפאָן, טעלעגראַף און ראַדיאָ, מיט טעגלעכע צייטונגען, וועכנטלעכע און מאָנאַטלעכע אויסגאַבן, מיט ביכער־פאַרלאַגן און ביבליאָטעקן, מיט טעאַטערס, קינאָס און קלובן.

מיר זעען ווי איבער דער לענג און דער ברייט פון פאַרשיידענע לענדער און געגנטן בליען איצט הונדערטער און טויזנטער קאָלכאָזן און סאָווכאָזן. הונדערטער טויזנטער אַקער ערד, וואָס זיינען קיינמאָל ניט קולטיווירט געוואָרן אויף וועלכע עס פלעגן גאַר אויפגיין דערנער און אַנדערע ווילדע גראָזן, פאַרפלייצט מיט וואַסער, פאַרצויגן מיט זומפּיגן מאָך, בליען איצט מיט ווייץ און קאָרן, מיט גערשטן און מיט באַוול.

מיר ווילן נעמען למשל די רעפּובליקן פון צענטראַל־אַזיע. זייער הויפּט עקאָנאָמישע באַזע איז די באַוול־אינדוסטריע. דער הויפּט אינדוסטריעלער איבערבוי איז דאָרט קאָנצענטרירט אין טעקסטיל און באַוול־פּראָדוקציע. אין דעם ערשטן פינף־יאָר פּלאַן אַליין איז אין דער אינדוסטריע אינוועסטירט געוואָרן 97.5 מיליאָן רובל. עס אַרבעטן שוין אַ גאַנצע רייע ריזיגע מאַנופאַקטור אונטערנעמונגען: צוויי שפּינערייען און וועבערייען אין אַסכאַבאַד. אין פערגאַנאַ דריי גרויסע אונטערנעמונגען פון שפּינערייען, וועבערייען און אַ באַוול־פאַבריק קאָמביין; אַ רייע גרויסע באַוול־רייניגונג פאַבריקן א. א. וו. אייניגע פאַבריקן פון פּוטער אינדוסטריע אין סאַמאַרקאַנד, קאַשטאַקורגאַן, פערגאַנאַ און טשאַרזשו. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן אַנשטרענגונגען צו עקספּלואַטירן די אויל־אוצרות פון דעם געגנט. אין אוזבעקיסטאַן אַליין האָט שוין די פּראָדוקציע דערגרייכט צום סוף פון דעם 5 יאָר פּלאַן אַרום 400,000 טאָן. עס ווערט דאָרט אויך אַנטוויקלט די קוילן אינדוסטריע. ס'ווערן איצט געבויט 20 וואַסער־קראַפט סטאַנציעס. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אַ פּאַפּיר פאַבריק וואָס נוצט אויס אָן אָרטיגן פּלאַנץ אַלס רוי־מאַטעריאַל מיט אַ פּראָדוקציע פון 5000 טאָן פּאַפּיר. אין קירגיזיע איז אויך אויפגעבויט געוואָרן אַ גרויסע פאַבריק פאַר צוקער פון בוריקעס.

אַ רייע נייע באַן־ליניעס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף 2000 קילאָמעטער. צו דעם סוף פון פינף יאָר פּלאַן האָט שוין די קאַפּיטאַל־אינוועסטירונג אין די צענטראַל־אַזיאַטישע אינדוסטריעס באַטראָפן 466 מיליאָן רובל. ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז פאַר דער רעוואָלוציע זיינען קיין שום וויכטיגע אינדוסטריעס בכלל ניט געווען אין צענטראַל־אַזיע, קאָנען מיר גיכער אָפּשאַצן די דערגרייכונגען פון דעם סאָוועטישן פּראָלעטאַריאַט וואָס האָט אַריינגעפירט מיליאָנען פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן אין אָפּגעשטאַנענע לענדער אין אַן ערא פון אַן אינדוסטריעלן אויפבלי.

אין דער אַמאָל זייער אָפּגעשטאַנענער טשואוואַשיא זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן צענדליגער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ניט נאָר אין די געהילץ און שפּייז אינדוסטריעס, נאָר אויך אין דער גרונטכעמישער אינדוסטריע און אין פאַרשיידענע מינעראַל־פּראָדוקציעס, צווישן זיי פאַרנעמט אַ וויכטיגן אָרט די בורנאַטער פאָספאָר־פאַבריק, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ מיליאָן מיט 800,000 רובל.

לויט דעם צווייטן פינף־יאָר פּלאַן דאַרף דער וואוקס אין דער פּראָדוקציע פון באַוול־פאַבריקאַטן אין מיטל־אַזיע פאַרגרעסערט ווערן אויף 20 מאָל, בעת דער דורכשניטלעכער וואוקס איבערן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער באַוול־אינדוסטריע וועט זיין לויט דעם פּלאַן 2.4 מאָל. אין דעם פּלאַן פאַר מיטל־אַזיע אין דער טעקסטיל שפּינערייע אינדוסטריע גייען אַריין 15 גרויסע אונטערנעמונגען אין טאַשקענטער, באַראַולער, באַדזשענטער, טשאַרדונער קאָמבינאַטן, מיט אַ

מעכטיגקייט פון 200,000 שפינדלעך אין יעדערער; צוועלף גרויסע וואָל פאבריקן מיט א מעכטיגקייט פון 8 ביז 15 מיליאָן געוועב אין יעדערער.

אויף דעם געביט פון דער קאָלירטער מעטאַלורגיע ווערט פארענדיגט אין באַלכאַש, קירגיזיע, דער קופער־קאמבינאט אויף 100,000 טאָן. אויפן געביט פון כעמיע ווערן אויסגעבויט נייע פערטיליזיר־קאָמבינאטן, פאבריקן פון סינטעטישן קאוטשוק, סאָדע־זאַוואָדן, שוועבל־זויער און לאַק־פארביגע זאַוואָדן, פאבריקן פון קינסטלעכן פאָדים און אזוי ווייטער. אויפן געביט פון עלעקטריפיקאציע א גאנצע רייע הידרא־עלעקטרישע סטאנציעס, צווישן זיי די טשירטשיקער הידראָ־סטאנציע נומער איינס אויף 170,00 קילאָוואט ווי אויך א רייע סטאנציעס אויף דער טאַסקיף, טוהאמע א. א. וו.

מירן נעמען למשל אזא געגנט ווי קאַזאַקסטאן. אונטער דער צארישער אָרדענונג איז כמעט קיין שום וויכטיגע אינדוסטריע דאָרט ניט געווען. איצט ווערט דער צפון־מזרח פון קאזאקסטאן דער הויפט צענטער פאר דער קאָלירטער מעטאל־אינדוסטריע אין דעם גאנצן סאָוועטן־פארבאנד. עס ווערן באארבעט א רייע אויל־קוואלן; א רייע פאָספאָר, זאַלץ און גומי־אינדוסטריעס ווערן דאָרט אנטוויקלט אויף א הויכן מאָסשטאב. צענדליגער מיליאָן רובלס זיינען אריינגעלייגט געוואָרן אין דעם אקטיובינסקער כעמישן־קאמבינאט אליין. עס איז אנטשטאנען א קוילן אינדוסטריע. עס איז אויסגעלייגט געוואָרן די טורק־סיב אייזנבאן־ליניע אויף א שטרעקע פון 1,452 קילאָמעטער לאנג. חוץ דעם זיינען אויסגעבויט געוואָרן א גאנצע רייע צווייגליניעס, וואָס פאראייניגן די גרונט אינדוסטריעלע דיסטריקטן צוזאמען מיט די אגריקולטורעלע. די לענג פון באן־נעצן וואָס זיינען שוין ביז איצט אויסגעבויט געוואָרן אין קאזאקסטאן איז ארום 7000 קילאָמעטער. בכלל זיינען אריינגעלייגט געוואָרן אין די קאזאקסטאנער אינדוסטריעס דורך דעם ערשטן 5 יאָר פּלאן 345 מיליאָן און 700,000 רובל. דאָס קאפיטאל וואָס איז שוין אריינגעלייגט געוואָרן אין די קאזאָקסטאנער אינדוסטריעס שטעלט מיט זיך פאָר א פארגרעסערונג פון 500 פראָצענט, בעת די דורכשניטליכע פארגרעסערונג אין דעם גרונט־קאפיטאל פון דער גאנצער אינדוסטריע פון סאָוועטן־פארבאנד איז צום אויסלאָז פון דעם ערשטן פינף־יאָר פּלאן געווען עטוואָס ווייניגער ווי 300 פראָצענט.

מירן נעמען די קרימער אויטאָנאָמע סאָוועטן־רעפּובליק. די צארישע רעגירונג האָט באטראכט קרים ווי א „דימענט אין איר קרוין". דאָרט האָבן די צארן געהאט זייערע וואקאציע־פאלאצן און זיי האָבן ניט געוואָלט „פארשוועכן די הייליגקייט" פון דעם געגנט מיט דעם רויך פון פאבריקן. דאָס לאנד איז דעריבער געווען אין אינדוסטריעלן זינען זייער צוריקגעשטאנען. איצט האָט שוין קרים א מעכטיגע אינדוסטריע. די ריזיגע מעטאלורגישע פאבריקאציע אין קערטש האָט געלייגט א באזע פאר א גראנדיעזער אנטוויקלונג. עס זיינען שוין פאראנען סולפור־ריפיינערים און סולפור־פאבריקן אין טשעקורקיאַש, א צעמענט פאבריק אין כאראדאג. אויך די אגריקולטור האָט זיך פאנאנדערגעבליט אין פארשיידענע טיילן פון לאנד וואָס האָבן פריער געפוסטעוועט און אין פארבינדונג מיט דעם ווערט אויך אנטוויקלט די קענינג־אינדוסטריע.

יאקוטיע. א ריזיגע טעריטאָריע, וואָס פארנעמט 15 פראָצענט פון דעם גאנצן סאָוועטן־פארבאנד. ניט קוקנדיג אויף דעם וואָס די קלימאטישע באדינגונגען זיינען דאָרט זייער רויע, וואָס די באפעלקערונג איז דאָרט זייער שיטער, און די מיטלען פאר טראנספּאָרטאציע און קאָמוניקאציע זיינען נאָך אזוי גוט ווי ניטאָ, איז דאָך געלונגען דער סאָוועטן־רעגירונג אָנצוהויבן דאָרט א גאנצע רייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. עס זיינען שוין אויסגעבויט געוואָרן דריי זעג־מילן, א לעדער פאבריק; עס ווערן באארבעט קוילן־מיינס אין סאגאנור און אין קאנגאל. עס ווערן געלייגט שאָסייען און וועגן און די הויפט טעטיגקייט פון דער רעגירונג איז איצט קאָנצענטרירט אויף אנטוויקלען דאָרט א באַן־נעץ און וואסער־וועגן, וואָס אָן זיי איז אוממעגלעך א באדייטנדיגע אינדוסטריע.

ארמעניע. אָט א דאָס לאנד וועלכע האָט מער ווי אַנדערע געשקלאָפט אונטערן צאַריזם, א לאנד וואָס אַנשטאָט וואסער צו באַפרוכפערן איר טרוקענע ערד איז אויסגעווייקט געוואָרן אינ'ם בלוט פון אירע איינוואוינער, וואו פאָגראָמען זיינען געווען א טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, בליט יעצט מיט הונדערטער פרוכטבארע קאָלווירטן און ראטווירטן, מיט פרידן און פרייהייט. עס איז דורכגעפירט געוואָרן א ריזיגע איריגאציע ארבעט, וואָס כישופ'ט ארויס פון דער ערד א שפע פון גרינסן, תבואות און פרוכטן. איר הויפט שטאָט, עריוואן, איז איצט ניט צו דערקענען. ניט לאנג צוריק איז די שטאָט געווען א פארחושחטע, אַן אַלט־מאָדישע, מיט זינקענדיגע ליימענע הייזלעך און צעדרייטע געסלעך. איצט איז דאָס א שטאָט, וואָס גלאנצט מיט הונדערטער נייע הייזער געבויט פון טונקעלן באזאלט־פעלז, אדער פון דעם רויטלעכן טופאפעלז, וואָס מען קאָן זענן פונקט אזוי ווי האָלץ אין גלייכע קלעצער, וועגט א העלפט ווי שטיין אדער ציגל, אָבער ער איז צוויי מאָל אזוי שטארק. פון א שטאָט פון 40,000 איינוואוינער איז זי געווארן פארוואנדלט אין א גרויסער שטאָט פון איבער 120,000 איינוואוינער וואָס ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג. עלעקטרישע קראפט וואָס ווערט געצויגן פון הידרא־עלעקטרישע סטאנציעס שטעלט צו ביליגע קראפט פאר די

נייע אינדוסטריעס, וואָס צעצווייגן זיך אויף פאַרשיידענע געביטן. אין פאַרשיידענע ערטער לויפן שוין אַרום אויף די פעלדער טראַקטאָרס און דרעש־מאַשינען. דאָס לאַנד ווייס אין די לעצטע יאָרן ניט, ניט נאָר פון אַ הונגער נאָר אפילו פון אַ יקרות אדער דוחק אין שפּייז־מיטלען.

ווייס־רוסלאַנד. אויך דאָס לאַנד וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אונטערן צאַריזם אָפּגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט איז ניט צו דערקענען. אין 1913 זיינען אויף דער היינטיגער טעריטאָריע פון ווייס־רוסלאַנד געווען 751 קליינע אונטערנעמונגען, פון זיי 319 ספּירט־זאַוואָדן מיט אַרום 23,000 אַרבעטער. די פּראָדוקציע האָט באַטראָפן אַרום 47 מיליאָן רובל יערלעך. די צאָל אַרבעטער האָט באַטראָפן בלויז איין האַלבער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. איצט איז דאָס לאַנד ניט צו דערקענען. אויב אין 1913 האָט די גאַנצע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון ווייס־רוסלאַנד באַטראָפן 13 הונדערטל וויניגער ווי איין פּראָצענט, פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין רוסלאַנד, האָט זי שוין אונטער דער סאָוועטן־מאַכט אין 1932 באַטראָפן 2.5 פּראָצענט פון דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. 388 מיליאָן רובל איז אַריינגעלייגט געוואָרן פאַר דעם ערשטן פינף יאָר אין די אינדוסטריעס אין ווייס־רוסלאַנד. פאַר 1933 אַליין איז אַריינגעלייגט געוואָרן 62 און אַ האַלב מיליאָן רובל. אַ גאַנצע רייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג. אַ ריזיגע פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען אין האָמעל—דער האָמלסעלמאַש, ווי אויך אַ מעכאַניזירטע גלאָז־פאַבריק; אין קריטשעוו אַ צעמענט־פאַבריק, אין מאָליעוו אַ פאַבריק פון קינסטלעכע זייד, אַ ניי־פאַבריק, די טריקאָטאַזש פאַבריק „קים"; אין באָברויסק — אַ האָלץ־באַאַרבעטנדיגער קאָמבינאַט, אַ מעכטיגע עלעקטראָ־סטאַנציע „בעלגרעס" און צענדליגער אַנדערע גרויסע אונטערנעמונגען. די קאָלעקטיוויזאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן אויף 62 פּראָצענט אין דער לאַנד־ווירטשאַפט. דער באַלעגופנטום אַלס קלאַס איז אין גרונט ליקווידירט געוואָרן. אין דורכשניט איז די גערעטנקייט פון די קאָלווירטישע פעלדער פאַר די לעצטע יאָרן פאַרגרעסערט געוואָרן אויף פון 35 ביז 40 פּראָצענט. אייניגע קאָלווירטן האָבן זיך שוין אפילו דערשלאָגן צו אומגעהערטע גערעטעניש פון העכער 20 צענטנער תבואה פון אַ העקטאַר. דעם אָרט פון די צענדליגער טויזנטער סאָכעס האָבן פאַרנומען טראַקטאָרן און מאַשינען. 72 מאַשין־טראַקטאָר סטאַנציעס און העכער 4000 טראַקטאָרס אַקערן די פעלדער פון דעם לאַנד.

אויך אין דער שפּייז־אינדוסטריע האָט ווייס־רוסלאַנד געמאַכט אומגעהויערע דערגרייכונגען. אין די לעצטע יאָרן פון דעם פינף־יאָר זיינען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דער אָרשער פלייש־קאָמבינאַט, וויטעבסקער אויל־זאַוואָד, האָמלער־קעלטער, די באָברויסקער מאַרמעלאַד־פאַבריק, אַ קראָכמאַל־פאַבריק אין טשערוואָנע־בעריאָזע, פּאָלאָצקער עופות־קאָמבינאַט, קאַנדיטעריי־פאַבריקן אין מינסק, און אין האָמעל, אַ מאַקאַראָן־פאַבריק אין באָריסאָוו, צוויי קראָכמאַל־זאַוואָדן אין בראַהין און זאַספּע, אַ וואָורשט־פאַבריק אין מינסק א. א. וו.

מאָלדאַוויע. אונטערן צאַר אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד אָן קיין שום אינדוסטריע, אַ רואינירטער באַל־מעלאָכע־קלאַס און אַ דעגענערירטע לאַנד־ווירטשאַפט. אונטער די סאָוועטן איז די מאָלדאַווער רעפּובליק ניט צו דערקענען. 85 פּראָצענט פון דער גערעטעניש פון היינטיגן זומער איז שוין אָראָפּגענומען געוואָרן אויף אַ מעכאַניזירטן אופן. דאָס לאַנד האָט שוין 14 מאַשין־טראַקטאָר סטאַנציעס מיט 1000 טראַקטאָרס, הונדערטער קאָמביינען, זיי־מאַשינען, אַקערס, טראַקס א. א. וו. בעת אונטער די אומגינסטיגע וועטער־באַדינגונגען האָט מען אויף יענער זייט גרענעץ אין בעסאַראַביע אַראָפּגענומען 15 פוד תבואה פון אַ העקטאַר, האָט מען אין דער סאָוועטישער־מאָלדאַוויע, אונטער די זעלבע שלעכטע וועטער־באַדינגונגען אַראָפּגענומען צו 50 פוד פון אַ העקטאַר.

דער שטח פון וויין־גערטנער האָט זיך פאַרגרעסערט אין מאָלדאַוויע פון 7400 העקטאַר אין 1924 ביז 28.880 העקטאַר אין 1934; גערטנער — פון 3500 העקטאַר ביז 14,400 אין 1934. צוקער־בוריקעס ווערט איצט פאַרזייט אויף 9000 העקטאַר. טאַבאַק פאַרזיי האָט זיך פאַרגרעסערט פון 332 העקטאַר מיט צען יאָר צוריק אויף 1975 העקטאַר אין 1934.

אויך אויפן אינדוסטריעלן געביט האָט זיך דאָס לאַנד מעכטיג אַ הויב געטאָן פאַר די לעצטע זעקס יאָר. די אויסאַרבעטונג פון עלעקטריע־ענערגיע איז געשטיגן פון 38,000 דאָלער אויף 807,000 דאָלער אין 1934; די מעטאַל באַאַרבעטנדיגע אינדוסטריע פון 140,000 אויף איין מיליאָן און 400,000 רובל; פּראָדוקציע פון בוי־מאַטעריאַלן פון 609,000 ביז אַ מיליאָן און 950,000 רובל. נאָך אַ גרעסערער אויפשטייג איז אין דער שפּייז־אינדוסטריע פון 4 מיליאָן 683 טויזנט אויף 32 מיליאָן און 615 טויזנט.

אוקראַינע. דאָס לאַנד פון די אַמאָליגע לאַטיפונדיעס, פון פּריצים און טשינאָווניקעס, און פון אַ שוואַך אַנטוויקלטער אינדוסטריע נאָר אין אייניגע פּונקטן, רעכנט זיך איצט פאַר איינע פון די אינדוסטריעלסטע געגנטן אין אייראָפּע. אַזאַ מעכטיגע אַנטוויקלונג ווי די וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם דאָנבאַס, אַזעלכע ריזן פון דעם ערשטן פינף־יאָר פּלאַן ווי דער דניעפּער־דאַם, דער כאַרקאָווער טראַקטאָר־

זאוואָד און די צענדלינגער אנדערע ריזינע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען לעבעדיגע עדות פון דעם וואָס א סאָוועטן־רעגירונג, וואָס די דיקטאַטור פון פראָלעטאריאט, איז בכוח צו שאפן אונטער די שווערסטע אומשטענדן.

אין אוקראינע, וועלכע איז אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איבערגאנגען פון האַנט צו האַנט און געפלאָגט זיך אונטער דעם העטמאַן, אונטער פעטלורען, אונטער מאכנא און אנדערע שלעק, ווי אויך אונטער די פארשיידענע אינטערווענטן, האָט די סאָוועטן־מאכט געהאט אויף אירע הענט ניט איין נאציאָנאליסטישע פארשווערונג, ניט איין קולאקישע קאנספיראציע. אוקראינע וועלכע האָט אויך א סך געליטן פון דער טריקעניש איז געווען א ראנקבארער באָדן פאר אלע שטעכער און ברעכער, העצע מאכער און שעדינגער, און דאָך — דאָך איז די אויפלעבונג פון סאָוועטן־אוקראינע איינע פון די מערקווירדיגסטע אין גאנצן סאָוועטן־פארבאנד. ביידע, סיי די אגריקולטור, מערסטנס א קאָלעקטיוויזירטע, סיי די שווערע אינדוסטריעס זיינען די העכסטע אנטוויקלסטע אין לאנד. ווען מיר זאָלן זיך דא פארנעמען מיט סטאטיסטיק און פארגלייכונגען וואָלטן מיר פאר דעם אליין געדארפט האָבן אן אויספירלעכן, באזונדער, גרויסן ארטיקל. אפילו די דאנבאס געגנט פון ארצן, קוילן און אייזן איז אויך פארוואנדלט געווארן דורך די סאָוועטישע ארבעטער אין א בליענדיגן גאָרטן. 600,000 ארבעטער פאמיליעס האָבן זייער אייגענעם גארטנווארג און פרוכטווארג. וואָס וואַקסט דאָרטן איצט ניט? — פון דעם זיסן, כינעזישן, פעפער ביז דעם מעקסיקאנער פאָמידאָר מיט די רויטע אנגעגאָסענע באקן, פון וויינטרויבן, קליין אזוי ווי ניס ביז מיטשורינס עפל מיט וועלכע מען קאָן פלעטן א קאָפּ, ביז קארטאָפל וואו יעדע בולבע ווענט עטוואָס וויניגער ווי צוויי פונט, פרוכטן פון אלעם גוטן, אלערליי סאָרטן עפל, בארן, פלוימען, קארשן, טשערעשנעס, וויינפערלעך, אפריקאָסן, אגרעסן א. א. וו.

אידן. מען דארף ניט האָבן קיין בעסערע אילוסטראציע פון דעם וואָס דער סאָוועטן־פארבאנד האָט אויפגעטאָן פאר די פריערדיגע אונטערדריקטע פעלקער־שאפטן און נאציאָנאליטעטן, ווי דאָס, וואָס דער סאָוועטן־פארבאנד האָט אויפגעטאָן פאר אידן. א טויזנטער־יאָריגע, אלטע, פארשאָלטענע פראגע איז אין פארלויף פון 17 יאָר סאָוועטן־הערשאפט געלייזט געוואָרן. דער איד וואָס איז געווען דער שעיר־לעזאזל אונטער די צארן, אויף וועמעס קאָפּ עס האָט זיך געשאָטן א בארג פון אויסנאם־געזעצן, פאָגראָמען, בלוט־בלבולים, געפינט זיך איצט א פרייער, א פול־בארעכטיגטער. דער איד, וואָס האָט ניט געהאט קיין צוטריט צו פראדוקטיווע פרנסות, צו די דערפער, צו די וויכטיגסטע שטעט פון לאנד, וואָס האָט געלעבט פון ווינט, פון שטעקל־דרייערי, פון מעקלעריי און אומזיכערן קליין־האנדל; וואָס איז ניט צוגעלאָזן געווארן צו קיין שום מלוכה־אמטן, האָט איצט באקומען א צוטריט צו אגריקולטור, צו אינדוסטריע און צו מלוכה שטעלעס.

פאר דער רעוואָלציע איז דער סאָציאלער צוזאמענשטעל פון דער אידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד געווען :*)

סאָציאלע גרופן	אין פראָצענטן
אינדוסטריעלע ארבעטער	4.0
ארבעטער אין דער קוסטאר־אינדוסטריע	11.0
פויערים	2.2
קוסטארן	18.4
אָנגעשטעלטע	10.0
הענדלער, ניט ארבעטנדיגע, ארבעטלאָזע און מלוכה־פענסיאָנערן	54.4
סך־הכל	100.0

אזא אומגעזונטער, פאטאלאָגישער, סאָציאלער אָרגאניזם, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאר דער יונגער סאָוועטן־מאכט אן אומגעהויער שווערע פּראָבלעם, ספּעציעל נאָך אין די פאר־קאָנסטרוקציע יאָרן, ווען די הויפּט־אויפמערקזאמקייט און כוחות פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור האָט געדארפט געגעבן ווערן דער פארטיידיגונג קעגן אלע פארשווערונגען, בלאָקאדעס און אינטערווענציעס. אָבער אַכט טעג נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז שוין דערשינען דער דעקרעט וועגן די רעכט פון די נאצ. מינדערהייטן, מיט לענינס אונטערשריפט, וועלכער האָט זיך אין געוויסע שטעלן געלייענט :

....„אלץ וואָס לעבט און איז לעבנסוויכטיג איז באפרייט געווארן פון דער פארשאָלטענער קנעכטשאפט... עס בלייבן נאר איצט איבער די נאציאָנאליטעטן פון רוסלאנד, וועלכע האבן געליטן און ליידן נאָך איצט פון אונטערדריקונג און טיראניי. מיר מוזן גלייך ארבעטן פאר זייער פרייהייט... די פאסקודנע פאָליטיק פון אויפהעצן שנאה (צווישן נאציעס און ראסן) טאָר זיך שוין אויף קיינמאל ניט אומקערן“...

כדי אָט די נייע נאציפּאָליטיק זאָל קאָנען דורכגעפירט ווערן, איז געווען אומבאדינגט נויטיג, בנוגע אידן, צו זען, אז זייער סאָציאלע־סטרוקטור זאָל פולשטענדיג געענדערט ווערן. און וואָלטן גלייך ניט אנגעקומען די בלוטיגע יאָרן פון אינטערווענציע און קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָלט דער פּראָצעס פון נאָרמאליזירן דאָס אידישע לעבן זיך אָנגעהויבן נאָך פריער און ממילא וואָלט ער זיך נאָך פריער פארענדיגט.

אבער די יאָרן פון אינטערווענציע און קאנטער־

*) טאבעלע גענומען פון ש. אלמאזאוו'ס ארטיקל „דער איד אין סאָוועטן־פארבאנד“, נאָוועמבער „האמער“, 1934.

רעוואָלוציע האָבן ניט נאָר נאָך מער רואינירט און צעשטערט די שוין אַזוי אויך נעבעכדיגע אידישע עקאָנאָמיק, נאָר האָבן פּארוויסט און צעשטערט הונ־דערטער אידישע ישובים אין אוקראַינע, ווייס־רוס־לאַנד און קרים. נאָך דעם אש און רויך פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאָגראָמען, זיינען צענדליגער טויזנ־טער אידישע קינדער איבערגעבליבן פאָרוואָרלאָזטע יתומים, צעקריפּלטע און צעקאַליעטשעטע. פאַר דער סוף־כל־סוף זיגרייכער סאָוועטן־רעגירונג איז די אי־דישע פּראָבלעם געוואָרן נאָך שאַרפער און עס האָט זיך געפאָדערט באמת הערקולישע כוחות צו קאָנען אַזוי גרינטלעך איבערבויען און געזונט מאכן דאָס אידישע לעבן, ווי דאָס האָט דערגרייכט די סאָוועטן־רעגירונג נאָך דעם סוף פון 1933.

עס איז שוין אַזוי גוט ווי פאַרשוואונדן דער „קלאַס” פון דעקלאַסירטע אידן. ארום 600 טויזנט אידן זיינען שוין איצט פאַרפעסטיגט אין די פאַרשיי־דנסטע אינדוסטריעס. ארום 350 טויזנט אידן זיינען שוין איצט איינגעוואָרצלט אין דער אגריקולטור און זיינען כמעט 100 פּראָצענט קאָלעקטיוויזירט. פינף אי־דישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין אוקראַינע און אין קרים צייכענען זיך שוין אויס אויף פאַרשיידענע גע־ביטן. בירא־בידזשאַן ווערט געבויט אלס אידישע אויטאָנאָמע סאָציאַליסטישע טעריטאָריע.

אָט ווילן מיר נעמען, למשל, דעם וואוקס, אויף איינינע געביטן, פון דעם ניי־זלאַטאָפּאָלער אידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן.

ביזן יאָר 1930 זיינען אין ראַיאָן געווען בלויז עטלעכע טראַקטאָריסטן. און צום סוף פון 1934 זיי־נען שוין געווען: 264 טראַקטאָריסטן; 28 בריגאַדירן, 34 פעלד־ציכטלער, 48 בוכהאַלטערס (פאַר די ראַט־ווירטן), 67 דרעש־מאַשיניסטן, 15 קאָמביינערס, 10 ווינדראַוועס, 38 מאָטאָריסטן, 35 שאָופערס, 6 מע־כאַניקער, און 30 פיי־ציכטלער.

אין 1930 זיינען אין ראַיאָן געווען 3,500 האָרן־פי, אין 1934 שוין 5,800; חזירים זיינען אין 1930 געווען 1,100, — אין 1934 שוין 2400; שאָף אין 1930—400, אין 1934—600; בינשטאָקן אין 1930 —380, אין 1934—שוין 749; וויינגערטנער אין 1930—אויף 6½ העקטאַר, אין 1934 שוין אויף 119 העקטאַר — א פאַרגרעסערונג אויף מער ווי 1800 פּראָצענט! פאַר די יאָרן 1930־1934 האָבן די קאָל־ווירטן פונם ניי־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן באַקומען מלוכה־קרעדיט צו פאַרפעסטיגן די לאַנדווירטשאַפט א סומע פון 1,309,000 רובל.

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פון צענדליגער אנ־דערע, ווי עס בליט אויף די נייע סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיק אויך אויפן לאַנד צווישן די געוועזענע אידן לופט־מענטשן.

אויפן קולטורעלן געביט וואַרפן זיך די דערגריי־כונגען פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, בנוגע די נאַציאָ־נאַלע באַפעלקערונגען בכלל און בנוגע דער אידישער בפרט נאָך מער אין די אויגן. צווישן די פאַרשיידענע וויכטיגע אידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס דאַרף מען פאַררעכענען א גאַנצע רייע אידישע אָפּטיילונ־גען אין די אוניווערסיטעטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, דעם כאַרקאָווער אידישן מאַשין־בוי טעכניקום, וואָס רעכנט זיך פאַר איינעם פון די פּאַרטגעשריטנסטע טעכנישע לערנאַנשטאַלטן אין לאַנד, מיט 407 סטו־דענטן און 120 אויף דעם צוגרייטונג־קורס. פאַר די לעצטע 2 יאָר האָט דער טעכניקום ארויסגעלאָזט 207 ספּעציאַליסטן, וואָס ארבעטן שוין איצט אויף די לאָ־קאָמאָטיוו־זאַוואָדן אין לוגאַנסק, כאַרקאָוו און קאָ־לאָמנע, און אין די טראַקטאָר־זאַוואָדן פון כאַרקאָוו און טשעליאַבינסק. מ'דאַרף אריינרעכענען די פינף אידישע מלוכה־טעאַטערס אין מאָסקווע, כאַרקאָוו, קיעוו, מינסק, אָדעס און דעם 6טן, וואָס געפינט זיך אין בירא־בידזשאַן. די אידישע צייטונגען, ווי „דער עמעס” אין מאָסקווע, „שטערן” אין כאַרקאָוו, „אָקטיאַבר” אין מינסק, „אָדעסער ארבעטער”, „זיי גרייט” (פאַר דער יוגנט) אין כאַרקאָוו, „דער יונגער לעניניסט” אין מינסק, „דער אַטעאיסט” אין מאָסקווע, „דער סאָצ. דאַרף” אין כאַרקאָוו, דער „בירא־בידזשא־נער שטערן” אין בירא - בידזשאַן, און א רייע מאָנאַטלעכע זשורנאַלן, ווי „פאָרמעסט”, „שטערן” א. א. וו. שוין צום סוף 1932 האָבן פונקציאָנירט 500 אידישע לייען־שטיבלעך, 300 קלובן, 400 ביבליאָ־טעקן און צענדליגער קולטורעלע אַנדערע אָרגאַניזאַ־ציעס.

פון גרויס וויכטיגקייט איז דער קיעווער אינ־סטיטוט פאַר אידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פון דער אַל־אוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַ־דעמיע, וואָס גיט ארויס וויסנשאַפטלעכע ביכער אין אידיש. אין דער לעצטער צייט האָט דער אינסטיטוט ארויסגעגעבן נ. ספּיוואַק'ס „מאַרקס און ענגעלס וועגן שפּראַך”, ש. בילאָוס „ליטעראַטור־פּראַגנעס ביי מאַרקסן און ענגעלסן”, א ריי ביכער פון מאַקס עריק, ארבעטן פון דעם פאַרשטאָרבענעם א. ראָזענצווייג, א. א. וו. עס ווערט געדרוקט ק. מרמרס וויכטיגע ארבעטן איבער דער אידישער פּראָ־לעטאַרישער פּאָעזיע פון ערשטן פּעריאָד. בכלל וואַקסט די מלוכה־פאַרלאַג טעטיגקייט אויף אידיש פון יאָר צו יאָר. בעת אין 1930 זיינען דערשינען 463 ביכער אין אידיש, זיינען שוין אין 1932 דערשינען 600 ביכער. אויב מיר פאַרגלייכן דאָס מיט די 399 אידישע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין דעם צאַרישן רוס־לאַנד פאַר די 5 יאָר פון 1911 ביז 1915 זעען מיר טאַקע באַשיינפּערלעך ווי „עס גייט אונטער” די אידי־

שע ליטעראטור און קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי עס ווילן אונז פאַרזיכערן די „ליבהאַרציגע פריינט".

קיין זאַך שמייסט ניט אַזוי פיל אין פנים די פאַרשיידענע ליגנער און פאַרלוימדער, וועלכע קלאָגן אויפן „אידישן חורבן" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי די שמיחוגג פון די אידישע מאַסן בנוגע דעם פריזיוו. ווער געדענקט עס ניט וואָס פאַר אַן אומעטיגע כמאַרע עס פלעגט זיך אָנרוקן אויפן אידיש שטעטל אין די פריזיוו־טעג אונטערן צאַר; ווי הונדערטע און טויזנטע יונגע לייט פלעגן זיך מאַכן פאַר אייביגע קאַליקעס, אַבי ניט צו דאַרפן גיין אין דער פאַרהאַסטער און שווידערלעכער אַרמיי. אָט איז אַן אויסצוג פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „עמעס" פון בערשאַד, וויניצער געגנט:

„דער פריזיוו גייט דורך ביי אַ געהויבענער יום־טוב'דיגער שטימונג. אויפן פריזיוו־פונקט איז פול מיט מענטשן. ניט נאָר די פריזיוואָניקעס, נאָר די גאַנצע יוגנט פון שטעטל, פיל עלטערע האָרעפּאַשניקעס האָבן זיך אַהער פאַרזאַמלט, ווייל ס'איז אַ יום טוב, ווען מע נייט אין דער רויטער אַרמיי.

אין אָוונט איז שוין אַלעמען געווען באַוואוסט, וועמען מען האָט צוגענומען אין דער רויטער אַרמיי. די פריזיוואָניקעס האָט אַרומגעכאַפּט אַ פרייד. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן טענץ, אַ געזאַנג איז אַוועק איבערן שטעטל. די גאַנצע יוגנט איז אַרויס אין גאַס, פון גאַס אויפן פּלאַץ, און אַלע האָבן גענומען טאַנצן".

ניט קיין ערגערן אָפּרוף אויפן „פריזיוו" איז צו באַמערקן ביי אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די פריזיוו־טעג ווערן אומעטום פאַרוואַנדלט אין יום־טובים און אויב עס זיינען אָט די טעג ביי אימיצן טרויער־טעג איז עס פאַר די וועלכע ווערן פאַרבראַקירט אַלס ניט פּאַסנדיגע פאַר דער רויטער אַרמיי.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די צענדליגער פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן פילן זיך אויף קיין איין מאָמענט ניט ווי קיין שטיפקינדער ביי אַ שטיפמאַמען, נאָר פילן זיך, ווי ביימער פון איין מעכטיגן צעבליטן גאָרטן אויף איין געביט פון מענטשלעכן שאַפן.

דער אויפבלי פון די מינדערהייט נאַציאָנאַליטעטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף דעם געביט פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק גייט האַנט אין האַנט מיט אַן אומגעהויערער אויפבלי אויך אויף דעם קולטורעלן געביט. יעדער איז נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט. אונטער דער צאַרישער רעגירונג איז געוועזן פאַרבאָטן צו דערמוטיגן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אַנצוהאַלטן זייער מוטערשפּראַך. אַפילו אין פוילן אין אוקראַינע איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר פוילישע און אוקראַינישע אין די גימנאַזיעס, אָדער פאָלקס שולן. אויף דעם 7טן דוואַ־ריאָנסקן (פריצישן) קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1911 איז אָנגענומען געוואָרן וועגן דעם ענין פאָלגנדיגע רעזאָלוציע:

"די רוסלענדער מלוכה־שול מוז זיין אין רוסיש און נאַציאָנאַליסטיש־פּאַטריאָטיש. אַ פּאַטריאָטישע שולע קאָן פון דער נאַטור אויס ניט זיין אין אַ פרעמדער שפּראַך. די רוסישע שפּראַך מוז אַליין הערשן אָן שום קאָמפּראָמיסן. די גאַנצע דערציאונג מוז אָנגעפירט ווערן אין רוסיש"...

עס האָט זיך אָבער ניט געהאַנדלט נאָר וועגן אַ שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַליסטישער באַציאונג. עס איז אויך געגאַנגען די הערשנדיגע קלאַסן פון צאַרישן רוסלאַנד אין דעם, אַז די מיליאָנען האָרעפּאַשנע מאַסן פונם גרויסן לאַנד זאָלן בלייבן אין אומוויסנקייט און פינסטערניש, כדי זיי זאָלן ניט זיין בכוח אויפצוהייבן זיך קעגן זייערע אונטערדריקער. דער אַנאַלפאַבעטיזם צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג. לויטן צענזוס פון 1897, וואָס האָט זיך אָן ספק געסטאַרעט צו צופאַרבן אַזוי ווייט ווי נאָר מעגלעך דעם שוואַרצן פנים פון דער קולטורעלער מדרגה אין רוסלאַנד ווערן אָנגעגעבן פאָלגנדיגע ציפערן בנוגע איוורעקייט (אַלפאַבעטיזם) אין אוקראַינע פון 10־13 פּראָצענט; אין גרוזיע, אויף קאַווקאַז — 12 פּראָצענט; אין ווייס־רוסלאַנד — 11 פּראָצענט; אין טאַטאַריע פון 8־10 פּראָצענט; אין קאַרעליע—10 פּראָצענט; אין טשוּוואַשיע — 5 פּראָצענט; אַרמעניע 4.7 פּראַצענט; ביי די מאַריאַים — 3 פּראָצענט; ביי די קאַזאַקן — צוויי פּראָצענט; ביי די אוזבעקן — איין פּראָצענט; ביי די טאַדזשיקן און יאַקוטן — אַ האַלבער פּראָצענט, א. א. וו.

מ'דאַרף אויך האָבן אין זינען, אַז אין דעם צאָל זיינען אַריינגעגאַנגען אַלע די וואָס האָבן נאָר געקאָנט אויפשרייבן זייער נאָמען, וואָס עס מיינט, אַז אַ היבשער טייל פון אָט די „געבילדעטע", האָט אַפילו ניט געקענט איבערלייענען אַ וואָרט. נאָך מער: דער צענזוס איז ניט געמאַכט געוואָרן לויט נאַציאָנאַליטעט, נאָר לויט טעריטאָריע. יעדע פון אָט די טעריטאָריעס איז געווען באַזעצט מיט אַ מענגע טשינאָווניקעס און זייערע פאַמיליעס. פאַר זייערע קינדער זיינען דאָס געווען די איינציגע שולן, וואָס פלעגן זיך געפינען אויף אַ טעריטאָריע, און דעריבער איז דער פּראָצענט פון גראַמאָטנע צווישן דער אָרטיגער נאַציאָנאַליטעט געווען אַ פיל, פיל קלענערע ווי ער דערשיינט אין די צענזוס־ציפערן, און אויך דער קליינער פּראָצענט איז באַשטאַנען פון די פאַרמעגליכערע פּריווילעגירטע קלאַסן.

דורך די יאָרן צווישן 1897 און דער רעוואָלוציע זיינען קיין קענטיגע ענדערונגען אין דעם זינען ניט פאָרגעקומען, ווי עס ווייזן איינציגע לאָקאַלע צענזוסן, וואָס זיינען דורך דער צייט געמאַכט געוואָרן.

עס איז איבערגעבליבן פאַר דער גרויסער אָקטאָבער רעוואָלוציע צו דערגרייכן דאָס, וואָס איז פאַר הונדערטער יאָרן ניט געטאָן געוואָרן פון די צאַרישע רעגירונגען: אויפצוהייבן די פאַרשיידענע צעטראָטענע נאַציאָנאַליטעטן און אויסבילדן זיי, שאַפן פאַר א צאָל פון זיי א שריפט, פּראָסט־פּשוט אַן אַלף־בית. אַזעלכע ווי די קאָמי־שבטים, די טסענטס־שבטים, קאַראַקאַלפּאַקער, וואָגולן, טשוקאָטן, כאַקאַס־שבטים און ענליכע האָבן ביז דער רעוואָלוציע ניט געהאַט קיין שום שריפט.

ווידער האָבן א היבשע צאָל פעלקערשאַפטן גערויכט אַן אַלטע שריפט, וואָס איז געווען באַזירט אויפן רעליגיעזן אַראַבישן אַלף־בית, אַנדערע אויף דער לאַם־הערויגליפן־שריפט און גאַר אַנדערע אויף דעם רוסישן אַלפאַבעט, וועלכער איז אינגאַנצן ניט געווען צוגעפּאַסט צו די קלאַנגען־קאָמבינאַציעס פון זייערע שפּראַכן. פאַר די אַלע האָט די סאָוועטן־רעגירונג געשאַפן א לאַטייניזירטן אַלף־בית, וואָס זאָל זיין צוגענגלעך צו די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע, געשאַפן פאַר זיי שולן, לערער־פּערסאָנאַלן, העכערע שולן, צייטונגען און ביכער־פאַרלאַגן, ביבליאָטעקן און לייען־שטיבלעך, טעאַטערס און מוזייען.

אייניגע ביישפּילן וועלן מיר דאַ נאָר ברענגען, וואָס וועלן אילוסטרירן אָט די גרויסע היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, וואָס האָט געקאָנט דורכגעפירט ווערן אונטער די שווערע אומשטענדן נאָר דורך דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און אירע אָרגאַנען.

מיר'ן נעמען ווייס־רוסלאַנד. ביז דער רעוואָלוציע איז אינגאַנצן ווייס־רוסישן געגנט ניט געווען קיין איין הויכשול אָדער טעכניקום. איצט פאַרמאָגט דאָס לאַנד א וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע, 19 וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן, 26 הויכשולן און טעכנישע אינסטיטוטן. 15 טויזנט סטודענטן, 36 טויזנט סטודענטן אויף די אַרבעטער פאַקולטעטן און אָבליגאַטאָרישע בילדונג פאַר אַלע קינדער פון שול־עלטער. עס האָט אויפגעבליט די ווייס־רוסישע סאָוועטישע ליטעראַטור און פּרעסע, קונסט און טעאַטער. די ווערק פון די ווייס־רוסישע שרייבער צעגייען זיך אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן. עס זיינען געשאַפן געוואָרן ניין נאַציאָנאַלע טעאַטערס, אין דעם אויך אַן אָפּעראַ, א באַלעט. מוזייען און מוזיק־קאָנסערוואַטאָריעס. 55 צייטונגען, פון וועלכע די צענטראַלע אַליין האָבן א צירקולאַציע פון 300 טויזנט.

אין מאָלדאַוויע, וואו דער אַנאַלפאַבעטיזם איז אין די צאַרישע צייטן געווען נאָך גרעסער, זיינען איצט אויסגעשפּרייט געוואָרן א גרויסע נעץ פון שולן מיט א לאַטייניזירטן אַלפאַבעט. 38,500 קאָלווירטניקעס זיינען געוואָרן אייוורעדיג. ווען אין גאַנץ מאָלדאַוויע זיינען נאָך אין 1929 מער ניט געווען ווי 2 צייטונגען, זיינען שוין איצט פאַראַן 41 צייטונגען מיט א צירקולאַציע פון 90,750, צווישן זיי 16 מאָלדאַווישע, די איבעריגע אויף אַנדערע שפּראַכן.

אין טראַנסבייקאַל (איצטיגע בוריאַטאַ־מאָנגאָליע) וואו ס'האָבן נאָר 194 בוריאַטישע קינדער געלערנט אין שולן, האָבן מיר שוין אין 1931 געהאַט 647, 285 פון זיי בוריאַטישע מיט 19 טויזנט בוריאַטישע קינדער, און פון דעם יאָר 1934 זיינען שוין אַלע בוריאַטישע קינדער באַזאָרגט מיט שולן. אויסער דעם זיינען שוין אין 1932 דאָרט געווען, צען טעכנישע אינסטיטוטן, צוויי אַרבעטער־פאַקולטעטן, 113 דאָרפישע לייען־שטיבלעך, 9 קלובן, א ביכער־פאַרלאַג, 11 צייטונגען, און א טעאַטער. לעצטנס זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן פּעדאַגאָגישע און אַגריקולטורעלע אינסטיטוטן.

אין דער אודמורטער אויטאָנאָמישער געגנט: נאָר 15 פּראָצענט פון די אודמורטן זיינען געווען גראַמאָטנע ביז דער רעוואָלוציע און דאָס אויך ניט אין זייער אייגענער שפּראַך אויף וועלכער עס איז אין שולע אפילו פאַרבאָטן געוואָרן די קינדער צו ריידן צווישן זיך. אין אנהייב פון 1931 זיינען שוין דאָרט געווען גענוג שולן אין אודמורטיש פאַר 98.6 פּראָצענט פון אַלע קינדער אין שול־עלטער. זיי האָבן איצט 12 טעכנישע אינסטיטוטן, א נאַציאָנאַלע פּרעסע מיט א ליטעראַטור, וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן 47 שרייבער פון א הויכער ליטעראַרישער קוואַליטעט.

דאַגעסטאַן: ביז דער רעוואָלוציע נאָר 82 שולן אין רוסיש מיט 4,667 שילער פון די פּריווילעגירטע קלאַסן. אין 1931 שוין געווען 928 אַנפאַנג־שולן אין דער אייגענער שפּראַך מיט איבער 80 טויזנט קינדער, 19 שולן פאַר די קינדער פון די פאַרם־קאָלעקטיוון, 4 אַרבעטער פאַקולטעטן, 18 טעכנישע אינסטיטוטן מיט 8 טויזנט סטודענטן פון די באַרג־איינוואוינער, א רייע פּאַרטיי־שולן, אַן אַרבעטער אוניווערסיטעט, א רייע פאַבריק־שולן, א וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג אינסטיטוט, 8 צייטונגען אין די אָרטיגע שפּראַכן, איבער א מיליאָן ביכער און א נאַציאָנאַלער טעאַטער.

נאָך העלער דערשיינען פאַר אונז די קולטור אויפטואונגען אין קאַזאַקסטאַן. אין 1915 זיינען 13 טויזנט קאַזאַקישע קינדער געגאַנגען אין די שולן. אין 1931 שוין 3,454 אַנפאַנג־שולן פאַר קאַזאַקישע קינדער און 2135 שולן פאַר אַנדערע נאַצמינדערהייטן פונם געגנט; 44,207 סטודענטן האָבן גראַדואירט שוין פון העכערע לערן־אַנשטאַלטן; 17 קאַזאַקישע צייטונגען מיט א צירקולאַציע 2,416,000 עקז., 3 זשורנאַלן, 56 דיסטריקט צייטונגען, 704 ביכער פון 55 מיליאָן עקזעמפּלאַרן, 96 קלובן און ביבליאָטעקן, 99 רויטע יורטעס (געצעלטן); 539 דאָרפישע לייען־שטיבלעך, א נאַציאָנאַלן טעאַטער און א קינסטלערישע לי־

טעראטור, וואָס הייבט זיך אָן זייער שיין פאַנאַנדער־צואוויקלען.

מיר ווילן בכיון איצט נעמען א געוויסע צאָל פארלעגערישע טעטיקייטן פאַרן 1934 יאָר, וואָס וועט אונז דינען אלס אילוסטראציע פאַר אנדערע קולטור־רעלע טעטיגקייטן.

דער אוזבעקישער מלוכה־פארלאג האָט צווישן אנדערע ביכער ארויסגעגעבן אויך דעם יאָר די ווערק פון שעקספיר, גאָגאָל, סינקלעיר, בעלא אילעש, טשע־כאָוו, גאָרקי, פאַנפיאָראָוו, פורמאַנאָוו, און אנדערע; פון אייגענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטן, די ווערק פון גאַפור גוליאַן, שאקיר סולימאַן, גאיראַטי און כאַסאַן פּולאַס; אויף דער אוגורער שפּראַך — א זאמלונג לי־דער פון לאַכוטי, א זאמל־בוך פאַר דער אוגורער פאָלקס־ליטעראַטור, א ראָמאַן פון כאַמראַיעוו און סאדרעלין, א רייע קינדער־ביכער א. א. וו.

צווישן די היאָריגע אויסגאבן פון טאַדזשיקער מלוכה־פארלאג זיינען אריין די ווערק פון אזעלכע קלאַסיקער און היינטצייטיגע ווי, וויקטאָר הוגאָ, גאָרקי, טינקלער, סעראפימאָוויטש, ליבערינסקי, שאלאכאוו און גלאַדקאָוו און פון די טאַדזשיקער אייגענע שרייבער די ביבעלישע ווערק פון לאכוטי, פייראל און מוגזין.

אין מלוכה־פארלאג פון גרוזיע איז אין 1935 צוגעגרייט געוואָרן אן ערך פון 7 מיליאָן דרוק־בויגן ביכער־פּראָדוקציע, פון דעם וועט 5½ מיליאָן זיין די ווערק פון די טראַנסקאַווקאַזער שרייבער.

אין ווייס־רוסישן מלוכה־פארלאג האָט דער 1935 פּלאַן אנטהאַלטן א קינסטלערישע ביכער־פּראָ־דוקציע פון 8 מיליאָן בויגן, צווישן זיי אזעלכע קלאַ־סיקער ווי שעקספיר, געטע, היינע, באָמאַרשע, באל־זאַק, פושקין, גאָגאָל, טאָלסטאָי, גאָרקי, און אנדערע; פון די היינטצייטיגע שרייבער איבערזעצונגען פון וואָויקאָוו־פּריבאָי, שאָלאָכאָוו, גלאַדקאָוו, אוודעיענקא, יאַסענסקי און מאַיאַקאָווסקי. חוץ דעם ווערט צוגע־גרייט אן אַנטאָלאָגיע פון רוסישער פּאָעזיע.

אין אודמורטער מלוכה־פארלאג זיינען אין 1934 דערשינען איבערזעצונגען פון נעקראַסאָוו, גאָרקי, פאַנ־פיאָראָוו, נעוויעראָוו און אנדערע. עס ווערן צוגעגרייט די ווערק פון שאָלאָכאָוו, פאדייעוו, אוודעיענקא און מאַיאַקאָווסקי, א זאמלבוך פון אודמורטער דיכטער און אן אַלמאַנאַך פון די רוסישע שרייבער אין אודמיר.

דער אבכאַזער מלוכה־פארלאג גרייט צו אין דער אבכאַזישער שפּראַך איבערזעצונגען פון פושקין, לער־מאָנטאָוו, גאָגאָל, טאָלסטאָי, גריבאיעדאָוו, טורגעניעוו, גאָרקי און טשעכאָוו. איצט גייען ארויס פון דרוק ווערק פון שאָלאָכאָוו, פאדייעוו, סעראפימאָוויטש,

לאַרקיפּאַנידזע און דשאוואכאשווילי.

דער קינדער־פארלאג אין אוקראינע האָט אין פּלאַן פאַרן יאָר 1935 אנגעמערקט 3 מיליאָן און 600 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון קינסטלערישער, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער און טעכנישער ליטעראַטור. איבער 150 טויזנט ביכער פאַר די קינדער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די ווערק פון טאָלסטאָי, שעווטשענקא, מארק טווען, שלום־עליכם, טשייקאָווסקי און קוויטקא ווערן ארויסגעגעבן אין רוסיש, אידיש, דייטש, פּויליש און בולגאַריש. אויף אוקראַיניש ווערן ארויסגעגעבן די ווערק פון פּושקין, גאָגאָל, נעקראַסאָוו, טאָלסטאָי, טורגעניעוו, גאָרקי און אנדערע. עס ווערן אויך ארויס־געגעבן ביאָגראַפיעס פון סטאַלין, וואָראָשילאָוו, קאַ־סיאָר און פּאָסטישעוו.

דאָס איז נאָר אין די אויבנדערמאָנטע טעריטאָ־ריעס. פון דעם איז זיך נאָך אוממעגלעך צו שאַפן א פאָרשטעלונג וועגן דער גראַנדיעזער קולטורעלער אויפ־לעבונג, וואָס קומט פאָר צווישן די פעלקער פונם סאָ־וועטן־פארבאַנד. עס איז אן אומבאַשטרייטבארער פאַקט, אז אין קיין איין מלוכה אין דער וועלט ווערט איצט נים ארויסגעגעבן אזויפיל ביכער, ווי אין סאָ־וועטן־פארבאַנד. אין דעם רוסישן טייל פון סאָוועטן־פארבאַנד זיינען אין 1934 דערשינען ביזן 1טן נאָוו. 33 טויזנט ביכער אין 385 מיליאָן עקזעמפּלאַרן. אין דעם העכסטן יאָר פון פארלעגערישער טעטיגקייט אין צארישע צייטן, אין 1913, זיינען דערשינען ביכער אין 87 מיליאָן עקזעמפּלאַרן, אין דעם זיינען א גרויסער טייל אריין רעליגיעזע שמאָכטעס און באָבע־מעשיות פון קנאָפּן ליטעראַרישן ווערט.

פאַר די 17 יאָר פון סאָוועטן־הערשאַפט זיינען אין דעם רוסישן טייל אליין ארויסגעגעבן געוואָרן 438 טויזנט ביכער אין 4 ביליאָן און 56 מיליאָן עקזעמפּ־לאַרן. ווען מיר רעכענען צו דעם צו די ביכער אויף נאָך 91 שפּראַכן, וואָס זיינען ארויס אין דעם גאַנצן סאָוועטן־פארבאַנד; ווען מיר גיבן נאָך צו דעם צו די צען טויזנט צייטונגען, וואָס דערשיינען אין אכציג שפּראַכן און די 36 מיליאָן לעזער זייערע, די הונדער־טער־טויזנטער לייען־שטיבלעך און באַוועגלעכע ביב־ליאָטעקן. די 4815 רוסישע באַפּעסטיגטע ביבליאָ־טעקן, די הונדערטער מוזייס, טעאַטערס, ראַדיאָס, אוניווערסיטעטן, טעכנישע שולן, וויסנשאַפטלעכע אקאַדעמיעס, פאָרשונג ־ אינסטיטוטן און פאָרשונג־עקספּעדיציעס, קאָנען מיר שוין באַקומען א שטיקל באַגריף, וואָס די סאָוועטן־רעוואָלוציע האָט געמיינט פאַר די פעלקערשאַפטן פון סאָוועטן־פארבאַנד, פאַר זייערע הערפּאַשנע מאַסן און וואָס זי מיינט פאַר אלע עקספּלואַטירטע, דערשלאָגענע און אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן אויף דער גאַנצער וועלט.

ש. דימאַנשטיין

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מאַכט און חבר מ. א. קאַלינין

צום מאָמענט, ווען מיכאַיל איוואַנאָוויטש איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פונם צענטראַל אויספיר־קאָמיטעט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד (וויצי"ק) האָט די נאַציאָנאַלע פראַגע אינם לעבן פונם ראַטן־לאַנד געשפּילט זייער אַ וויכטיגע ראָלע. צו יענער צייט זיינען די איצטיגע נאַציאָנאַלע סאָוועטישע רע־פּובליקן געווען אַרומגעכאַפּט מיט דער שריפה פון בירגער־קריג. די פאָרשטייער פונם אינטערנאַציאָנאַלן און פונם געוועזענעם רוסלענדישן אימפּעריאַליזם האָבן געפירט אַ פאַרביטערטע מלחמה געגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, זייער לאָזונג איז געווען: „אַן איינהייטלעך און אומטיילבאַר רוסלאַנד". דער מיט אַלע מיטלען צוצונדענער רעאַקציאָנערער רוסלענדי־שער פּאַטריאָטיזם האָט מיט אַ באַזונדער רציחה זיך געוואָרפן אויף די נאַציאָנאַלע מלוכה'שע פאַראייניקונ־גען, וואָס די ראַטן־מאַכט האָט געשאַפן, ווי אוקראַי־נע, ווייס־רוסלאַנד, לעטלאַנד, ליטע א. אַ. וו. די שונאים האָבן געשטרעבט אויפרייסן די ראַטן־מאַכט, אויפשטעלן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. צוליב דעם ציל זיינען זיי געווען גרייט ברענגען פאַר אַ קרבן יעדן בעסטן טייל פון רוסלאַנד אַלס קאָמפּענסאַציע די וועלט־רויבער פאַר זייער הילף צו די ארמייען פון די ווייסע גענעראַלן.

די ראַטן־מאַכט האָט שטרענג און קאָנסעקווענט דורכגעפירט די פּאָליטיק פון געבן אַלע פעלקער פונם געוועזענעם רוסלאַנד דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַ־שטימונג ביז אָפּטיילן זיך אין אַ זעלבסטשטענדיגער מלוכה. באַנוצנדיג זיך מיט די דאָזיגע רעכט צו אָרגאַ־ניזירן זיך אין זעלבסטשטענדיגע רעפּובליקן, האָבן די אַרבעטנדיגע מאַסן פון די נאַציאָנאַליטעטן פון פּסס"ר אַליין, אָן שום זייטיגן דרוק, אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דער נויטיגקייט צו פאַראייניגן די סאָוועטישע רעפּובליקן, אַרויסגייענדיג פון דער געשאַפענער אינ־טערנאַציאָנאַלער און אינערלעכער לאַגע.

דער דעקרעט פונם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פונם 3טן יוני 1919, מיט מ. א. קאַלינינס אונטער־שריפט, איז באַטיטלט: „וועגן פאַראייניגן די סאָווע־טישע רעפּובליקן: רוסלאַנד, אוקראַינע, לעטלאַנד, לי־טע און ווייסרוסלאַנד, כדי צו קעמפן געגן דעם אַל־וועלטלעכן אימפּעריאַליזם".

פונם נאָמען אַליין פון דעם דאָזיגן דעקרעט זעען מיר גלייך, וואָס פאַר אַ ציל עס האָט געהאַט די דאָזיגע פאַראייניגונג פון די סאָוועטישע רעפּובליקן און די פראַגע איז געשטאַנען טאַקע וועגן קאַמף געגן דעם אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם".

מיט מ. א. קאַלינינס נאָמען איז פאַרבונדן די אויסבילדונג כמעט פון אַלע סאָוועטישע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן טאַקע פון די יאָרן 1919—1920. אַזוי, צום ביישפּיל, איז דער דעקרעט וועגן שאַפן אַן אויטאָנאָמע טאָטערישע רעפּובליק אונטערגעשריבן געוואָרן פון די חברים קאַ־לינין און לענין. דאָס זעלבע אויך וועגן טורקעסטאַן, וועגן דער אויטאָנאָמער טשוּוואַשער געגנט, וועגן דער קאַזאַקישער, קירגיזיער, בוריאַטאָ־מאָנגאָלישער און אַנדערע רעפּובליקן און געגנטן.

מיר דאַרפן באַזונדער פאַרצייכענען חבר קאַלי־נינס ראָלע אין שאַפן דעם פּסס"ר, ווען עס האָט זיך געפאָדערט אויספורעמען געגנוי די מלוכה'שע געגנ־זייטיגע באַציאונגען פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע רע־פּובליקן, וואָס זיינען אַריבער פון דער פאָרם פון אַ קריג־בונד פון די סאָוועטישע רעפּובליקן צום שאַפן אַן איינהייטלעכן גרויסן פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטי־שע מלוכות — אַ פאָרבילד פון אַ פאַרבאַנד פון סאָ־וועטישע, סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פון דער גאַנצער וועלט. די גרונט־צוגרייטונג פאַרן שאַפן דעם פּסס"ר איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן 10טן ראַטן־צוזאַמענ־פאָר פון רספּס"ר, אויף וועלכן עס זיינען בייגעווען פאָרשטייער פון אַלע אַנדערע רעפּובליקן, וואָס האָבן באַדאַרפט שאַפן דעם פּסס"ר. און אָט אין דעצעמבער 1922 האָט חבר קאַלינין שליסנדיג דעם דאָזיגן צו־זאַמענפאָר, געזאָגט:

„צי איז דען פאַר אונז, דעלעגאַטן פונם 10טן ראַטן־צוזאַמענפאָר, פאָרשטייער פון די אַרבעטער און

פויערים פון די סאָוועטישע רעפּובליקן, ניט טייער דער נאָמען פון רספּס"ר? ער איז אונז טייער. דער דאָזיגער נאָמען איז אויסגעקעמפּט געוואָרן אינם פייער פון די שלאַכטן, וואָס אין זיי האָבן ניט ווייניג קרבנות געבראַכט די אַרבעטער און די פּויערים פון אונזער לאַנד. איך זע ווי עס פלאַטערט די רויטע פאָן מיט די 5 הייליגע בוכשטאַבן ר ס פ ס "ר, און מיר, די דעלעגאַטן פונם 10טן ראַטן־צוזאַמענפאָר, די פולמעכטיגע פאָרשטייער פון דער גאַנצער סאָוועטישער רוסלענדישער פעדעראַציע נייגן די דאָזיגע מיט שלאַכטן און זיגן באַהויכטע, מיט קרבנות פון אַרבעטער און פּויערים פאַרפעסטיגטע פאָן פאַרן פאַרבאַנד סאָוועטישע רעפּובליקן. איך זע, חברים, די דאָזיגע פאָן ביים חבר לענין אין די הענט. אַלזאָ, חברים, פאָראויס! הויבט אויף אונזער פאָן, אַז עס זאָלן זי קענען זען אַלע אַרבעטנדיגע און אונטערדריקטע פון דער וועלט".

די דאָזיגע דערהויבענע רעדע האָט פולקאָם אָפּגעשפּיגלט די שטימונג פון די דירעקטע שעפער פונם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

דאָס שאַפן דעם פסס"ר האָט נעהאַט ניט נאָר אַן אינערלעכע, נאָר אויך אַ קאָלאָסאַלע אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג. אין דער ווענדונג פונם פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פסס"ר, אונטערגעשריבן פון די חברים קאַלינין און יענוקידזע, לייענען מיר:

„די פאַרבאַנדישע מלוכה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַזוי אַרום אויפן גרונט פון די פעלקער פון די סאָוועטישע רעפּובליקן שטעלט פאַר זיך אַ ציל איינצוהיטן דעם שלום מיט אַלע פעלקער. די גלייכבארעכטיגטע נאַציאָנאַליטעטן וועלן אין ענגער, געגנזייטיגער טעטיגקייט און אין געמיינזאַמער אַרבעט האַנט ביי האַנט אַנטוויקלען זייער קולטור און וואוילשטאַנד און וועלן פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן פון דער מאַכט פון די אַרבעטנדיגע.

זייענדיג אַ נאַטירלעכער פאַרבינדעטער פון די אונטערדריקטע פעלקער, זוכט דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פרידלעכע, פריינטלעכע באַציאונגען און עקאָנאָמישע מיטאַרבעט מיט אַלע פעלקער. דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן שטעלט פאַר זיך אַ ציל מיטצוהעלפן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיגע פון דער גאַנצער וועלט. אויף דער ריזיקער שטרעקע פונם באַלטישן, שוואַרצן און ווייסן ים ביזן שטילן אָקעאַן פאַרווירקלעכט ער די ברידערשאַפט צווישן פעלקער און די הערשאַפט פון אַרבעט, שטרעבנדיג אין דער זעלבער צייט מיטצוהעלפן דער פריינטלעכער מיטאַרבעט פון די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט".

* * *

אין חבר קאַלינינס פּאָליטישער טעטיגקייט פאַרנעמט אַ גאָר באַזונדער אָרט זיין דירעקטע באַהעפטונג מיט די פאָלק־מאַסן. זיין אַרומרייזן כמעט איבער אונזער גאַנצן לאַנד, זיין באַזוכן די סאַמע וווייטסטע ווינקעלעך פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס פון איין זייט, גיבן זיי די מעגלעכקייט די סאַמע ברייטע מאַסן קומען אין אַ דירעקטן באַריר מיט דער העכסטער מאַכט, און, פון דער צווייטער, זיכערן זיי מיכאַאיל איוואַנאָוויטשן די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן אויפן אָרט, ווי אַזוי עס ווערט דורכגעפירט אין דער ווירקלעכקייט די פּאָליטיק פון דער ראַטן־מאַכט, צו דערוויסן זיך אומיטלבאַר ביי די אַרבעטער און פּויערים דעם ווילן פון די מאַסן. חבר קאַלינין איז אויסגעווען אין זייער אַ סך אונזערע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און פלעגט אויפן אָרט זיך באַשעפטיגן מיט איינרעגולירן די ריכטיגע געגנזייטיגע באַציאונגען צווישן די אַרבעטנדיגע פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, פאַרריכטנדיג אין גאַנג די דערלאָזענע פעלערן.

דעם חבר קאַלינינס יעדער באַזוך אין אַ וועלכן עס איז פּונקט האָט אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג און פאַר די ערטער איז דאָס אַ היסטאָרישע געשעעניש, וואָס פאַרבלייבט זייער לאַנג אין זכרון. באַזונדערס באַציט זיך דאָס צו זיין באַזוכן די פריער אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, דירעקט אין זייערע אַאולן און קישלאַקעס. די אַרבעטנדיגע פון די דאָזיגע נאַציאָנאַליטעטן געדענקען גוט, וואָס עס האָט פאַר זיי באַטייט אין דער פאַרגאַנגענהייט אַ באַגעגעניש מיט אַ גרויסן רוסישן באַאַמטן: ער פלעגט געוויינטלעך קומען צו זיי אַלס שטראָפער, ער פלעגט מיט זיין קומען אָנטרייבן אַן אכזריות'דיגע פּאַניק און שרעק.

די ראַטן־מאַכט אָבער, וואָס פירט דורך די לעניניסטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, האָט זיך באַמיט, וואָס שנעלער אויסלעבן יעדן מין נאַציאָנאַלע רייסעריי און באַזונדערס דעם אומצוטרוי צו די רוסישע, ווי צו כלומרשט געוועזענע אונטערדריקער. דאָס קומען קאַלינינס, דעם הויפּט פון דער ראַטן־רעגירונג, צווישן די מאַסן פון סאַמע פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָט אַ דאַנק זיין אויסשליסלעכער קענטשאַפט צו רעדן מיט די מאַסן, אַרויסרופן זייערע סימפּאַטיעס, — געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין פאַרפעסטיגן דעם צוטרוי פון די אַרבעטנדיגע נאַציאָנאַלן צו דער ראַטן־מאַכט, און פאַרפעסטיגן די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען.

די ברייטע מאַסן אַרבעטנדיגע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן האָבן באַזונדערס געשעצט און שעצן מיכאַאיל איוואַנאָוויטשעס קענען צוגיין צו די מאַסן ווי צו גלייכע. ער וואַרפט אינגאַנצן אָפּ די בורזשואַזע מעטאָדן פון שמועסן מיטן פּויערטום ווי מיט קינדער, אָדער, אין בעסטן פאַל, ווי מיט „קלענערע ברידער".

מיט זיינע פּשוט'ע פראַגן רופט אַרויס מיכאַאיל איוואַנאָוויטש די מענטשן אויף אָפנהערציגקייט, ער

סטימולירט זיי אָפּן אַרויסצוזאָגן זיך וועגן זייער אומ־צופרידנקייט, וועגן זייערע וואונטשן און פאָדערונגען צו דער ראַטן־מאַכט. אין דער זעלבער צייט איז מי־כאַיל איוואַנאָוויטש זייער ווייט פון הנפ'ענען די מאַסן, פון צופּאַסן זיך צו זייערע שטימונגען. ער גיט קיינמאָל ניט קיין אויספירבאַרע צוזאָגן, ווייל ער ווייסט גוט, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג עס האָט פאַר זיינע צוהערער יעדער וואָרט זיינס, יעדער צוזאָג זיינער. ער האַלט זיך פּראָסט, אָפנהערציג און גלייכצייטיג קאָן ער אַריינדרינגען אין דער פּסיכאָ־לאָגיע און פאַרשטיין די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט צו טאָן, קאָנענדיג געפינען די אַנטשפּרעכיגע ווערטער פאַר יעדן באַזונדער פאַל. אַט די דאָזיגע פּיאַיקייטן פונם חבר קאַלינין האָבן געהאַט און האָבן אַ גוואַלדיגע פּאָזיטיווע באַדייטונג אין זיינע פּיל־צאָ־ליגע באַגעגענישן מיט די אַרבעטנדיגע נאַציאָנאַלן, סיי בעת זיינע באַזוכן אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנטן, און סיי אויך ביי זיין אויפנעמען פּיל־צאָליגע דעלעגאַציעס און איינצלנע פאַרשטייער פון נאַציאָנאַליטעטן.

חבר קאַלינין אינטערעסירט זיך און זאָרגט זיך שטאַרק אויך וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע נאַציאָנאַלע אויספורעמונג ווי רעפּובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן. אַרויסטרעטנדיג אויף דער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג צווישן די נאַצ־מינדערהייטן אין יאָר 1928, האָט חבר קאַלינין באַ־זונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויף די שוועריקייטן, וואָס באַגעגענען זיך אין דער אַרבעט צווישן די נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן ביים דורכפירן די פּאַרטיי־ליניע, ביים פאַרווירקלעכן די פולע גלייכהייט פון די נאַציאָ־נאַליטעטן. ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק וועגן דעם, אַז מען טאָר ניט פאַרשטיין די פראַגע וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פאָרמעל, ער האָט זיין געדאַנק אילוסטרירט מיט אַזאַ ביישפּיל: אויב מען זאָל איצט אוועקשטעלן אין פולקאָם גלייכע באַדינגונגען די רוסן און קאַזאַקן אין קאַזאַקסטאַן, וועלן די רוסן, אַ דאַנק זייער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט באַזיגן די קאַזאַקן. וועגן די קאַזאַקן מוז מען זיך באַזונדער זאָרגן. פּונקט די זעלבע לאַגע איז, צום ביישפּיל, אויך מיט דער פּוי־לישער נאַצמינדערהייט אין אוקראַינע. אונזער פּליכט איז שאַפן די פולע מעגלעכקייט פאַר דער אַנטוויק־לונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אוועקשטעלן זיי אין אַ באַזונדער לאַגע, ערשט דאַן וועט מען קאָנען דערגרייכן די פאַקטישע גלייכהייט. די פּאָליטישע גלייכהייט פון די אַרבעטנדיגע פון די נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן דרינגט אַרויס פון די אַלגעמיינע באַדינ־גונגען פון דער עקזיסטענץ פון דער ראַטן־מאַכט, אָבער די פאַקטישע גלייכהייט — דאָס איז אַ פּיל קאָמפּליצירטערע זאַך. דאָ קאָן מען ניט צוגיין מיט

איין מאָס צו אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אין דער הינזיכט קאָן מען ניט פאַרגלייכן, לאָמיר זאָגן, די רוסן אין אוקראַינע, די פּאָליאַקן אין ווייסרוסלאַנד אָדער מיט די טאָטערן אין אוקראַינע. דאָ דאַרף מען דיסקאָנטירן די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער אַנט־וויקלונג און פונם צושטאַנד פון דער געגעבענער נאַצ־מינדערהייט בנוגע דער גרונט־באַפעלקערונג.

גרויס אויפמערקזאַמקייט גיט אָפּ דער חבר קאַ־לינין דער אידישער נאַצמינ־דערהייט אין פּסס"ר. עס איז באַוואוסט, וואָס פאַר אַן אַנטשיידענעם קאַמף חבר לענין האָט געפירט געגן די רעשטן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דעם האַס פון די אַרבע־טער און פּויערים, וואָס זיינען געווען פאַרפּייניגט פון נויט, האָבן די גוטבאַזיצער און עקספּלואַטאַטאָרס זיך באַמיט צו ריכטן געגן די אידן... „די פּיינטשאַפט צו אידן האַלט זיך פעסט נאָר דאָרט, וואו די פאַר־שקלאַפונג מצד די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן האָט געשאַפן אַ שטאַרק פינצטערניש פאַר די אַרבעטער און פּויערים. בלויז די גאָר פינצטערע, די גאָר פאַרשטוי־סענע מענטשן קאָנען גלויבן דעם ליגן און רכילות, וואָס עס ווערן פאַרשפּרייט געגן די אידן... די קאַפּי־טאַליסטן באַמיען זיך אָנצינדן די פּיינטשאַפט צווישן די אַרבעטער פון פאַרשידענעם גלויבן, פון פאַרשיי־דענע נאַציעס, פון פאַרשידענע ראַסעס. די רייכע אידן, פּונקט ווי די רייכן רוסן, פּונקט ווי די רייכע פון אַלע לענדער אין פאַרבאַנד־בונד איינע מיט די צווייטע, דריקן זיי, שטיקן און שפּאַלטן די אַרבעטער. אַ שאַנד צום פאַרפלוכטן צאַריזם, אַ שאַנד צו די, ווער עס זייט פּיינטשאַפט צו אידן, ווער עס זייט האַס צו אַנדערע נאַציעס".

די דאָזיגע געדאַנקען דעם חבר לענינס פלעגט חבר קאַלינין ניט איינמאָל ציטירן אין זיינע אַרויסטרעטונ־גען וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטנדיגע אידן אין אונזער לאַנד. אין איינער פון זיינע אַרויסטרעטונגען אויף אַ מיטינג פון אידן־קאָמוניסטן אין וויטעבסק אין יוני 1919 האָט חבר קאַלינין געזאָגט:

„באַזונדערס פרייט מיך צו זיין אויף דער פאַר־זאַמלונג, וואו די קאָלאָסאַלע מערהייט פאַרזאַמלטע גע־הערט צום סאַמע אונטערדריקסטן פאָלק. עס איז ניטאָ אַזאַ שמוץ, אַזאַ מיאוס'קייט, אַזאַ פּאַסקודסטווע, וואָס עס זאָל ניט אַרויסגעגאָסן ווערן אויפן אידישן פאָלק. פאַר מיר, וואָס איז אַ פאַרשטייער פון דער ראַטן־מאַכט, זיינען פון דער מאַכט־הויך זייער קלאָר די סבות, פאַרוואָס דער שונא פונם אַרבעטער־קלאַס און פונם פּויערטום דערלאַנגט זיין קלאַפּ ניט דירעקט געגן די אַרבעטער און פּויערים, נאָר ער ריכטעט אים אויף די אידישע מאַסן, צילנדיג אומדירעקט איבערן קאָפּ

פונם אידישן פאָלק אויף די אַרבעטער און פויערים".

חבר קאַלינין האָט גערופן די אידישע מאַסן, אַלס די גענויעסטע סאַמע אונטערדריקטע מאַסן, אַריינטרעטן אין די רייען פון דער קעמפנדיגער רויטער אַרמיי. ער האָט זיי געזאָגט, אַז אויב די קאָנטער־רעוואָלוציע ברענגט די רוסן אונטערדריקונג און גוואַלדטאַט, אויב זי מאַכט אַ חורבן צווישן די רוסישע אַרבעטער און פויערים, שאַפט זי אָבער גאַנצע העקאַטאָמבעס (בערג קרבנות) צווישן דער אידישער באַפעלקערונג. גאַנצע בערג געפאַלענע קערפּערס ניט נאָר פון קאָמוניסטן און אַרבעטער, נאָר פון די סאַמע פּשוט'ע אידישע בירגער. פאַר די אידישע מאַסן איז דאָ נאָר איין איינציגער וועג — דערלאַנגען אַן ענדגילטיגן צעשמעטערנדיגן קלאַפּ דער אַלוועלטלעכער קאָנטער־רעוואָלוציע.

מען דאַרף זאָגן, אַז דער דאָזיגער רוף מיכאַאיל איוואַנאָוויטש'עס האָט צוגעצויגן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי זייער אַ סך אידישע אַרבעטנדיגע, באַזונדערס פון דער יוגנט. זייער אַ סך פאַרגעשריטענע אידישע אַרבעטער זיינען אומגעקומען אויף די רויטע פראָנטן, וואו זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע העלדישקייט און מוטיגקייט. זייער אַ סך פון די וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די שול פון דער רויטער אַרמיי זיינען ביז היינטיגן טאָג פאַרבליבן שלאַכט־קאָמאַנדירן פון אונזער רויטער אַרמיי.

אָפּשטעלנדיג זיך אויף די באַזונדערע פאַרפאָלגונגען וואָס די אידישע באַפעלקערונג איז אויסגעשטאַנען אין די גרענעץ־ראַיאָנען אין דער צייט פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, — און אין די דאָזיגע ראַיאָנען האָט דאָך געלעבט די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג, — פאַרצייכנט חבר קאַלינין: „מיט דער רעוואָלוציאָנערער האַנט פון די ראַטן זיינען די אַלערליי אָרגאַניזאַטערס פון פּאָגראָמען אויף אידן, די אַלערליי באַטקעס אַטאַמאַנען, די קליינע באַנדיטישע שייקעס, וואָס האָבן געמאַכט פאַר זייער ספּעציאַליטעט ראַבירן, שלאָגן און גראָמירן אידן אַרויסגעשיידערט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געגעבן די אידן די פולע גאַראַנטיע אויף לעבן און [illegible]".

באַשרייבנדיג די לאַגע פון די אידישע מאַסן אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, פאַרצייכנט חבר קאַלינין: „אין די הונגער־יאָרן בין איך צווישן אַנדערע פונקטן געווען אויך אין די אידישע שטעטלעך, און מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון אומרו, ווי אַזוי וועט די ראַטן־מאַכט באַוויזן אַרויסצושלעפּן די אידישע אָרעמשאַפט פון דעם דערדריקנדיגן און האָפענונגסלאָזן דלות". אַן אויסוועג פון דער דאָזיגער לאַגע האָט חבר קאַלינין געזען אין אַריינציען די אידישע מאַסן אין דער פּראָדוקטיווער אַרבעט, באַזונדערס אין איינטיילן זיי ערד.

אין זיינע אַרויסטרעטונגען אויף אַלע געזערד־פאַרזאַמלונגען פלעגט חבר קאַלינין שטיצן אַלע פאָרשלאָגן און שריט, וואָס זיינען געווען געווענדעט אויף אַריבערפירן אידן אויף ערד־אַרבעט. צוליב דעם דאָזיגן ציל איז געשאַפן געוואָרן ביים צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט דער קאָמערד.

דעם חבר קאַלינין פלעגט אויסקומען און אים קומט אויס איצט אַ סך אַרויסצוטרעטן וועגן דער אידישער פראַגע, אָנהויבנדיג פון יאָר 1918 (אויף דער צווייטער באַראַטונג פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס) און פאַרענדיגנדיג מיטן אויפנעם פון דער דעלעגאַציע פון די בירא־בידזשאַנער שלאָגלער, וואָס איז ניט לאַנג פאַרגעקומען. עס זיינען פאַראַן ספּעציעלע בראָשורן וועגן זיינע רעדעס און אַרטיקלען. די דאָזיגע בראָשורן זיינען ברייט פאַרשפּרייט. חבר קאַלינין שטרייכט שטענדיג אונטער דעם געדאַנק, אַז ביז דער ענדגילטיגער לייזונג פון אַלע פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן ליקווידירן די רעשטן פון דער נאַציאָנאַלער אומגלייכהייט דאַרף מען בנוגע צו די אַרבעטנדיגע אידן, שאַפן די מעגלעכקייט צו האָבן זייערע אייגענע מלוכהשע פאָרמען, פונקט אַזוי ווי ס'האָבן דאָס די אַנדערע פעלקער אין די גרענעצן פון פססר, הגם אַ סך פון זיי זיינען לויט זייער צאָל ווייניגער פון די אידן (אידן אין פססר איז פאַראַן ביי 3 מיליאָן).

אויפן 1טן געזערד־צוזאַמענפאָר האָט חבר קאַלינין, רעדנדיג וועגן דער לאַגע פון די אידישע מאַסן און וועגן ציוניזם, געזאָגט:

„מען קאָן ניט געפינען קיין קינסטלעך פאָטערלאַנד, מען קאָן אַזאַ פאָטערלאַנג ניט שאַפן קינסטלעך ערגעץ־וואו אָן דער זייט, נאָר מען דאַרף עס באַשאַפן דאָרט, וואו עס וואוינען די קאָמפּאַקטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג. כדי דאָס זאָל ווירקלעך ווערן זייער פאָטערלאַנד, מען דאַרף עס אויסקעמפן. און אָט האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויסגעקעמפט ניט קיין געדוכט, נאָר אַ ווירקלעך, קאָנקרעט פאָטערלאַנד — דעם פססר, וואָס איז פונקט אַזאַ קאָנקרעט פאָטערלאַנד פון די אַרבעטנדיגע אידן, ווי פאַר די אַרבעטנדיגע פון אַלע פעלקער פונם פאַרבאַנד, און דעריבער דאַרפן די אידן בויען זייער לעבן ביי אונז, אַלס גלייכבאַרעכטיגטע זין פונם ראַטן־פאַרבאַנד".


חבר קאַלינין איז אויך אַרויסגעטראָטן אויפן צווייטן אַלפאַרבאַנדישן געזערד־צוזאַמענפאָר. דאָס איז שוין געווען דער פעריאָד, ווען לויט מ. א. קאַלינינס איניציאַטיוו איז פאַר דער אידישער איבערוואַנדערונג געווען אויסגעטיילט אַזאַ אויסשליסלעך רייכער ראַיאָן ווי בירא־בידזשאַן אויפן ווייטן מזרח. מיכאַאיל איוואַנאָוויטש אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט אַלץ, וואָס

עס ווערט געטאָן אין בירא־בידזשאַן פונם יאָר 1928 ביז היינטיגן טאָג. העלפנדיג מיט אַלערליי מיטלען בייצוקומען די גוואַלדיגע שוועריגקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן באַהערשן דעם דאָזיגן ראַיאָן. די בויאונג פון בירא־בידזשאַן — איינער פון די פירנדיגע ראַיאָנען פונם ווייט־מזרחדיגן געגנט — האָט אַ גרויסע מלוכה׳שע באַדייטונג, ווייל אין דעם דאָזיגן ראַיאָן, וואָס גרענעצט זיך מיט מאַנדזשוריע, זיינען פאַראַן אויסשליסלעך גרויסע נאַטור־רייכטימער. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז די בערג פונם קליינעם בינגאַנג אין בירא־בידזשאַן פאַרמאָגן אין זיך הונדערטער מיליאָנען טאָן מעטאַל און אַנדערע נוצלעכע מינעראַלן, וואָס זיכערן אַ מעכטיגע אַנטוויקלונג פונם ווייט־מזרח׳דיגן געגנט.

* * *

מיר האָבן געמאַכט זייער אַ געפּרעסטן איבערזיכט פון דעם קאָלאָסאַלן מאַטעריאַל, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר די יאָרן, וואָס חבר קאַלינין געפינט זיך אויפן פּאָסט פון פּאָרזיצער פון אַל־פאַרבאַנדישן אויספיר־קאָמיטעט. די דאָזיגע פאַקטן וואָלט מען געקאָנט אַ סך פאַרמערן און באַווייזן די באַציאונג פון מיכאַאיל איוואַנאָוויטש צו אַלע פעלקער פון פססר, ווייל עס איז ניטאָ אַזאַ פאָלק, מיט וועלכן ער זאָל זיך ניט באַשעפטיגן, אָנהויבנדיג פון די קליינע צפון־פעלקער און פאַרענדיגנדיג מיט דער אוקראַינישער רעפּובליק, וואו ער איז ניט איינמאָל געווען.

חבר קאַלינין איז איינער פון לענינס און סטאַלינס בעסטע מיטקעמפער, ער פירט קאָנסעקווענט דורך אין לעבן זייער לערע, ער שטייט אויף דער וואַך פון ריכטיג דורכפירן די גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע, מיטן גאַנצן באָלשעוויסטישן ברען קעמפט ער אין די ערשטע רייען פון דער פּאַרטיי געגן אַלע אָפּנויגן און אָפּנויגלער און געגן אַלע קלאַסן־שונאים. די אַרבעטנדיגע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון פססר באַציען זיך מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און אַכטונג צום חבר מ. א. קאַלינין.



געפּלאַנטער פּאַלאַץ פון סאָוועטן אין מאָסקווע

ביראָ־בידזשאַן - אַ אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע

דעקלאַראַציע פון פאַרטרעטער פון מאַסן אָרגאַניזאַציעס

צו די גרויסע אידישע מאסן אין אמעריקע:—

דעם 7טן מאי האָט די סאָוועטן־רעגירונג אָנגע־נומען א היסטאָרישן באשלוס, אז בירא־בידזשאן זאָל ווערן א אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע. אָט דער באשלוס וועט אויף דור־דורות פארבלייבן אלס דער בעסטער באווייז, אז אין דעם לאַנד, וואו עס הערשן די ארבעטער און פויערים, איז ניט נאָר פולשטענדיג אפגעשאפן געוואָרן יעדע פאָרמע פון נאציאָנאלער אינטערדריקונג, נאָר עס איז געלייזט געוואָרן די פראָבלעם פון אלע נאציאָנאלע מינדערהייטן און עס בייט זיך א געזונט לעבן פון דער פארברידערטער משפחה פון סאָוועטישע פעלקער, צווישן וועלכע די אידן האָבן איצט נעקראָגן א מעגלעכקייט צו בויען אן אייגענע אויטאָנאָמיע אין בירא־בידזשאן.

ברידער און שוועסטער, דערמאָנט זיך, אז ערשט ניט לאַנג צוריק — בלויז קורצע 17 יאָר צוריק — איז דער איד אין צארישן רוסלאנד געווען פארפאָלגט, דערנידערינט, באליידיגט, רעכטלאָז און אין שטענדיגן שרעק פאר פאָגראָמען; דערמאָנט זיך, אז איצט וואקסט אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער פון דער וועלט דער פאשיזם און אנטיסעמיטיזם. די פאשיסטישע באנדעס דורשטן אומעטום נאָך אידיש בלוט; אנטיסע־מיטישע העצעס מערן זיך אומעטום; אויך דאָ אין לאַנד הויבט די העסלעכע פאשיסטישע חיה אויף איר קאָפּ; עס ווערן באנייט די מיטלאלטערלעכע באשולדי־גונגען, אז אידן באנוצן קריסטלעך בלוט.

אין דער צייט פון אט־דעם שטייגערדיקן וואוקס פון אנטיסעמיטיזם אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער פון דער וועלט, זעען מיר אין סאוועטן־פארבאנד א גאנץ אנדערע ערשיינונג. דארט ווערט אנטיסעמי־טיזם באטראכט פאר א שווערן פארברעכן; נאציא־נאלע העצעס און פאָגראָמען זיינען דאָרט אוממעגלעך. דער איד און אלע אנדערע נאציאָנאלע מינדערהייטן האָבן פולשטענדיגע גלייכבארעכטיגונג. הונדערטער טויזנטער אידן זיינען באזעצט אויף ערד אין קרים, אוקראינע און ווייס־רוסלאנד. הונדערטער טויזנטער אידן זיינען אריינגעצויגן אין די סאָוועטישע אינ־דוסטריען און זיינען אָנגעשטעלט אין פארשידענע מלוכה־אנשטאלטן.

אין ליכט פון אָט־דעם צושטאנד ווערט נאָך גרע־סער, נאָך באדייטונגספולער דער היסטאָרישער בא־שלוס פון דער סאָוועטן־רעגירונג צו פארוואנדלען בירא־בידזשאן אין א אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָ־ריע. 10,000 אידישע האָרעפאשניקעס זיינען שוין איצט באשעפטיגט אין סאָציאליסטישן אויפבוי פון בירא־בידזשאן. נייע 10,000 אידישע איבערוואנדע־רער וועלן אריינשטראָמען אין בירא־בידזשאן אין לויף פון דעם איצטיגן יאָר. מיט דער ברייטער הילף פון דער סאָוועטן־מלוכה וועט בירא־בידזשאן געבויט ווערן אלס א סעקטאָר פון דעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו די עקזיסטירנדיגע קאָלווירטן, אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען און קולטור אנשטאלטן, וועלן צוקומען נייע און נייע כחות. עס וועט נאָך העכער שלאָגן דער קוואל פון שאפנדיגער ארבעט פון די אידישע פיאָנערן אין בירא־בידזשאן. די נעכטיגע לופט־מענטשן, די נעכטיגע מנחם־מענדלס, וואָס האָבן ניט געהאט קיין באָדן אונטער די פיס, ווערן איצט אין בירא־בידזשאן געזונטע ארבעטער אויף דער ערד, געזונטע פראָדו־צירער אין פאבריקן און געזונטע קולטור־טוער. זיי ווערן איצט האָבן זייער אייגענעם מלוכה־אפאראט. מיט פייער־פאַך פארגרעסערטער ענערגיע וועלן זיי פאָרט־זעצן זייער פיאָנערישע ארבעט צו בויען די אידישע דערפער, די פאבריקן, די שולן, די קלובן, די ביבליא־

טעקן, די וועגן און די בריקן אין זייער אייגענעם ביראָ-בידזשאַן — אין דעם אויפבוי אין וועלכן עס נעמט אַזאַ מין געטרייען אַנטייל דער גאַנצער סאָוועטן-פאַרבאַנד.

אידישע מאַסן אין אַמעריקע! געדיינקט, אַז דער היסטאָרישער באַשלוס פון דער סאָוועטן-מלוכה איז אינגאַנצן אַנדערש פון דער טרויעריג-באַרימטער באַלפור-דעקלאַראַציע וועגן אַ „אידיש היימלאַנד" אין פאַלעסטינע. די דעקלאַראַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ זייפנבלאָז. דאָס איז געווען אַ מלחמה מאַנעוורע פון דער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג פון ענגלאַנד, וואָס האָט גענאַרט אי די אידן, אי די אַראַבער, כדי צו האַלטן זיי איינגעשפּאַנט אין איר אימפּעריאַליסטישן רייט-וואָגן. געדיינקט, אַז די ציוניסטן האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דעם בריטישן אימפּעריאַליזם. טויזנטער אידישע בחורים זיינען דערהרג'עט געוואָרן אין די אידישע לעגיאָנען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן צו שטיצן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם. געדיינקט, אַז דער ציל פון דעם ציוניזם צו פאַרכאַפּן די אַרבעט און צו פאַרכאַפּן די ערד אין פּאַלעסטינע, מיינט קריג צווישן דער אידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג, מיינט דעם וואוקס פון פאַשיזם און פון שאָוויניזם.

אין ביראָ-בידזשאַן דאַרף מען קיינעם ניט אַראָפּטרייבן פון דער ערד; אין ביראָ-בידזשאַן איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ ווייסטער שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע צו פאַרכאַפּן די ערד. מען דאַרף ביי קיינעם גאָרניט פאַרכאַפּן; מען דאַרף קיינעם ניט טרייבן — ריזיג גרויס איז דאָס לאַנד, רייך אין נאַטירלעכע אוצרות, און מיט דער ברייטסטער מיטהילף פון דער אַרבעטער-און-פּויערים-מלוכה, און מיט דער מיטהילף פון אַלע פעלקער פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, וועט ביראָ-בידזשאַן זיך בויען אַלס אַ אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע.

אָט אין דעם באַשטייט די גרויסע באַדייטונג פון דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער סאָוועטן-רעגירונג פון דעם 7טן מאַי, 1934.

עס איז ניט קיין באַשלוס, וואָס איז אויסן אימיצן צו נאַרן. עס איז ניט קיין באַשלוס פאַר נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט, נאָר אַ פעסטע אַנטשלאָסנקייט געזונט צו מאַכן דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן — אַ באַשלוס, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער לענינשער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, וואָס בויט אַ געזונט לעבן פאַר אַלע זיינע פעלקער.

מיר, די אונטערגעשריבענע אָרגאַניזאַציעס, ביי אַ באַראַטונג, גערופן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דעם „איקאָר", האָבן באַשלאָסן ווי פאָלגט:

1) מיר באַגריסן פייערלעך דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, צו פאַרוואַנדלען ביראָ-בידזשאַן אין אַ אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע.

מיר רופן די ברייטסטע אידישע מאַסן צו באַטייליגן זיך אין ריזיגע פייערונגען לכבוד אָט דעם גרויסן אַקט פון דער סאָוועטן-מלוכה. מיר רופן די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן צו שטיין ווי אַן אייזערנע וואַנט צו באַשיצן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, וואָס האָט באַפרייט אַלע זיינע פעלקער.

2) מיר שיקן אונזער פלאַמיגן פּראָלעטאַרישן גרוס צו דעם „קאָמזעט", דער סאָוועטישער מלוכה-אָרגאַניזאַציע אויף צו באַזעצן אידן אויף ערד. און צו דעם „אָזעט", דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס טוט אויך די אַרבעט פון העלפן צו פּראָדוקטיוויזירן די אידישע מאַסן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.

3) אונזער פלאַמיגן פּראָלעטאַרישן גרוס די אידישע פּיאָנערן, וואָס בויען דעם סאָציאַליסטישן ביראָ-בידזשאַן. אונזער פלאַמיגן גרוס די אידישע האָרעפּאַשניקעס אין גאַנצן סאָוועטן-פאַרבאַנד. אונזער פלאַמיגן גרוס דער פיל-מיליאָניגער משפחה פון אַלע באַפרייטע און פאַרברידערטע פעלקער פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. אונזער פלאַמיגן גרוס דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, וואָס האָט אָפּגעשאַפן קנעכטשאַפט, עקספּלואַטאַציע און נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונג.

4) מיר נעמען אויף זיך די אויפגאַבע אַרונטעררייסן די מאַסקע פון דער אידישער באַלעבאַטישער פּרעסע, וואָס האָט ביז איצט געפירט אַזאַ פאַרלוימדערישע קאַמפּאַניע געגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד בכלל און געגן ביראָ-בידזשאַן בפרט. אָט די פּרעסע האָט נאָכאַמאָל געוויזן איר פינסטערן האַס צום סאָוועטן-פאַרבאַנד מיט איר פאַרזוך צו מאַכן צו קליינגעלט דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער סאָוועטן-רעגירונג צו פאַרוואַנדלען ביראָ-בידזשאַן אין אַ אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע. זייער ביזווילינקייט סטאַרטשעט אַרויס פון יעדער שורה, וואָס זיי שרייבן, יעדער וואָרט פון „פאָרווערטס", „טאָג" און „מאָרגן-זשורנאַל" איז גאַל און סם געגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד.

5) מיר באַגריסן דעם „איקאָר", וואָס טוט אַזוי פיל אויף דעם געביט פון אויפקלערן די אידישע מאַסן אין אַמעריקע וועגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד אין אַלגעמיין און ספּעציעל וועגן דעם סאָוועטישן אופן צו לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. מיר פאַרפליכטן זיך מיט אַלע כחות צו מיטהעלפן דעם „איקאָר" אין אַלע זיינע אַרבעטן.

6) מיר נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו מאָביליזירן אַלע אונזערע מיטגלידער צו באַטייליגן זיך

אין די ריזיגע פייערונגען, וואָס דער „איקאָר" רופט אין פאַרבינדונג מיט דעם באַשלוס וועגן ביראָ־בידזשאַן. מיר רופן אַלע אונזערע מיטגלידער צו קו־מען צו די פייערונגען מיט זייערע באַנערס, מיט פּלאַ־קאַטן און מוזיק, כדי צו פייערן אויף דעם אימפּאָ־זאַנסטן אופן דעם יום־טוב פון דער אידישער אויטאָ־נאָמער טעריטאָריע אין ביראָ־בידזשאַן.

לאַנג לעבן זאָל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד!

לאַנג לעבן זאָל די לענינשע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד!

איקאָר
א. אַלמאַזאָוו, סעקר.

פּ. ס. יו.
א. גאָלדפרענק, סעקר.

אינטערנאַצ. ארבעטער אָרדן
ר. זאַלצמאַן, סעקר.

אידישע ביוראָ
י. סולטאַן, סעקר.

אידישע ארבעטער קלובן
ה. קאַסטרעל, סעקר.

פרויען קאָונסילס
קלאַרא בודין, סעקר.

פּראָלעטפּען
א. ראַבאָי, סעקר.

ארטעף
מ. פרידמאַן, סעקר.

מוזיקאַלישער ארב. פאַרבאַנד
י. טשערטקאָוו, סעקר.

איד. ארב. אוניווערזיטעט
טשערנער, סעקר.



חבר מ. קאַלינין, פּרעזידענט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צווישן אידישע קאָלכאָזניקעס.

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט

(לייט־אַרטיקל)

„איזוועסטיאַ“, 10־טן מאַי, 1934

לויט א באַשטימונג פון דער רעגירונג איז בירא־בידזשאַן פארוואַנדלט געוואָרן אין א אידישער אויטאָנאָמער געגנט. אין די דאָזיגע קאַרגע ווערטער איז אָפּגעשפּיגלט די רומפולע לעניניסטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס ווערט אין משך פון העכער 16 יאָר פאַרווירקלעכט אין לאַנד פון די ראַטן.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד — די „טורמע פון פעלקער“ — האָט געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך איז, כדי צו זייען האַס צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן באַוואוינט זיין קאָלאָסאַלע טעריטאָריע. צענדליגער געזעצן האָבן באַגרעניצט די רעכט פון דער אידישער באַפעלקערונג, פאַרבאָטן אידן צו וואוינען אין די אָדער אין יענע ערטער פון רוסלאַנד, אַריינגעשטעלט א פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידן אין די לערן־אַנשטאַלטן, באַגרענעצט דאָס אָנעמען זיי אויף זאַוואָדן א. א. וו. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי צו פאַרטושן די קלאַסן־ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן צעריסן דאָס לאַנד, דורך אָנרייצן איין נאַציאָנאַליטעט אויף דער צווייטער. ווי א ווילדער קאָשמאַר שטייען אויף די בילדער פון איזדעקעווען זיך איבער אידן, דער ביילים־פּראָצעס, דער קישענעווער, אָדעסער, האָמלער פּאָגראָם, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט דער ברכה פון דער צאַרישער רעגירונג.

אין 1905טן יאָר האָט לענין געשריבן: „צעצינדנדיג א ראַסן־פיינטשאַפט און שבטים־האַס, קאָן די רעגירונג אויף א צייט פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פונם קלאַסן־קאַמף, נאָר בלויז אויף א קורצער צייט און דערצו מיטן פּרייז פון נאָך גרעסערן פאַרברייטערן דאָס פעלד פון א נייעם קאַמף, מיטן פּרייז פון נאָך א גרעסערן פאָלקס־צאָרן געגן דער זעלבסטהערשאַפט“.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געמאַכט א סוף צו דער נאַציאָנאַלער ניט־גלייכהייט. פאַר אונז אין די אויגן זיינען אויסגעוואַקסן בליענדיגע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, געגנטן און געגנטן. די זיבן רעפּובליקן, וואָס גייען אַריין אינם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, זיינען אן איינהייטלעכע סאָלידאַרע פאַמיליע, וואָס ווענדט אַלע אירע כחות אויף אויסצובויען די אָנקלאַסנדיגע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

אָבער אויב די נאַציאָנאַלע פראַגע אין שוין פאַר אונז געלייזט, איז אויף פינף־זעקסטל פונם ערד־קוגל נאָך אַלץ געבליבן יענע לאַגע, וועגן וועלכער וולאַדימיר איליטש האָט גערעדט.

„די אידייע פון שטורעם ווערט רייף אינם באַוואוסטזיין פון די מאַסן“. אַלץ מער און מער וואַקסט אָן דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס. כדי אים אויסצומיידן, כדי צו פאַרהאַלטן דעם אומרחמנות'דיגן גאַנג פון דער געשיכטע, ווערן אויסגענוצט אַלע מיטלען אָנגעהויבן פון בלוטיגן פאַשיסטישן טעראָר ביז דעם שוין־אויסגעפּרוּווטן מעטאָד פון צעצינדן דעם זאָאָלאָגישן נאַציאָנאַלן האַס.

מיט אן אָנשטעל פון וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס פּריידיגן די ניי־געבאָרענע „געלערנטע“, אַז די „נידעריגע“ ראַסעס דאַרפן זיין אונטערטעניג די „העכערע“, זיי פּריידיגן אן עקספּאַנסיע אויפן מזרח ווי אויפן מערב, וואָס איז כלוימרשט א באַזונדער מיסיע פאַר דעם אָדער יענעם פאָלק א. א. וו.

אָבער פונקט ווי די נאַציאָנאַלע פיינטשאַפט אין רוסלאַנד האָט אַמאָל געקענט אָפּציען די מאַסן אויף א קורצער צייט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און האָט אָבער ניט געקענט ראַטעווען די בורזשואַזיע פון אומקום, פונקט אַזוי וועלן אויך איצט קיין שום ראַסן־טעאָריעס ניט אַריינבלאָזן קיין לעבן אינם קאַפּיטאַליזם, וואָס איז דורך דער געשיכטע פאַרמשפט צום אומקום.

אין שיין פון דעם אַלעם איז דאָס פאַרוואַנדלען דעם בירא־בידזשאַנער ראַיאָן אין אן אויטאָנאָמער נאַציאָנאַלער געגנט א פאַקטאָר פון א קאָלאָסאַלער פּאָליטישער באַדייטונג.

בירא־בידזשאַן — דאָס איז א געגנט מיט א ריזיגער צוקונפט. איר טעריטאָריע — 70 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער — באַטרעפט ווי בעלגיע און האָלאַנד צוזאַמענגענומען. פּאַלעסטינע איז לויט איר טעריטאָריע אין דריי מאָל קלענער פון בירא־בידזשאַן. דאָ געפינען זיך גרויסע אייזן־אַרץ־אוצרות, ריזיגע ערד־מאַסיוון, וואָס קאָנען ווערן פאַבריקן פון תבואה, פעטס, פלייש, פוטער, פיבערס א. א. וו. די רייכסטע וועלדער שאַפן א באַזע צו אַנטוויקלען די וואַלד־אינדוסטריע, זעג־מילן, די וואַלד־כעמישע און האָלץ־

בטארבעטונג־אינדוסטריע. מיט באהערשן די דאָזיגע אַלע רייכטימער פארנעמען זיך ארבעטנדיגע אידן, וואָס וואוינען איצט אין דעם ראַיאָן און די איבער־וואַנדערער פון פארשיידענע ערטער פונם פארבאנד און פון אויסלאנד.

דאָס גאנצע לאנד העלפט כסדר בירא־בידזשאן מיט מענטשן, מיט מאשינעס און מיט מאַטעריעלע רעסורסן.

אָט די אויפמערקזאמקייט און הילף פונם לאנד איז א גאראנטיע פאר דער דערפאָלגרייכער אנטוויק־לונג פון בירא־בידזשאן. די לעצטע באשטימונג פון צא״ק פסס״ר עפנט נאָך גרעסערע מעגלעכקייטן פאר פאַרוואַנדלען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט אין א פאָרגעשריטענעם ראַיאָן פונם ראטן־פארבאנד.

ניט קיין זיסינקע ריידעלעך וועגן „צוגעזאָגטן לאנד״, ניט קיין נאַציאָנאַליסטישער שווינדל, נאָר א ווירקלעכע פראָלעטארישע הילף גיט דאָס לאנד, וואו עס בויט זיך דער סאָציאליזם, אלע פעלקער, וואָס וואוינען אין אים, דארונטער אויך דעם אידישן פאָלק.

פירנדיג אן אומרחמנותדיגן קאמף קעגן די רעשטן פון די קאפיטאליסטישע עלעמענטן צווישן די אידן אין בירא־בידזשאן, וועלן די ארבעטנדיגע מאסן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט זיך דערשלאָגן איר פולן אויפבלי.

„מיר האָבן פארניכטעט די נאַציאָנאלע אונטער־דריקונג, מיר האָבן פארניכטעט די נאַציאָנאלע פריי־ווילעגיעס און איינגעשטעלט נאַציאָנאלע גלייכבארעכ־טיגונג. מיר האָבן פארניכטעט די מלוכישע גרענעצן אינם אלטן זין פון וואָרט, די גרענעץ־סלופעס און די טאַמאָזשנע־פארצוימונגען צווישן די נאַציאָנאליטעטן פון פסס״ר. מיר האָבן איינגעשטעלט די איינהייט פון די עקאָנאָמישע און פאָליטישע אינטערעסן פאר די פעלקער פון פסס״ר. (סטאלין).



אהרן קורץ

דריי טייכן

„על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו"...
„ביי די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן
און געוויינט"...

מיר האָבן דריי טייכן,
און אלע אָן טרערן, —
בירא, בידזשאן און אמור, —
ווייל פון די אידישע קיניג-לעגענדעס, די רייכע,
פון הייליגע קברים, מזלות און שטערן
איז אין דעם בוי-לאַנד ניטאָ דאָרט א שפור.
דאָרט שמידט מען פון שטאָל
א נייע „גילדענע קייט",
פון לייוונט, — ניט טכיילעס און וואָל, —
וועבט זיך פון אָנהייב א זיידענע שנור.

מיין פאָלק איז ניט שלמה נגיד.
מיין פאָלק איז ניט שנייער זלמן.
מיין פאָלק וויל זיך בויען —אָן בבל'דיגן קלאָג-ליד,
אויף יונגער, אויף ברויטיגער ערד,
ניט אויף „הייליגן", אלטן בית-עלמין.

מיין פאָלק ווערט אוים מנחם מענדל,
מיין פאָלק ווערט אוים באַנצע שוויינ:
מיין פאָלק וויל מער ניט זיין ס'כפרה-הינדל:
בענטשן דריי מאָל אין טאָג און קריגן א פייג.

מיין פאָלק איז ניט דער ליאַדיער,
ניט ר' יצחק אלחנן.
מיין פאָלק גלויבט ניט אין פארדווייקעטע נביאים,
און גייט צו אנדערע „הקפות", מיט אנדערע פאָנען.

זיידענע לעגענדעס
זיינען פאָלקס אייזערנע פענטעס.
האָט געטראָגן זיי א פאָלק, וואָס האָט דאָס לעבן אָפגעטרויערט;
די האָפענונג אויף זיין דערלייזונג — אין עולם-הבא איינגעמויערט.

מגילות געטלעכע פּאָעזיע —
הייליגע אבות, הייליגע ערד,
גאָלדענער עבר-טראַדיציעס, —
האָט דאָס אין הונגער ווען שוין גענערט
די אידן פון פוילן, ליטע און גאליציע?

דער הינדו זאָגט:
אין הייליגן גאַנגעס
יעדער לעבעדיגער טראָפּן טראָגט
בודאס א ברכה, א פּערל, א זון;

און אין ים סוף שווימען נאָך אודאי ניסים
און די פרעה'ס — אין קאַרעטן:
עך, ווען ס'קען א ים די קוילער בלויז פאַרפליסן,—
וואָלט איך צו גאָט אפילו בעטן.

מיר האָבן דריי טייכן,
און אלע אָן טרערן;
און אויב אין די וואַסערן רייכע
זיינען דאָ פּערל, —
וועט דאָס פאָלק ניט זיין דער ריזיקירנדיגער טויכער,
און ניט א וועלט-רויבער דער פּערל-סוחר.

ס'האָבן געפירט אונז משיחים אין טכיילעס און פראקן,
באַראָנען און לאָרדן — געפירט;
האָבן זיך הונדערטער יאָרן געדרויכערט אין חלום פון פּאָקן,
נאָר ס'האָט זיך דאָס לעבן פון אָרט ניט גערירט.

לענדער האָבן אונז געשיקט אין קריג,
פירער האָבן אונז געשלעפּט אין בלאָטעס;
דאָס לעבן איז געבליבן א פּארוואָרלאָזט געטאָ-ציג,
וואָס ווערט געטריבן אָן אן אָטעם.

מיין פאָלק זעט דעם רוסישן אידן
בויען אויף פינסטערן עבר זיין ליכטיגע וועלט:

איין וועג, מיין פאָלק, צו דיין באפרייאונג פירט
מיט לידער:
דער וועג, וואָס ס'האָט אָקטאָבער איינגעשטעלט.

איז אויב ביי די טייכן פון בבל
זיינען מיר געזעסן און געוויינט,
איז אָבער די ראָלע פון אייבינגן אבל
ניט פאַר אונז געמיינט.

מיר האָבן דריי טייכן,
און אלע אָן טרערן —
בירא, אמור און בידזשאַן;

און אויב ס'איז ניטאָ, ווי אין גאנגעס —
פּאָעטישע פּערל, —
זיינען ביליאָנען טאָן פיש דאָרט פאַראַן.

און הינטער די טייכן, וועלדער און פעלדער —
א לאנד,
מיט פעלקער וואָס העלפן אונז לעבן:
בויען א היים — ניט אויף רויב, ניט אויף שנאה
און זאַמד, —
אויף גליקלעכער ערד, — וואָס בלויז קאָמוניזם
קאָן געבן.



מאַרטין בירנבוים

בירא־בידזשאַן

ניט קיין בידנער געטאָ־לעבן,
ניט קיין קרעמערישער דור
וואקסט דאָרט אויף די בירער פעלדער,
גייט דאָרט אויף ביים טייך אַמור.

מענטשן נייע! מענטשן פרייע!
ליגט אין גסיסה דער אמאָל. —
איינגן ברויט איז א מחיה! —
מערט זיך, וואַקסט דאָרט וייער צאָל.

ניט מיט ציצית, ניט מיט תפילין,
ניט מיט בידיר אין דער האַנט;
נאָר מיט היים־געשטאַלטן ווילן
בויען זיי דאָרט אויף דאָס לאנד.

דער אין זייען פריש־צעקלינגען —
און די טאַיגע ווערט זיך, ווערט —
האָבן טראַקטערס זיך צעזונגען
און באַזיגט די שטאַרקע ערד.

אָ, ניט קיין נס פון „ליבן נאָמען".
נים מיט הילף פון „גוטן איד".

ס'האָט אָקטאָבערדיגער זאָמען
יונג זיך דאָרט אזוי צעבליט.

אייגן יעדעס שטיקל מזל
יעדע הרודע! יעדעס פערד!
קיינעם, קיינעם ניט באַ'גזל'ט...
ניט פאַרטריבן פון זיין ערד...

ס'האָט סאָוועטן־מאַכט געגעבן,
ניט אוים גענאָד, נאָר מיט א טאָלק:
שעפעריש זאָל זיין דאָס לעבן!
גלייך זאָל זיין איעדעס פאָלק!

גלייכט זיך אוים בית־מדרש־פּלייצע.
שטאָלט זיך שוואכע קרעמער־האַנט.
און מיט שלאָגלער־טעמפן הייסע
בויען אידן אויף דאָס לאנד!

אָ פאַר'עקשנ'ט נאָך איז טאַיגע
און ס'איז שווער נאָך יעדער שפאַן.
נאָר די טעמפן שטייגן! שטייגן!
און מיט זיי בירא־בידזשאַן.

בצלאל פרידמאַן

איר ברודערס האָניק

(שפּיל אין צוויי בילדער)

פּערזאָנען:

בעני, אַ קלאָומאכער.
מיני, זיין ווייב.
נייטן, זייער קינד, 12 יאָר אַלט.

פאַרנאַכט.

ב ע נ י (קומט אָן פון דער אַרבעט): גוטן אָוונט, מיני.

מ י נ י: גוטן אָוונט.

ב ע נ י (טוט זיך אויס דאָס רעקל אויף אַרומ־צוואַשן זיך): וואו איז נייטן?

מ י נ י: נאָך ניט געקומען פון דיין קאָמוניס־טישן חדר.

ב ע נ י: ניט חדר, מיני, נאָר שול. אַן אַרבע־טער שול.

מ י נ י: בין איך שוין גליקלעך, באַזאָרגט מיט עולם הבא.

ב ע נ י: ניט עולם הבא, מיני, נאָר עולם הזה.

מ י נ י: נו, גיי שוין בעסער אַרומוואַשן זיך. ס'עסן וועט קאַלט ווערן.

ב ע נ י: אָט גיי איך.

(מיני גרייט צום טיש. פון וואַשצימער הערט זיך, ווי בעני פּליוסקעט זיך).

ב ע נ י (פון וואַשצימער): עפּעס אָנגעקומען בריוו?

מ י נ י: פון דיין „איקאָר" אַ בריוול, און אַ בריוו פון מיין ברודער פון רוסלאַנד.

ב ע נ י: פון נחמנען? טאָ וואָס זשע שווייג־סטו?

מ י נ י: קום אַרויס, וועל איך פאַרשפּאָרן שרייען.

ב ע נ י: אָט קום איך. (קומט אַרויס ווישנדיג די הענט מיטן האַנטעך) וואו זיינען די בריוו?

מ י נ י: עס פריער אָפּ, וועסט דערנאָך לייע־נען.

ב ע נ י: ס'וועט נעמען עטלעכע מינוט, און דערווייל וועסטו גרייטן צום טיש.

מ י נ י: ס'איז שוין געגרייט צום טיש.

ב ע נ י: וואָס עפּעס נאָר פאַר מיר? דו האָסט שוין געגעסן?

מ י נ י: ס'גייט מיר ניט אין האַלז אַריין.

ב ע נ י: פילסט זיך עפּעס ניט מיט אַלעמען?

מ י נ י: וועסט איבערלייענען נחמנ'ס בריוו, וועט דיר אויך פאַרגיין דער אַפּעטיט.

ב ע נ י: אַזוי? טאָ גיב מיר דעם בריוו פון „איקאָר".

מ י נ י: וואָס קאָנסטו זיך אַזוי ניט דערוואַרטן ביז נאָכן עסן?

ב ע נ י: פאַרשטייסט, מיין ווייב, אויב דיין ברודערס בריוו קאָן פאַרטרייבן דעם אַפּעטיט, וועט דער בריוו פון „איקאָר" צוגעבן נאָך מער אַפּעטיט.

מ י נ י: טאָ גיי און נעם אַליין. ער ליגט אויף דער שאַפקע.

ב ע נ י: איך זע, אַז דו ביסט שוין ווידער ברוגז אויפן „איקאָר".

מ י נ י: וועסט זיך אפשר זעצן אָפּעסן, וועל איך פאַרטיג ווערן מיט די טעפּלעך?

ב ע נ י: וועסט פאַרטיג ווערן מיט די טעפּלעך, מיני. כ'וועל דיר העלפן. זאָל איך אַזוי פאַרטיג ווערן מיט מיין באָס, וואָס יאָגט פון מיר אַרויס די נשמה. (גייט אַרויס און קומט אַריין צוריק מיטן בריוו פון „איקאָר").

מ י נ י: דערהערט אַ בריוו פון איקאָר, קאָן ער זיך שוין ניט איינהאַלטן ביז נאָכן עסן. דער בריוו וועט ניט קאַלט ווערן.

ב ע נ י: דער בריוו, מינעלע, וועט טאַקע ניט קאַלט ווערן. אַזעלכע בריוו ווערן קיינמאָל ניט קאַלט. זיי זיינען שטענדיג הייס.

מ י נ י: משוגע, מיינע שונאים! (פויזע) איי, ביזטו אַ טייערער שוואָגער. נאָך מיין ברודערס בריוו יאָגנסטו זיך ניט אַזוי, ווי נאָכן בריוו פון איקאָר.

ב ע נ י: מירן דיין ברודערס בריוו אויך לייע־נען. און טאַקע באַלד נאָכן עסן. און פאַרגעס ניט, מיני, אַז דער איקאָר איז דיין ברודערס אַ קרוב. דער איקאָר העלפט אַזעלכע, ווי דיין ברודער.

מ י נ י : מוחל דעם קרוב און מוחל זיינע טובות!

ב ע נ י : נו, נו, לאָמיר זיך ניט קריגן. (ער עפנט דעם בריוו און נעמט לייענען. זיין פּנים הויבט אָן שיינען פון פרייד) מיני! געוואונען! געוואונען!

מ י נ י (פאָרעט זיך ביים עסן) : וואָס געוואונען?

ב ע נ י : געוואונען די רויטע פאָן!

מ י נ י : האָט מיר א גדולה געטראָפן! איך האָב געמיינט, אז דו האָסט געוואונען געלט?...

ב ע נ י : פאַרשטייסט, צענדליגער ברענטשעס פון איקאָר האָבן זיך געשלאָגן פאַר דער רויטער פאָן, און מיין ברענטש האָט געוואונען!

מ י נ י : אזוי. (איראָניש) מע דאַרף זיך נאָך שלאָגן פאַר דער רויטער פאָן דיינער?

ב ע נ י : איי, מיני, מיני, ווען דו וואָלסט אָבער פאַרשטאַנען פאַרוואָס מע קריגט די רויטע פאָן, וואָלסט ביי אנדערש גערעדט. וואָלסט זיך געפרייט צוזאמען מיט מיר.

מ י נ י : נו, נעם שוין עסן. וועסט זיך פרייען מיט דיין פאָן נאָכן עסן.

ב ע נ י : וואָס האָב איך דיר פריער געזאָגט, דאָ? דער איקאָר גיט צו אַפּעטיט צום עסן.

מ י נ י : נו, טוט מיר נאָכמער הנאה.

ב ע נ י : אויב אזוי, וועסטו טאקע אויך עסן.

מ י נ י : כ'האָב דיר געזאָגט, אז איך בין ניט הונגעריג. דער איקאָר מעג דיר טאקע צוגעבן אַפּעטיט. אבער מיין ברודער איז מיר נעענטער צום האַרצן.

ב ע נ י : אָבער וואָס פאַר א ברודער איז ער, אז ער פאַרהאַקט דיר דעם אַפּעטיט.

מ י נ י : לאָז מיך צורו, בעני, שיט מיר ניט קיין זאַלץ אויף די וואונדן.

ב ע נ י : איי, מיני, מיני, דיין ברודער שעכט זיך אליין אוועק. אמאָל האָט ער געשאָכטן עופות, און איצט שעכט ער זיך אליין...

מ י נ י : כ'האָב שוין געהערט, בעני, שוין געהערט די חכמות. מעגסט שוין נעמען עסן.

ב ע נ י : טאָ זעץ זיך אויך עסן, נארעלע. דאַרפסט דאָך האָבן כוח פאַר דיין ברודערס בריוו.

מ י נ י : הער אויף חכמה'נען זיך!

ב ע נ י : נו, מילא, אז דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט. (נעמט עסן).

מ י נ י : (זיצט פאַרזאָרגט).

ב ע נ י : כ'קאָן ניט עסן און צוקוקן, ווי דו זיצט א פאַרדיינטע.

מ י נ י : ביי לייטן, אז א שוואָגער איז שלעכט, זאָרגט מען זיך.

ב ע נ י : וואָס וועט אים העלפן מיין זאָרגן זיך? קיין געלט, ווייסטו וואויל, קאָנען מיר אים ניט שיקן. מיר קומען קוים אדורך אליין. און אז מירן שוין אָפּשפּאָרן פון זיך א פּינפּערל, וועט שוין דיין ברודער געהאָלפן ווערן? אבער ווען דיין ברודער איז א מענטש, ווי טויזנטער אנדערע אידן דאָרטן, וואָלטן מיר אים געהאָלפן.

מ י נ י (קוקט אים אָן, זי פאַרשטייט אים ניט).

ב ע נ י : קוקסט מיך אָן, ווי א צעמישטן. אודאי וואָלטן מיר אים געהאָלפן. דורכן איקאָר. ווי מיר העלפן אנדערע אידן, וואָס באזעצן זיך אויף ערד און ווערן פּויערים.

מ י נ י : וואָס? מיין ברודער — א פּויער? נישט גע...

ב ע נ י : אויב אזוי, מיני, וועל איך טאקע פריער אָפּעסן און קריגן זיך מיט דיר שפּעטער. (עסט) און אפשר וועלן מיר ניט דאַרפן קריגן זיך אין גאנצן? אפשר איז דיין ברודער שוין געוואָרן אויס שוחט און מוהל.

מ י נ י : דו צאַפּסט מיר מיין בלוט, בעני.

ב ע נ י : זאָל מיר אסור זיין, מיני. נאָר דו ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך דאָרטן: מלמדים, שמשים און אנדערע אידן זיינען געוואָרן ארבעטער, פּויערים. טאָ פאַרוואָס קאָן עס דיין ברודער ניט ווערן?

מ י נ י : עס שווין, עס שווין בעסער.

ב ע נ י : כ'מיין עס טאקע. אויב מע קאָן ניט לעבן פון שעכטן עופות, איז דאָך גלייכער צו לעבן פון האָדעווען עופות.

מ י נ י : בעני, הער מיך אויף צו מאַטערן!

ב ע נ י : גלויב מיר, מיני, ווען דיין ברודער נעמט זיך טאקע צו אן אמת'ער ארבעט, וואָלסטו געקראָגן פון אים גאָר אנדערע בריוו. און וואָלסט טאקע איצט געגעסן צוזאמען מיט מיר און ניט געזעסן קיין פאַרקלעמטע.

נ י י ט ן (קומט אריין א פאַרסאָפּעטער): האַלאָ, פּאַ! האַלאָ, מאַ!

מ י נ י : וואַש אָפּ די הענט, נייטן, און גיי עסן. (זי גייט אים דערלאַנגען עסן).

נ י י ט ן : אָ. קיי. מאַ. כ'בין טאקע זייער הונגעריק. (גייט אריין וואַשן זיך און קומט באלד ארויס צוריק) כ'בין היינט געבליבן לענגער אין שול, ווייל מיר גרייטן צו א ביראָ־בידזשאַן יום־טוב. ווילסט הערן א ליד?

ב ע נ י : אדרבה!

נ י י ט ן : טאָ הער! עס הייסט: „ביראָ־בידזשאַן”.

טויזנטער, טויזנטער מיילן פון דאַנען,
אין אורהאַלטן וואַלד און אויף פעלד —
ראַט זיך דער אידישער לופטמענטש
צו ערליכער ארבעט געשטעלט!

טויזנטער, טויזנטער מיילן פון דאנען,
אין גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד —
האָבן די אידן גענומען זיך — ווערן
ערלעכע בויער פון לאַנד!

פאַרוואַרפן די אַלטע פּרנסות און „גליקן”!
נישטאָ מער קיין לעבן פון לופט!
די ערד און די טייכן, די נייע פאַבריקן
די ערלעכע הענט צו זיך רופט!

שמעקן צעאַקערטע פעלדער,
שמעקט דאָס געראָטענע ברויט!
אזוי ווערט א נחת'דיג לעבן
אין בירא־בידזשאַן אויפגעבויט!

און מיט מאַשינען, מיט זעגן און טראַקטאָרס
העלפט זיי דער היגער איקאָר!
אזוי־אַ צעזינגט זיך אין בירא־בידזשאַן
דאָס לעבן, ווי אַ פרייליכסטער כאָר!

ב ע נ י (באַגייסטערט): בראַוואָ! בראַווא, נייטן! (לויפט צו און גיט אים א קוש).

מ י נ י (ברענגט זופּ פאַר נייטענען): דער טאַטע מיטן זון, מיט זייער איקאָר!

ב ע נ י: מעגסט עס אויך הערן, וועסט הנאה האָבן.

נ י י ט ן: ווילסט הערן, מאַמע?

מ י נ י: וועסט עס מיר זאָגן אן אנדערש מאָל.

ב ע נ י: מעגסט עס הערן, מיני. וועסטו זען, אז ס'איז שוין גאָרנישט קיין שאַנד פאַר דיין ברודער צו ווערן אן ארבעטער אָדער א פּויער.

מ י נ י: לאָז אים פריער אָפּעסן. זעסט דאָך, אז ער איז הונגעריק.

נ י י ט ן: גוט, מאַ, נאָכן עסן.

ב ע נ י: אפשר וועסטו פּאָרט עפּעס נעמען אין מויל אריין?

מ י נ י: האָט זיך צוגעטשעפּעט, ווי א קלעק! (זי נעמט זיך אויך עסן).

ב ע נ י: אָט אזוי. איצט הער מיך רואיק אויס, מיני. וועסטו פאַרשטיין, אז ס'איז א גלייכע זאַך. אָט האָב איך אויך געלעבט אויף יענער זייט. אבער אז ס'איז געוואָרן ביטער, בין איך געפאָרן טויזנטער מיילן מיט דער שיף, מיט באַנען אהער צו געפינען ארבעט. כ'האָב זיך גאָרנישט אָפּגעשראָקן און בין געפאָרן אין א פרעמדן לאַנד ארבעטן. כ'בין אויסגעריסן געוואָרן און ווער ביז היינט אויסגעריסן. א באַלעבאָס, א פאָר־מאַן. אָט געפעלט ניט דעם באָס דיין נאָז, און דו בלייבסט אין גאַנצן אָן ארבעט. אָט איז דאָ ארבעט, און אָט איז נישטאָ. און אז מע ארבעט, איז ווי א פערד, און מע קאָן נאָך קיין לעבן ניט מאכן. איצט לאָמיר נעמען דיין ברודער. קיין גרענעצן דאַרף ער ניט גנב'ענען. קיין באַלעבאָס דאַרף ער ניט אָנקוקן. ער דאַרף נאָר אריבערפאָרן פון איין טייל לאַנד אין א צווייטן און זיך נעמען צו דער ארבעט. איי ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געארבעט, וועט אים טאַקע די ערשטע צייט זיין אביסל שווער, אָבער דערנאָך וועט ער זיך צוגעוואוינען.

מ י נ י: ער האָט דאָך אבער קיינמאָל ניט גע־טאָן קיין שווערע ארבעט.

ב ע נ י: און ווי אזוי האָסטו זיך צוגעוואוינט צו ארבעטן אין שאַפּ? און איר זייט דאָך שוועסטער און ברודער פון איין מאַמען. איז אויב דו האָסט גע־קאָנט זיך צוגעוואוינען צו דער ארבעט, וועט דיין ברודער אויך קאָנען. אָט טראַכסטו ווידער צו גיין ארבעטן, ווייל ס'איז שווער אויסצוקומען אויף מיינע שכירות. האָסט זיך נאָר איינגערעדט, מיין ווייב.

מ י נ י (ענדיגט עסן): אז עס לייגט זיך מיר ניט אויפן שכל.

ב ע נ י: מיני, גיב מיר דעם בריוו, לאָמיר זען וואָס ער וויל איצט.

נ י י ט ן: פאַ, פריער וועט מאַמע הערן מיין דעקלאַמאַציע.

מ י נ י: טאָ לאָז פריער אראָפּנעמען פון טיש.

ב ע נ י: כ'וועל דיר העלפן. (זיי נעמען ביידע אראָפּ פון טיש און זעצן זיך הערן נייטענען).

נ י י ט ן (דעקלאמירט דאָס ליד „בירא־בי־דזשאַן").

מ י נ י: זייער שיין.

נ י י ט ן: וועסט דאַרפן קומען מיטן טאַטן צו אונזער בירא־בידזשאַן יום־טוב.

ב ע נ י: איצט, נייטן, וועסטו זיין שטיל. און מירן לייענען דעם אָנקלס בריוו.

נ י י ט ן: א בריוו פון אָנקל פון סאָוועטן־לאַנד? כ'וויל אויך הערן!

ב ע נ י: גוט. זעץ זיך לעבן מיר. די מאַמע וועט זיך זעצן אנטקעגן. און איך וועל לייענען.

מ י נ י (גיט אים דעם בריוו).

ב ע נ י (עפנט דעם בריוו און נעמט אריינקוקן).

נ י י ט ן (קוקט אויך אריין אין בריוו איבערן טאַטנס אקסל): פאַ, פאַרוואָס שרייבט דער אָנקל אזעלכע פאַרדרייטע ווערטער?

ב ע נ י: פאַרדרייטע ווערטער? טאַקע אזוי. פאַרשטייסט, נייטן, ביי דיין אָנקל איז אַלץ פאַרדרייט, קומען שוין די ווערטער אויך ארויס פאַרדרייט. (ער נעמט לייענען) „צו מיין טייערער שוועסטער און מיין טייערן שוואָגער זאָל לעבן.”

נ י י ט ן: פאַ, פאַרוואָס שרייבט דער אָנקל אזוי לאַנג: לעבען און ניט — לעבן — קירצער?

ב ע נ י: הם, דאָס וויל דער אָנקל אויסציען פאַר אונז זיינע צרות אביסל לענגער...

נ י י ט ן (פאַרשטייט ניט): אבער אין שול שרייבט מען: לעבן, ניט לעבען.

ב ע נ י: דיין אָנקל איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אין קיין שול. ער איז געגאַנגען אין חדר. און אין חדר פלעגט מען אַלעמאָל אויסציען דאָס לעבן אביסעלע לענגער אויפן בענקל... (אַט אַזוי: (גיט אים א פעטשל).

נ י י ט ן: איך פאַרשטיי ניט.

מ י נ י: נייטן, לאָז דעם טאַטן לייענען. וועסט אים פרעגן שפּעטער. (צו בעני) און אפשר וועסטו אמאָל אויפהערן דיינע חכמות און לייענען דעם בריוו?

ב ע נ י: טאָ פרעג קיין פראַגעס ניט, נייטן, און לאָז לייענען. (לייענט ווייטער).

„ראשית קום איך אייך שרייבן, אז איך בין ברוך השם געזונט, דאָס זעלבע פון אייך צו הערען.

נ י י ט ן (קאָן זיך ניט איינהאַלטן): וואָס מיינט בראָך שעם?

מ י נ י: נייטן, לאָז דעם טאַטן לייענען!

ב ע נ י: „און שנית ווערט מיר אַלץ ביטערער, לא עליכם. קיין פרנסה איז נישטאָ. שחיטה און מילה גייען אונטער. כ'האָב ניט מיט וואָס א טאָג אריבער־צוקומען. איך עפּען פאַר אייך מיין ביטער האַרץ, ווי פאַר א שוועסטער און שוואָגער.

פאַראַן נאָך אידען אין שטעטעל, וואָס זיינען גע־בליבען אָן פרנסה. נו, האָבען זיי זיך גענומען צו פּראָסטע מלאכות. אנדערע ווידער זיינען זיך צעפאָ־רען ערגעץ הינטער די הרי חושך, בירא־בידזשאַן רופען זיי עס, צו ווערען דאָרטען פויערים, מיינע שונאים. ס'איז ניט קיין תכלית פאַר מיר. בעט איך אייך דעריבער דערבאַרעמען זיך אויף מיר און העל־פען מיר, דערפאַר וועט אייך גאָט העלפען.

ב ע נ י (רייסט איבער): א צו לאַנגער ווענ... פריער זאָלן מיר אים העלפן. דערנאָך וועט גאָט אונז העלפן דערפאַר וואָס מיר האָבן אים געהאָלפּן. גאָט קאָן עס מאַכן קירצער און העלפן אים אָן אונז, אויף א קירצערן וועג...

מ י נ י: הער שוין אויף רעדן אַזוי.

ב ע נ י: הער, מיני, איך זעץ זיך שוין ענט־פערן איבער. און איך וועל אים שרייבן אַלץ, וואָס איך האָב דיר פריער געזאָגט. און זאָל ער זיך נעמען פּאַקן אין וועג אריין קיין בירא־בידזשאַן צוזאַמען מיט די אַנדערע אידן, וואָס פאָרן אַהין.

נ י י ט ן: וועט מיין אָנקל פאָרן אין בירא־בידזשאַן? איי, גוט! כ'וועל דערציילן אין שול!

מ י נ י (בלייבט ווידער זיצן פאַרזאָרגט).

ב ע נ י: וואָס זאָרגסטו, נאַרעלע? קיין ערגערן בריוו, ווי דער אָ, וועסטו פון דיין ברודער פון בירא־בידזשאַן ניט קריגן. און אויפן אָרט פון קיצלען אן עוף מיט א חלף. וועט דיין ברודער גראָבן די ערד מיט אַן אַקער. גלויב מיר, אז איך בין אים מקנא, וואָס ער קאָן פאָרן קיין בירא־בידזשאַן. כ'וואָלט זיך שוין מיט אים געביטן: זאָל ער נעמען „מיין" שאַפּ, און איך וועל נעמען זיין ערד אין בירא־בידזשאַן.

נ י י ט ן: דאַטס רייט, פּאַ! לאָמיר פאָרן קיין בירא־בידזשאַן!

מ י נ י: אַט האָסטו דיר: דער טאַטע מיטן זון. איר מעגט זיך שוין נעמען פּאַקן.

ב ע נ י: וואָס מיינסטו, מיני, ס'איז אַזאַ קרומע זאַך?

נ י י ט ן: דאַטס רייט, מאַ! לאָמיר פאָרן קיין בירא־בידזשאַן!

ב ע נ י: כאַפּ זיך ניט, נייטן. א פיינער פּיאָ־נער ביזטו. ביזט שוין גרייט אוועקצופאָרן פון אמע־ריקע. נו, און מאַכן סאָוועטן אין אמעריקע דאַרף מען?

נ י י ט ן: שטענדיק גרייט!

ב ע נ י: טאָ וואָס זשע פּליסטו קיין בירא־בידזשאַן? פאַראַן גענוג מענטשן פאַר בירא־בידזשאַן אין סאָוועטן לאַנד. און אין די לענדער לעבן סאָוועטן־לאַנד, ווי פּוילן, ליטע, דייטשלאַנד, זיינען דאָ טויזנ־טער אידן, וואָס האָבן שוין ניט, מיט וואָס א טאָג אריבערצוקומען. זיי וועלן פאָרן, באַזעצן זיך אויף דער ערד. זיי וועלן אויפבויען א אידישע סאָוועטישע רעפּובליק. און מיר פון דאַנען וועלן זיי העלפן וואָס גיכער צו בויען.

נ י י ט ן: טהרי טשירס פאַר בירא־בידזשאַן! נו, פּאַפּאַ, שריי דריי מאָל: הוראַ! הוראַ! הוראַ! (זיי טשירן ביידע. מיני קוקט זיי אָן א צעטומלטע.)

צווייט בילד

א האַלב יאָר שפּעטער.

אין אָוונט. בעני מיט מינין זיינען נאָך ניט גע־קומען פון דער אַרבעט.

נ י י ט ן: אַ דזשי! ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען וואָלטן געוואוסט, אז ס'איז דאָ א בריוו פון אָנקל! פון בירא־בידזשאַן!

איי, וועט היינט דאָ זיין פריילעך. (קוקט אויפן קאָנווערט) פאַר אזא סטעמפּ פון בירא־בידזשאַן וואָלט איך אפשר געקראָגן פופציק אנדערע סטעמפּס! (עפנט פּאָרזיכטיק דעם בריוו) דערווייל וועל איך אַליין לייע־נען וואָס דער אָנקל שרייבט.

„צו... צו... מ... מיי...

ס'איז אודאי „מיין"! שווער צו לייענען. דער אָנקל שרייבט נאָך אַלץ פאַרדרייט. כ'וועל שוין מוזן וואַרטן, ביז דער טאַטע וועט קומען. (נעמט אריינלייגן דעם בריוו און דערזעט, אז ס'איז פאַראַן נאָך עפּעס אין קאָנווערט, נעמט עס ארויס) א בילד! א בילד!

וואָס? בהמות? בהמות! און ווער איז דער מאַן, וואָס שטייט לעבן די בהמות? דער אָנקל? ס'אַרא באָרד ער האָט?! ס'איז געווים דער אָנקל!

(סידערהערט זיך א קלונג. נייטן לאָזט זיך מיטן בריוו צו דער טיר און לויפט ארונטער די שטיגן. מע הערט זיין שטימע פון די שטיגן).

נ י י ט ן: מאַ! א בריוו פון אָנקל! פון בירא־בידזשאַן! מיט א בילד! דער אָנקל פּאַשעט בהמות! (ער ציט זי פאַר דער האַנט אין צימער אריין) אויף מיין וואָרט, מאַ! (ער שלעפּט ארויס דאָס בילד פון קאָנווערט קוק! זע וויפיל בהמות! און דאָס איז אודאי דער אָנקל!

מ י נ י (קוקט זיך איין מיט געוואלדיגן אינ־טערעס אין בילד) יאָ, דער אָנקל, אין א קורצן ראָק. די באָרד, דאכט זיך, אביסעלע קירצער.

נ י י ט ן: דאָס איז ביי דיר קירצער? דאָס איז א קורצע באָרד?

מ י נ י: און וואָס שרייבט ער?

נ י י ט ן: כ'קאָן ניט איבערלייענען. ס'איז נאָך אלץ פאַרדרייט, ווי אמאָל.

מ י נ י: לערנט און לערנט און קאָן נאָך אלץ ניט לייענען.

נ י י ט ן (באלייריגט): איך קאָן יאָ לייענען, נאָר דער אָנקל שרייבט פאַרדרייט...

מ י נ י: האָט זיך אויסגעלערנט ריידן, ווי דיין טאַטע.

נ י י ט ן (כאַפּט ארויס דעם בריוו): נאַ, זע. פאַרדרייט און פאַרדרייט. א מיש־מאַש. דו וועסט אויך ניט קאָנען לייענען.

מ י נ י: נו, אבי ער לעבט. דער טאַטע וועט באַלד קומען און איבערלייענען. איך וועל דערווייל זיך ארומוואַשן און גרייטן צום טיש. נייטן, האָסט אויסגעלאָשן דעם פייער אונטערן טעפּל?

נ י י ט ן: אודאי! כ'האָב געזען, אז נאָך אביסל וועט קיין זופּ ניט בלייבן, האָב איך אויסגע־לאָשן.

מ י נ י: וועסט מיר העלפן גרייטן צום טיש. נעם ארויס דאָס ברויט, לעפל און גאָפּל.

נ י י ט ן: אָ, קיי, מאַ! (ער לייגט אוועק דאָס בריוו, לעפל, גאָפּל אויפן טיש).

עס דערהערט זיך א קלונג.

נ י י ט ן: (שרייט צו דער מאַמען אין וואַש־צימער): מאַ, פּאַפּא קומט!

ב ע נ י (קומט אריין): האַלאָ, זון! וואו איז מאַמע?

נ י י ט ן: אין וואַשצימער. ס'איז דאָ א בריוו פון אָנקל! פון בירא־בידזשאַן! ער פּאַשעט בהמות!

ב ע נ י: וואָס? וואו איז דער בריוו?

נ י י ט ן: אָט!

ב ע נ י (כאַפּט דעם בריוו, דערזעט פריער דאָס בילד): דאָס איז ער! א פיינער פּאַסטעך! נאָר די באָרד איז נאָך אלץ א ביסעלע צו לאַנג.

נ י י ט ן: און זיין שרייבן נאָך אלץ פאַר־דרייט, ווי אמאָל...

ב ע נ י (צום בילד): איצט ביזטו מיר א גו־טער, אָנגעלייגטער שוואָגער! איצט, שוואָגערל, וועט מיין גאַנצער שאַפּ וויסן וועגן דיר! אזוי, דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך זיך אביסל געשעמט מיט דיין יחוס. אבער איצט, שוואָגערל, ביסטו א פּראָדוקטיווער סאָוועטישער בירגער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד! א בויער פון דער אידישער סאָוועטישער רעפּובליק אין בירא־בידזשאַן!

מ י נ י (קומט ארויס פון וואַשצימער): נו, וואָס זאָגסטו ניט דערצו? א פּאַסטעך געוואָרן.

ב ע נ י: בראַוואָ, מיין ווייב! איצט מעגסטו זיך גרויסהאַלטן מיט דיין ברודער! פּאַרט געקומען צו א תכלית!

מ י נ י: א שיינער תכלית!

ב ע נ י: זיי ניט קיין קלאָגמוטער, מיני. ס'איז א יחוס אזא ברודער! איין קליינינקייט — איינער פון די פּיאָנערן פון בירא־בידזשאַן!

מ י נ י: ס'איז מיר גוט. (ווייזנדיג אויף ניי־טענען) איין פּיאָנער אין שטוב און דער צווייטער אין בירא־בידזשאַן!

ב ע נ י: פאַרשטייסט ניט. מיני. צייטן בייטן זיך. די וועלט ווערט אן אנדערע. דער מענטש פון ארבעט ווערט דאָס אויבערשטע פון שטויסל. שטעל זיך פאָר: אין אלטן רוסלאַנד, וואָס פאַר א ווערדע האָט דאָרט אמאָל געהאַט דער ארבעטער און דער איד? אין דחקות האָט מען געלעבט. אין שטענדיגער אימה פאַר פּאָגראָמען. אָן א זיכערן מאָרגן. ווען האָבן מיר אָנגעקוקט א פעלד, א וואַלד? און איצט זע, ווי דיין ברודער שטייט אויפן פעלד. זיין פעלד, זיינע בהמות, זיין לאַנד! א שותף געוואָרן דיין ברודער צום גרויסן באַפרייטן לאַנד! ס'וועט אים קיינער פון פעלד ניט פאַרטרייבן! זע, ווי דאָס ווינטל בלאָזט, דאכט זיך, אויף זיין באָרד. איי, א לעבן אויף אים! פּאַרט דיינער א ברודער!

מ י נ י (גערירט): נו, לייען שוין. האָסט זיך צערעדט און פאַרגעסן דעם בריוו.

ב ע נ י: איי, מיני, אז דו קריגסט אזא בריוו פון יענעם לאַנד, בינדט זיך דיר אויף די צונג. עפּעס ווילט זיך גיין א טענצל. אָט ווי דו קוקסט מיך אָן א לעבעדיקן! פאַרשטייסט: מע האָט גענומען קרעמער, שוחטים, הענדלער און מע האָט געמאַכט פון זיי גע־זונטע, ערלעכע מענטשן. געשטעלט זיי אויף די פיס. און פאַרוואָס עפּעס נאָר אין בירא־בידזשאַן? איבערן גאַנצן לאַנד זעסטו אידן אויף טראַקטאָרס, ביי מאַשי־

נען, אין די מיינס, אויף די באַנען, אידן אומעטום און גלייך מיט אנדערע פעלקער! נעם אפילו אזא משל: אז אידן פייערן זייער בירא־בידזשאן יום־טוב, קומען אראָפּ רויטע ארמייער זיי צו באַגריסן.

אך, מיני, איך בין מקנא דיין ברודער, דעם פּאסטעך!

מ י נ י : לייען שוין, וועל איך זען וואָס דו האָסט אים דאָרט מקנא צו זיין.

ב ע נ י : נו, גוט. כ'האָב זיך אפילו נאָך ניט ארומגעוואשן, אָבער דער בריוו איז בילכער! (ער פאַר־קאַטשעט די ארבל, טוט אויס דאָס רעקל און נעמט לייענען):

צו מיין טייערער שוועסטער, מיין טייערן שוואָ־גער מיט זייער זון זאָלן לעבן. ווי איר זעט, האָב איך אייך געפאָלגט. גענומען, זיך איינגעפּאקט און געלאָזט זיך אין וועג אריין. כ'האָב ניט געגלויבט, אז ס'וועט עפּעס ווערן פון דעם, אבער ס'איז געווען לית ברירה. און אז איך בין אָנגעקומען, האָב איך ניט געוואוסט צו וואָס צו נעמען זיך. דער האָט מיר געהייסן נעמען זיך צו שניידעריי, דער — צו סטאָליעריי, און אנדערע האָבן מיר געראָטן נעמען זיך צו ערד־ארבעט. הכלל מע האָט מיך געריסן פון אלע זייטן. אבער די אָנפירער האָבן מיך ארומגעקוקט, ארומגעשמעקט און געראָטן ווערן דערווייל א פאסטעך. און שפּעטער וועט מען נאָך זען. ס'איז מיר געווען אביסל פריקרע: פון א שוחט — א פאסטעך. אבער אז כ'האָב געזען, אז די מענטשן מיינען מיר ניט קיין בייז, בין איך געוואָרן א פאסטעך. זאָג איך אייך, אז איך האָב קיין חרטה ניט. ס'איז שוין גאר ניט, ווי אין פסוק שטייט: כרמי שלי לא נטרתי. איך פיל איצט דעם טעם פון שטיין אויף דעם אייגענעם פעלד און היטן די אייגענע טשע־רעדע. אז איך גיי ארויס פארטאָג אין פעלד מיט דער טשערעדע, אין די זון נעמט ווארעמען מיין איינגע־בויגענעם קאַרק, איז טאַקע נאָר א לויב דעם רבונו של עולם. די מענטשן דאָ לאָבן פון מיר, וואָס איך רעד אליין מיטן רבונו של עולם. רב נחמן—זאָגן זיי — אייער רבונו של עולם האָט אליין געהאָלפן און גע־ראָפן, אבער ביז מע האָט זיך אליין ניט א נעם גע־טאָן, איז מען טאַקע ניט געהאָלפן געוואָרן. וואָס זאָל איך אייך דערציילן. זיי זיינען א סך מאָל גערעכט. געווען דאָ יידיש און פּיסט. זיינען געקומען אידן און גענומען בויען. אין מען בויט, אז עס פארכאַפּט דער אָטעם. אמת, אז דאָס יונגוואַרג קערט דאָ וועלטן, אבער מיר, די עלטערע, שטייען אויך ניט אָפּ. און מען רימט אהער פון דער גאַנצער וועלט, אפילו פון ארץ ישראל.

נו, איצט האָוועט מען דאָ ארום. מען גרייט זיך צו א גרויסן יום־טוב. איר האָט דאָך אודאי געהערט, אז מע ניט איבער בירא־בידזשאַן אין די אידישע הענט, צו בויען אן אייגענע סאָוועטישע מלוכה, ווי די אוקראַינער און אנדערע. נו, טוט זיך דאָ אויף טישן און בענק. מע דערבויט, מען רייניגט, מע קאַלכט. מען וואַרט אויף חשוב'ע געסט. פון אייער אמעריקע קומט אויך א מענטש פון איקאָר.

ב ע נ י : (צו מינין מיט גייטענעס) ער דער־ציילט מיר, ס'איז דאָך כאַווער עפּשטיין.

מ י נ י : לייען, לייען!

ב ע נ י : (לייענט ווייטער): הכלל איך האָב גע־זען, אז איך בלייב שוין דאָ און געשריבן מיין פרייד־לען, זי זאָל זיך לאָזן אין וועג אריין. כ'האָב איר גע־שריבן דעם אמת, אז ס'איז נאָך שווערלעך, אבער ס'ווערט גרינגער פון טאָג צו טאָג.

איך האָב געלייענט אין דער היגער צייטונג, אז ביי אייך גייט עס, מיינע שונאים, מיט דער פוטער אראָפּ, איז אפשר, כ'ווייס, אפשר וואָלט געווען א תכלית, איר זאָלט אויך אריבערקומען אהער? מע צערייסט דאָ באַלמעלאָכעס.

עיקר שכחתי: די פאָטאָגראַפיע איז פון דער צייטונג, וואָס גייט דאָ ארום. זיי זיינען ארומגעפאָרן זען, וואָס עס טוט זיך אויף די פעלדער. זיי האָבן זיך צערעדט מיט מיר און דערנאָך גענומען א פאָטאָ־גראַפיע. נו, איר וועט מיך אודאי דערקענען. כ'האָב געמוזט אביסל אונטערשניידן דעם ראָק, ווייל ס'איז ניט צו דער האַנט מיט די בהמות אין א לאַנגן ראָק.

פון מיר אייער ברודער און שוואָגער נחמן.

ב ע נ י : נו, וואָס זאָגסטו איצט? ווּעסט נאָך איצט אויך באַקלאָגן דיין ברודער?

מ י נ י : אז סע מישט מיר אין קאָפּ, און איך ווייס ניט וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

ב ע נ י : אָבער דיין ברודער ווייסט שוין איצט גאָר וואָס עס טוט זיך מיט אים. נייטן! האָסט איצט אן אָנקל אין בירא־בידזשאַן!

נ י י ט ן : איי, וועט זיך היינט טאָן אין שול, ווען כ'וועל דערציילן וועגן מיין אָנקל.

ב ע נ י : נעם דעם בריוו אין שול אריין. זאָל דער לערער לייענען פאר די קינדער.

מ י נ י : ניין, ניין, נייטן, טשעפּע ניט. די קינדער קענען אים דאָך ניט. וואָס וועלן זיי פאַר־שטיין?

ב ע נ י : דער לערער וועט שוין געבן צו פאַר־שטיין. און איצט, מיני, גרייט צום טיש!

מ י נ י (הויבט זיך אויף פון טיש).

ב ע נ י : יאָ, כ'האָב זיך גאָר פארגעסן. איר זעט דאָס אָ? טרעפט וואָס דאָ געפינט זיך!

מ י נ י : ווי זאָל איך ווייסן, אז ס'איז איינ־געוויקלט.

נ י י ט ן : ס'איז... ס'איז... ווין!

ב ע נ י : ניט געטראָפן!

מ י נ י : טאָ וואָס זשע איז עס? זאָג שוין, משוגענער.

נ י י ט ן : ווהיסקי!

ב ע נ י : ניט געטראָפן!

מ י נ י : טאָ הער שוין אויף מאַטערן, ביזט דאָך הונגעריג.

ב ע נ י (צו נייטענען): גיוו אפ?

נ י י ט ן : דזשי, ניט קיין ווײַן און ניט קיין ווהיסקי, טאָ וואָס איז עס? (קלערט) אָ. קיי. איי גיוו אָפ!

ב ע נ י : ס'איז עפּעס פון ביראָ־בידזשאַן!

מ י נ י : פון ביראָ־בידזשאַן?!

נ י י ט ן : פון ביראָ־בידזשאַן?!

ב ע נ י : יאָ, האָניק! פון ביראַ־בידזשאַן!
דער איקאָר האָט געקראָגן האָניק פון ביראַ־בידזשאַן, האָב איך געקויפט א פונט. קום אהער, מיין ווייב. נייטן, ברענג א לעפעלע און קום אויך אהער! אלע וועלן פארזוכן דעם האָניק פון ביראָ־בידזשאַן! מיין ווייבס ברודערס האָניק! מיין שוואָגערס האָניק!

מ י נ י : מיין משוגענער מאַן!

נ י י ט ן (ברענגט א לעפעלע).

ב ע נ י (נעמט אָן א לעפעלע האָניק, גיט מי־נין): נאַ, דיר קומט דאָס ערשטע לעפעלע. ס'איז פון דיין ברודערס לאנד. (זי פארזוכט דעם האָניק און באַ־לעקט זיך). הא, וואָס זאָגסטו?

מ י נ י : טאַקע אמת'ער האָניק...

ב ע נ י : און איצט א לעפעלע האָניק פארן פיאָנער פון אמעריקע (גיט אים) לעק, לעק, פּיאָנערל מיינער, ס'איז א לעק פון ביראָ־בידזשאַן. און איך וועל לעקן דער לעצטער (פאַרזוכט דעם האָניק). בנאמנות, אמת'ער האָניק, ווי מיין ווייב זאָגט!

און איצט, נייטן, וועלן מיר עס מאכן, ווי דו מאכט עס:

טרי טשירס פאָר ביראָ־בידזשאַן! דו אויך, מיין ווייב.

הורא! הורא! הורא!

פּאָרהאנג



א מיטינג פון פּיאָנערן אין אמורזעט, ביראָ־בידזשאַן

וויליאם אייבראַמס

אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס

(וועגן דער אידיש־פּראָלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע)

מיר מעגן שוין מאכן אַ שטיקל חשבון. מיר מעגן שוין איבערקוקן אביסל די אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס פון דער אידיש־פּראָלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע. מיר מעגן — ווייל מיר זיינען אריינגעטראָטן אין אַ פּעריאָד פון קינסטלערישע דערגרייכונגען, וואָס לאָזן זיך מער ניט פארשווייגן. ביז ניט לאַנג צוריק האָבן מיר זיך נאָך אַלץ מיט אונזערע אייגענע און נאָענטסטע — מיט זיך אליין — געדארפט ראנגלען אידייאיש. עפּעס האָט זיך ביי אונזערע קינסטלער — דיכטער און בעלעטריסטן — ניט געפּאָרט דער קאָמוניזם מיט קונסט. שפּעטער האָט זיך גענומען פּאָרן — איז דער קאָמוניזם געוואָרן אַ קלינגנדיגע פראַזע, וועלכע האָט פארשריען די קינסטלערישע קוואַליטעט.

דאָס לעצטע איז נאָך איצט אויך טיילווייז אמת. נאָר אינגאַנצן גענומען איז ביי אונז היינט צו טאָג אויפ׳ן סאמע פאָדערגרונט דער לאָזונג: קינסט־לערישע קוואַליטעט. פאר דער קלאַסן־אידייע אין דער ליטעראטור מוז מען שטענדיג זיך ראנגלען, מען מוז האַלטן אַ וואכזאם אויג אויף אַלץ וואָס ווערט ביי אונז געשריבן און ספּעציעל אויף יענע ליטעראַרישע ארבעטן פון ערשט צו אונז אריבערגעקומענע. דאָס איז נאַטירלעך, — אויב מיר ווילן ניט צוריק פאר־שייינט ווערן פון די ליטעראַרישע טראדיציעס פון די איבט בראָדווייער קולטור־נעשעפטן.

איסט־בראָדוויי איז אַלעמאָל געהאנגען ווי אַ קללה איבער דער פּראָלעטארישער ליטעראטור. די ליטעראטור וואָס האָט אויפגעבליט אין אמעריקע אין די פריסטע יאָרן פון אימיגראנטישן ארבעטער לעבן איז פארטריבן געוואָרן פון אירע פּאָזיציעס דורך דעם אויפקום פון די איסט ־ בראָדווייער „עס־טעטן”. דער באַלעבעסל האָט פארטריבן דעם פּראָלעטארישן קעמפער. דער באַלעבעסל איז גע־קומען מיט די קלאַפערגעציינ פון אַ „געהויבע־נעם סטיל”, מיט דער „קונסט לשם־קונסט” אי־דייע און אַראָפּגעטריבן פון דער ארענע יענע הייס־פייערלעכע דיכטער, וואָס האָבן פון דעם טיפן תהום פון ליידן צווישן די אָרימע אידישע מאַסן, ארויס־געהויבן דאָס ליד וועלכע האָט גערופן די ארבעטער אויפ׳ן וועג צו דער זון, אויפ׳ן וועג צו באפרייאונג.

עדעלשטאט, באָווששאָווער, ווינטשעווסקי, טייל־ווייז ראָזענפעלד האָבן אין זייער ליטעראַרישן שאפן ניט בלויז אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון דער ארימער, אידיש־אימיגראַנטישער מאַסע וועלכע איז אריינ־געפאַלן אין די פאבריקן פון די „וואוילטעטיגע” דייטשע יאהודים, זיי האָבן דעם ארימען, עקספּלוא־טירטן אידיש ־ אימיגראנטישן ארבעטער געגעבן אַ ציל און אַ באַוואוסטזיין — אויף וויפיל זיי האָבן עס אליין געהאַט. עדעלשטאַט און באָוו־שאָווער האָבן מיט זייער „אַנאַרכיסטישן” פריוו־הייט־געזאַנג פון יענעם פּעריאָד געפּרואווט פארפעס־טיגן זיך אין די ארבעטער־לייענער געגן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן רעפאָרמיזם, וועלכער האָט זיך גענומען איינפרעסן אין די ביינער פון דער ארבעטער באַוועג־גונג. נאָר אַלע זיינען זיי געווען דיכטער־קעמפער פאר די ארימע מאַסן.

ערשט שפּעטער, ווען עס הויבט זיך אָן די דיפע־רענצירונג אין דער אידיש־אימיגראנטישער מאַסע, ווען עס שיילט זיך ארויס אַ אידישער באַלעבאַטים־שיכט אין אמעריקע, ווען דער רעפאָרמיזם הויבט זיך אָן באַפעסטיקן אין דער אידישער ארבעטער באַוועגונג, קומען די איסט־בראָדווייער מיט זייער „געהויבענעם סטיל” און טרייבן ארויס פון זייערע פּאָזיציעס די וועטעראַנען־פּאָעטן, די גרונטלייגער פון אַ אידיש־פּראָלע־טארישער ליטעראטור. אַ פּאָר צענדליג יאָר האָט איסט־בראָדוויי געוועלטיגט אין דער אידישער ליטעראַטור פון אמעריקע. ס׳זיינען געווען קאַמפן, ס׳זיינען אויסגע־וואַקסן גרויסע אידישע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס — אמת, רעפאָרמיסטישע — וואָס זיינען אבער ניט אראָפּ־געפאַלן פון הימל. נאָר די אידישע איסט־בראָדווייער ליטעראטור האָט עס כמעט ניט דערזען. אויב קאַברין און ליבין האָבן עס יע אַ געוויסע צייט באַמערקט זיינען זיי שנעל איבעראָריענטירט געוואָרן אויף דער

גענעראַלער ליניע פון „געהויבענעם סטיל".*)

ס'איז געווען א סטילן־קאמף, א הייסער און פאַר־ביטערטער. אויף אונזער זייט איז געווען דער גרויסער אמת פון אונזער קלאסן־קאמף. נאר ער איז געווען צעפּרעסן פון רעפאָרמיזם, וועלכער האָט מער ווי איין ארבעטער פּאָזיציע געהאַלפן אָפּגעבן דעם שונא. די ליטעראַרישע פּאָזיציע איז דאָ קיין אויסנאם ניט גע־ווען. אזוי האָט דער בירגערלעכער סטיל ארויסגע־שטויסן דעם פּראָלעטאַרישן אונטערן אויסרייד, אז די ערשטע שאפער פון דער פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור אין אמעריקע זיינען געווען אגיטאַטאָרן, פּראָ־פּאַגאַנדיסטן, אבער ניט קיין דיכטער. מאָרים ווינט־שעווסקי דערציילט אין זיינע זכרונות:

„אויב מען געפינט, למשל, ביי מיר מער „אגיטאַציע" ווי פּאָעזיע, און דאָס איז, וואָס יע־דער, וועלכער זינגט מיר א „למנצח על נגינות", האַלט פאַר נויטיג ניט צו פארגעסן, בין איך דער־מיט צופרידן, ווייל ביז מיט 3 יאָר צוריק האָב איך קיין זאך ניט געלאָזט דרוקן, וואָס האָט ניט געהאַט דעם צוועק צו וועקן דעם אידישן ארבע־טער; אים צו וועקן, צו וועקן זיין מח, זיין האַרץ און זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין; אים צו צווינגען אויפצושטיין און זיך אויסצורייבן די אויגן און צו פרעגן זיך אליין: וואו בין איך? וואָס איז דאָס פאַר א וועלט ארום מיר? ווי אזוי האָט מען מיך דאָ געפּענטעוועט מיט רעליגיעזע שפּינ־וועבס, מיט פּאָליטישע אקראַיקעס, מיט א נעכטיגן טאָג, מיט א קומענדיגער נאכט?"

אָט ווי ס'איז געשטאנען די ליטעראַטור פּראָ־בלעם פאַר די ערשטע דיכטער אונזערע. דאָס איז געווען אינגאַנצן להיפוך צו די אינטערעסן פון אידישן באַלעבאָס, וועלכער האָט זיך ארויסגעהויבן פון דער אידיש־אימיגראַנטישער מאסע. נאָר די איסט־בראָ־דווייער האָבן אזוי טיכטיג פארטיידיגט זייערע פּאָזי־ציעס, אז ווינטשעווסקי אליין מאַכט זיי די הנחה אויף „אגיטאַציע", (אין גענזנפיס, נאַטירלעך). האָבן זיי אזוי ארודעוועט אין דער אידישער ליטעראַטור א פאַר צענדליג יאָר ביז איבער דער וועלט האָט זיך א טראָג געטאָן, „ווי א בייזער געוויטער פון בליץ און פון דונער געטראָגן", דער ערשטער ציקל פון מלחמות און רעוואָלוציעס; ביז דער ארבעטער קלאַס האָט אנגע־הויבן שמעטערן די רעפאָרמיסטישע קייטן; ביז דער אידישער באַלעבאַטישער קלאַס האָט אנגעהויבן פאַר־לירן דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס, צוזאַמען מיט'ן אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט אָנגעהויבן זינקען.

די דונערן פון דער גרויסער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, דער אָפּקלאַנג פון די רעוואָלטן אין איי־ראָפּע האָבן זיך געלאָזט פילן אויך אין אמעריקע, ספּעציעל אויף דער אידיש־אימיגראַנטישער אמעריקע. אין לאַנד טראָגן זיך דורך גרויסע סטרייקס, א רעזול־טאַט פון דער געענדערטער נאָך מלחמה'דיגער קאָ־ניונקטור. אויך די אידישע ארבעטער הויבן אויף שאַרפע קאַמפן סיי געגן די פאבריקאנטן, סיי געגן די רעפאָרמיסטישע פירער. ווער געדענקט ניט דעם קאמף פון די דרעסמאַכער און פון די קלאָוקמאַכער און פאָריער געגן זייערע ביוראָקראַטן? אלץ צוזאמענגע־נומען צייכנט אָן א נייעם פעריאָד אין לעבן פון דער אידיש־אימיגראַנטישער מאסע, וועלכע איז שוין איצט געווען דיפערענצירט, צעטיילט אין קלאַסן און שיכטן. די איסט בראָדווייער נאַציאָנאַלע איינהייטלעכקייט האָט אָנגעהויבן פּלאַצן. במילא האָט די נאַציאָנאַל־„איינהייטלעכע" קונסט־לשם־קונסט אידייע ניט גע־קאָנט בלייבן די הערשנדיקע.

פון אָנהויב צעשוואומען, אָן א ציל, דערהערט זיך א וויסטער רעווען, א פּראָטעסט געגן איינגעפונדרעוועטן עסטעטיציזם. דער דאָזיקער פּאָעטישער געשריי טראָגט זיך פון יאָסל קאָהען, דעם פּראָלעטאַרישן ניהיליסט פון יענעם פעריאָד. וואָס א יאָר אַלץ אפטער הויבן זיך פון דאָס ניי אָן דערהערן נייע טענער אין דער אידי־שער ליטעראַטור. מיט'ן געבורט פון דער „מאָרגן־פרייהייט" הויבן זיך אָן ארויסרופן דיכטער, דערציי־לער וואָס זוכן א נייעם וועג, נאָר קאָנען אים נאָך אַלץ ניט געפינען. ערשט אין אויגוסט 1924 ביים דערשיי־נען פון דער „יונג־קוזניע" הויבן מיר אָן דערהערן די ערשטע אָרגאַניזירטע קלאַנגען פון א פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. „אונזערע זאמלונגען, זאָגט דער ערשטער נומער „יונג קוזניע", וועלן זיין אנדערש; זיי וועלן זיין אָן אָפּשפּיגלונג און אויסדרוק פון די באדינגונגען און פון דער סביבה אין וועלכער עס קומט אויס צו לעבן דעם ארבעטער אין אמעריקע.

...„דער גייסט פון דער זאמלונג וועט זיין דער אויסדרוק פון א נייער לעבנס־עמפּפינדונג, וואָס דרינגט ארוים פון די טיפסטע טיפענישן פון די יוגנט־לעכע ארבעטער אין אמעריקע".

אין צווייטן נומער, אקטאָבער 1924, לייענען מיר וועגן דער אויפנאַם וואָס די איסט־בראָדווייער האָבן געגעבן דער „יונג־קוזניע":

...„פון בירגערלעכן לאַגער איז מען ניט געווען צופרידן מיט אונז; זיי האָבן ניט געוואָלט ליידן אונזער פּראָלעטאַרישע טענדענץ. מיר האָבן עס דערוואַרט, אנדערש האָט ניט געקענט זיין".

*) וועגן „געהויבענעם סטיל" זאָגט צבי הירש־קאָן אין דער „מאָרגן־פרייהייט" (שבת דעם 1טן דע־צעמבער 1934), וואָס איז געהויבענער סטיל? — „ביי־שלום אַש'ן, אז ווייבער פרעגלען שמאַלץ האָסטו עפּעס דאָס געפיל ווי מלאכים זינגען שירה"...

אויף די אָנפאַלן, אויפן חוזקן פון בירגערלעכן לאַגער ענטפערט די „יונג קוזניע".

„די אלטע כהנים פון דער אידישער ליטעראטור געפעלט ניט די פּראָלעטארישע קונסט, ווייל — ס'איז איינזייטיק, טענדענציעז, קוקט אויף אלץ פון א קלאסן־שטאַנדפּונקט. אמת, מיר האָבן א שטאַנדפּונקט. דאס איז דער פּראָלעטאַרישער וועלט באַנעם, וואָס דאַרף ווי א לייכט־טורעם באַליכטן אלע דערשיי־נונגען פון לעבן. מיר זאָגן אָבער, אז ס'קאָן ניט זיין קיין ריכטיגע קולטור ביז וואנען ס'וועט ניט פאר־שווינדן די עקספּלואטאציע פון מענטש דורך מענטש און אז אויך די קונסט אין איצטיגער צייט מוזן מיר אויסנוצן אלס מיטל פאר דער אָפּשאַפונג פון מענטשן־שקלאַפעריי. און דעריבער קאָן ביי אונז קיין רייד ניט זיין פון „קונסט־לשם־קונסט".

אזוי האָט אונזער יונגע פּראָלעטארישע ליטעראַ־טור, אן ארויסגעוואקסענע פון באשטימטע היסטאָרישע באדינגונגען, גערעדט אין 1924. דארפן מיר א קוק טאָן, באַטש פאַרבײַלויפנדיג — וואו האלטן מיר אין 1935. עס וועט זיין ווייט ניט קיין פולער, נאָר דאָך א קורצער סך־הכל, וואָס איז ביז גאָר אינטערעסאנט.

* * *

לאָמיר פאַרצייכענען: אפילו אונזערע שונאים קאָנען ניט מער אונז פארשווייגן. ש. ניגער אין זיין ארטיקל „צוויי דיכטער — צוויי דורות", אן אָפּשאַצונג, אזוי צו זאָגן, ווענן די צוויי פאַרשטאָר־בענע דיכטער י. גרינשפּאַן און א. מ. דילאָן, איז מודה אז די פּראָלעטארישע שרייבער זיינען ווידער אויפן פּענאָס. לאָמיר ברייגען איניגע אויסצוגן פון ניגער'ס אלגעמיינע אויספירן ביים באהאנדלען די צוויי דיכטער:

„די יונגע פון פאר'ן קריג האָבן דער פּאָעזיע פון פּראָפּאגאנדע אנטקעגנגעשטעלט די פּראפּא־גאנדע פון פּאָעזיע. (אונטערשטראָכן פון מיר. וו. א.)

...„די יונגע האָבן געגלויבט אז זיי האָבן פאר־יאָגט דעם אימפּערזענלעכן, אומלירישן פּראפּא־גאנדע־גייסט פון דער אידישער פּאָעזיע. ערשט ער איז ווידער דאָ—אויפ'ן פּענאָס. און ער באַשיסט איצט די יונגע אויף דערזעלבינער פראָנט־ליניע, אויף וועלכער ער איז פון זיי דאָ ניט לאַנג נאָך באַשאָסן געוואָרן. ער פארלייקנט און פאראכט זייער אינטים פערזענלעכע ליריק פּונקט אזוי ווי זיי האָבן פאראכט און פארלייקנט דאָס סאָציאלע ליד... (אונטערשטראָכן פון מיר.—וו. א.)

...„די פּאָעזיע פון פּראפּאגאנדע, וואָס די יונגע (איבער בראדיייער. וו. א.) האָבן זי באַזיגט מיט זייער פּראפּאגאנדע פון פּאָעזיע קומט צוריק א פארפּאנצערטע. א האפערדיגע און טריומפירט איבער דער „ריינער פּאָעזיע" פון די יונגע. (אונטערשטראָכן פון מיר, גענזנפּיס איבער „ריי־נער פּאָעזיע" ניגערס—וו. א.)

...„נייע יונגע זיינען געקומען און זיי זיינען אנדערש פון די פריערדיגע יונגע ניט נאָר דער־מיט. וואָס זיי זינגען וועגן כלל און וועגן קלאַס, בעת יענע זיינען געווען אריינגעטאָן אין זיך אליין. זיי זיינען אנדערש וואָס זיי זינגען, בעת יענע האָבן געטרויערט. שיר ניט געוויינט." (אונ־טערשטראָכן פון ש. ניגער).

א צענדליג יאָר ווי די אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַ־רישע ליטעראטור ראנגלט זיך פאר איר קיום, פאר אירע פּאָזיציעס; א צענדליג יאָר ווי מיר פלאנצן מיט גרויס מי, אינמיטן פון הייסע קלאסן־שלאכטן, אונזער ליטעראַרישן גאָרטן. אָפט האָבן מיר קיין צייט ניט זיך ארומקוקן אויף זיך, אויף אייגענע און נאָענטע. מיר באמערקן אליין ניט ווי עס הויבן זיך ארויס און פארשווינדן אזעלכע דיכטער ווי גרינשפּאַן. מיר האָבן קיין צייט ניט. מיר האָבן דאָך אזוי פיל ארבעט. און דאָ קומט הער ש. ניגער—אַ מענטש וועלכער איז א פאַרביסענער שונא פון אונזער פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור— און מוז מודה זיין„ מיר זיינען אַנדערש ניט בלויז אין אונזער קלאַסן־באַגריף, מיר זיינען אנדערש, ווייל מיר זינגען בעת יענע, די „יונגע" פון איסט בראָ־דוויי האָבן געטרויערט. ס'וועט מעגלעך נעמען נאָך א צענדליג יאָר ביז הער ניגער וועט אָנהויבן פאַרשטיין, אַז זינגען איז אייגנטלעך דער פּראָלעטארישער פּאָע־זיע; בעת טרויערן, וויינען איז אייגנטימלעך דער פּאָע־זיע פון קליינבירגערטום. ס'איז ניט בלויז „צוויי דיכטער — צוויי דורות", ס'איז צוויי קלאַסן — צוויי־ערליי דיכטער.

לאָמיר דאָ קאָנסטאטירן: אונזער פּראָלעטארישע ליטעראטור גייט פאַרויס. זי גייט פאָרויס מיט גרויס מאַטערנייש און פאָרזיכט. אירע טריט זיינען ניט אלע־מאָל גרינגע, איר וועג איז ניט אלעמאָל א גלאטער. פאַראַן פּיוט אין אונזער פּראָלעטארישער ליטעראטור; פאַראַן פּרעטענזיע אומבארעכטיגטע; פאַראַן שוואכע ליטעראטור. נאָר היינט קאָן שוין קיין בן־אדם ניט זאָגן — אפילו ניט ניגער — אז ביי אונז איז קיין ליטעראטור ניטאָ. פארקערט: מיר באשיסן איצט האפערדיג און מוטיג די פּאָזיציעס פון איסט־בראדוויי מיט אירע פּרעטענזיעס אויף ליטעראַרישער העגע־מאַניע.

אונזער בעלעטריסטיק, נאָך ניט קיין איינגעפונ־דעוועטע, נאָך ניט קיין ברייט־פאַרצווייגטע, טראָגט שוין אלע סימנים פון געזונטער שילדערונג. שוין הויבט מען אָן דערזען עכטע סיטואציעס, לעבעדיגע מענטשן פון אונזער געזעלשאַפטלעכער סביבה. מען הויבט שוין אָן דערקאָנען אן איינגאַרטיגן שטריך ביי דעם אדער

יענעם שרייבער, וואָס הויבט אָן אויספורעמען און אויסקלאָרן זיין אייגענעם פּראָלעטאריש־ליטעראַרישן באוואוסטזיין.

אונזערע לידער — געזאנגען פון פּראָלעטארישן הארצן — קאָנען זיך שוין היינט פארגלייכן מיט די שענסטע פּאָעמעס פון די בעסטע טרויערער פון אַלע איסט־בראָדווייער צייטן און קלייזלעך. און ווייט זיינען מיר פון זיין „סאמאָכוואלעס". אויך דאָ, אין דעם ליד, האָבן מיר פּיוט; אויך דאָ איז פאראן פּרעטענזיע; אויך דאָ איז פאראן דאָס שלעכטע ליד. נאָר מיר זיינען שוין היינט ניט אזעלכע שרעקעדיגע קינדערלעך ווי מיר זיינען געווען מיט א צענדליג יאָר צוריק. היינט שליידערן מיר צוריק ניגערס פילאָסאָפיע וועגן פּאָעזיע פון פּראָפּאגאנדע און פּראָפּאגאנדע פון פּאָעזיע. היינט מוז שוין אפילו ניגער שטעלן אין גענזנפיס דעם טערמין „ריינע פּאָעזיע".

מיט א צענדליג יאָר צוריק, ביים דערשיינען פון דעם ערשטן פּראָלעטאריש־ליטעראַרישן זשורנאל „יונג קוזניע", אויגוסט 1924, האָט מען אויף יעדן איסט־בראָדווייער גאניק, און יעדן הויכן פענצטער פון אונז געשמייכלט און גע׳חוזק׳ט. געהייסן האָט עס: אָט לצים, יונגע קינדער, פארמעסטן זיך אויף די ליטעראַרישע גיבורים פון דער אידישער ליטעראַטור. דער חוזק־שמייכל איז דעם יוסטן ליטעראַרישן באלעבעסל געווען ווי אָנגעמאָסטן. א באלעבעסל, פארוואָרצלט אין דער קאפּיטאליסטישער וועלט, צייכנט זיך קיינמאָל ניט אויס מיט קיין איבעריגס שטארקער וויזיע. בלויז ווען ער דערפילט אז אונטער אים שאָקלט זיך דער באָדן הויבט ער אָן דערשפּירן געפאר. ערשט דאן מאכט ער א ליארעם.

אין אונזער אייגענער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג האָבן מיר נאָך אלץ געזוכט אין דער פּאָעזיע פון די בירגערלעכע דיכטער דעם „אייביגן שבת־קדש", וואָס וועט אָנקומען ווען דער פּראָלעטאריאט וועט פארכאפּן די מאכט. געזוכט, ניט געפונען, און דאך האָט מען אָפּט די בירגערלעכע פּאָעטן פּראָקלאמירט שיער ניט פאר די דיכטער פונ׳ם ארבעטער קלאס. אין יענע צייטן האָבן מיר געקוקט מיט פארטרוימטע אויגן אויף די מענטשן וואָס זיינען געשטאנען „ביים ראנד פון אָנהויב". מיר האָבן דעם בירגערלעכן דיכטער געקעכלט: הארצעניו, דושעניו — גענוג צו שטיין ביים ראנד, מען קאָן נאָך גלויבן אז דו ביזט א פרעמדער. אויף די אינווייניגסטע שפּראָצן פון אונזער פּראָלעטארישער ליטעראַטור האָבן מיר זיך כמעט ניט ארומגעקוקט. ווען מיר האָבן זיך יע ארומגעקוקט איז עס געווען מיט א פאראכטונגס־שמייכל.

איצט, ווען מען קוקט צוריק אויף יענע יאָרן קאָן מען פארשטיין פארוואָס דאָס איז אזוי געווען. מיר האָבן אין אונזערע אייגענע ליטעראַרישע כחות ניט געקאָנט גלויבן, ווייל אין אונז איז דער גלויבן אין ארבעטער קלאס נאָך ניט געווען קיין קאָמוניסטיש פארפעסטיגטער. נאָך אלעמען זיינען מיר דאָך אלע געווען „קינדער פון איסט בראָדוויי". קיין אייגענע איינגעפונדעוועטע קולטור־טראדיציעס האָבן מיר ניט געהאט. אונזערע קולטורעלע אוצרות, געבאָרן אויפן אמעריקאנישן באָדן, האָט מען נאָך ביים אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט, ווי ניגער זאָגט איצט עדות, פארשריען אלס „פּאָעזיע פון פּראפּאגאנדע". דאָס פארגינט מען זיך איצט זאָגן „פּאָעזיע פון פּראָפּאגאנדע". אמאָל איז עס גאָר קיין פּאָעזיע ניט געווען... די בירגערלעכע ליטעראַטור באשיסנדיג די פּאָזיציעס פון עדעלשטאט, באָוושאָווער, ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד (פון ערשטן פּעריאָד), האָט אין אונז איינגעפלאנצט דעם יראת־הכבוד פאר זייערע אייגענע בירגערלעך־ליטעראַרישע ווערטן.

מיט א צענדליג יאָר צוריק איז נאָך די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור ניט געווען פאנאנדערגעבליט. זי האָט אויף אירע פּלייצעס שוין געהאט פארצייכנט די ערשטע געוואונענע שלאכטן. ס׳איז געווען דער פּעריאָד ווען „כ׳האָב אויף פּלויטן געשריבן מיינע לידער, פאר זיך און אזעלכע ווי איך". (פעפער). ס׳איז נאָך ניט געווען דאָס פעסט עטאבלירטע בוך. די גרויסע ליטעראַרישע שלאכטן, וועלכע האָבן אויסגעקריסטאליזירט א מארקסיסטישן בליק אויף דער ליטעראַטור זיינען ערשט געווען אין די וויקעלעך. די ווירקונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אויף אונז האָט דעריבער נאָך ניט געקאָנט זיין אזא ווי זי איז היינט.

דאָס אלץ האָט שווערער געמאכט אונזערע טריט און האָט געשטערט אונז צו פארפאנצערן זיך אין דעם גלויבן פון אונזער אייגענעם ליטעראַרישן ווערט. אונז האָט געשטערט דאָס וואָס מיר האָבן קיין וועגווייזער ניט געהאט אין אונזערע אייגענע רייען און דאָס וואָס די וועג־ווייזער פון איסט־בראדוויי זיינען פריער פון אלץ געווען פאראינטערעסירט אין דער פרעזערווירונג פון זייער אייגענעם קולטורעלן יויך. און דאָך זיינען מיר אין א צענדליג יאָר דערגאנגען צו דער מדרגה, אויף וועלכער מען קאָן שוין פון אונז ניט חוזקן. איצט זידלט מען אונז. איצט מוז מען אנערקענען אז מיר באשיסן טריומפירנדיג די פּאָזיציעס פון איסט בראדוויי.

ווי אזוי זשע האָט עס פּאסירט? זאָל עס זיין אז די „פּאָעזיע פון פּראָפּאגאנדע" האָט אן „אייביגערן האפט" ווי עס האָט די פּראָפּאגאנדע פון פּאָעזיע? דאכט זיך אז די בירגערלעכע דיכטער האָבן זיך געגרויסט מיט די „אייביגע ווערטן" פון זייער ליטעראַטור. איז אויב ניגער איז מודה, אז די בירגערלעכע ליטעראַטור ווערט דערפאָלגרייך באשאָסן פון דער פּראָלעטארישער, איז ער דאָך מיט דעם גלייכצייטיג מודה,

אז די בירגערלעכע ליטעראַטור מיט אירע „אייביגע ווערטן" איז א מיף. און אונזער קאַנאָנאַדע אין אַמעריקע איז דאָך ערשט ביים סאַמען אָנהויב... פונקט אזא מיף איז די איסט־בראָדווייער „יונגע" האָבן באַשאַפן דעם פריערדיגן דור דיכטער דערפאַר וואָס יענע האָבן בלומריש געשאַפן די „פּאָעזיע פון פּראָפּאַגאַנדע".

מיר באַהויפּטן, אז אויב עס זיינען ווען ניט איז געווען דיכטער, עכטע דיכטער מיט א ברייטן הייסן אָטעם, מיט אוניווערסאַלן פאַרנעם, מיט א קראַפט וואָס שטייגט ווייט אריבער די עפּאָכע פון איסט בראָדוויי און איר בירגערלעכער העגעמאָניע אין דער ליטעראַטור, איז עס געווען יענער פּעריאָד ווען באָווישאָווער, עדלשטאַט, ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד האָבן געשאַפן אונזער ליטעראַטור. זאָלן רעדן באָווישאָווער און — לייוויק. זאָגט באָווישאָווער אין זיין מעכטיגער פּאָעמע — „רעוואָלוציאָן":

איך קום, ווי אַ שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון
ווען עס הויבט אָן צו טאָגן.
איך קום ווי אַ בייזער געוויטער פון בליץ און
פון דונער געטראָגן.

מיר וועלן איבערלאָזן די צוויי שורות און מיר וועלן ציטירן לייוויקן. עס איז ווערט א קוק צו טאָן ווי ער האָט אָפּגעשאַצט דעם אויפקום פון די „יונגע" פון יענעם פּעריאָד. זאָגט לייוויק:

...„אָבער איך וועל אייך איבערראַשן און זאָגן, אז די יונגע זיינען פאַר מיר געווען מיט יאָרן צוריק ניט נאָר א ליטעראַרישע גרופּע נאָר א ליטעראַרישע סעקטע מיט אַ טיפן רעליגיעזן הינטערגרונט...

ווייטער:

...„מיר ווילן א שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט דערזען נאָר אין אידישן וואָרט, דאָס מיסטעריעזע פון אונזער לעבן דערזען אין אים, דעם אמת; מיר ווילן באַפרידיגן אונזער דורשט נאָך רעליגיעזיטעט, אונזער אופגעוועקטע ליידנשאַפט נאָך קונסט"...

ווייטער: לייוויק באַקלאָגט זיך אויפן ארבעטער קלאַס וואָס האָט ניט איבריג קלאָוקס, אויף קינדער וואָס רייסן די בערד ביי די טאַטעס, אויף באָיעס און מיידלעך וואָס שטייען אין די קאָרידאָרן און זינגען סאָנגס אין זידלען זיך אין דזשוּאיש:

„אין דאָ: — יינגעלייט וואָס ווילן אויף צעלאָכעס ניט לערנען קיין ענגליש, ווילן פאַר אלץ געפינען נאָר ווערטער אין אידיש, ווילן רייניגן דאָס לשון, פאַרשאָסטענען זיך אין ווינקלען, ציען אויף זיך ארויף דעם מאַנטל פון רעזיגנאַציע, קוקן מיט פאַרחלומטקייט צום גאָט פון די הימלען און בעטן: ניט פאַרשלעפּ אונז אין דער פּרעסע, ניט צווינג אונז צו פאַרקויפן אונזערע פּערזן, שטעל אונז ניט פאַר קיין נסיונות..."

(שריפטן, 1919. —אונטערגעשטראָכן פון מיר וו. א.)

זייער קוקן צו גאָט פון די הימלען און בעטן מען זאָל זיי ניט שטעלן פאַר נסיונות איז געווען ניט מער ווי אָנשטעל. זיי האָבן געוואָלט מען זאָל זיי שטעלן פאַר די נסיונות, מען זאָל ביי זיי בעטן פאַרקויפן זייערע לידער. זיי האָבן אינדער'אמת'ן זיך געוואָלט אָפּצאַמען פון דער גאַנצער ארומיגער וועלט, זיי האָבן אויף צולאכעס ניט געוואָלט לערנען קיין ענגליש...

סעקטע, רעליגיעזיטעט איינגעהילט אין שיינע פערזן, אין קונסט געפלעכט — ווער האָט עס געדאַרפט אין יענעם פּעריאָד אויב ניט דער אויפגעקומענער שיכט באַלעבאַטים, וועלכער איז ארויסגעוואָקסן פון דער אידיש־אימיגראַנטישער מאַסע ארוים? און וועמענס עובדה איז עס געווען צו האַלטן זיך אָפּגעזונדערט — אויף צעלאָכעס ניט לערנען קיין ענגליש — ניט צו דערלערנען די שפּראַך פון לאַנד, ניט צו קאָנען איר קולטור, ניט צו דערנענטערן זיך צו דעם אַמעריקאַנישן ארבעטער קלאַס. דאָס איז געווען די עובדה פון דעם הערשנדיגן קלאַס, איינגעשלאָסן דעם אויפגעקומענעם אידישן באַלעבאָס. דער אַלטער אויסגעפּרואווטער מעטאָד פון צעטייל און באַהערש האָט אויך געדאַרפט ווירקן אין אידישן לעבן. דער אַלטער היימישער פּזמון „שכור איז א גוי" ווערט פון די יונגע איבערגעניצעוועט אין א נייעם „קינסטלערישן" לשון: לערנט ניט קיין ענגליש. דווקא פאַר אלץ געפינען ווערטער אין אידיש. דאָ ווערט דער אידיש ניט א פּאָעטישער מידיום, ווי ער איז געווען ביי באָווישאָווער, עדלשטאַט און ווינטשעווסקי, דאָ ווערט עס א פּאָן הינטער וועלכער עס באַהאַלט זיך דעם קאַמף געגן דעם סאָציאַלן ליד. אינדער'אמת'ן איז דאָס ליד פון די „יונגע" אויך געווען סאָציאַל, נאָר סאָציאַל־רעאַקציאָנער, סאָציאַל־סעקטאַנטיש, סאָציאַל־רעליגיעז, ווי לייוויק זאָגט עדות. די דאָזיגע סאָציאַל־רעאַקציאָנערע ליטעראַטור, איינג און איינגהאַרציק, נאַציאָנאַל־שאָוויניסטיש איז אין עצם פונקט אזא פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור ווי די פּראָלעטאַרישע. זי האָט עס געפירט דעם קאַמף צו פאַרווישן אָט יענע קרעפטיגע, אָטעם־פאַרכאַפּנדיגע פּאָעזיע פון באָווישאָווער. פאַרגלייכט די שורות, באָווישאָווערס, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט מיט די פאָלגנדיגע שורות פון מאַני לייב:

וואַרט ניט. מיין אָרט איז ניט דאָ.
אפשר וועל איך א דערווייטערטער
אין דיין גע׳חלומ׳טער שעה
אויפגיין פאַר דיר אַ געלייטערטער. ....

גלייך ווי דער שטערן אין רוים
ערגעץ אין רוים אַ פֿאַרשוואונדענער,
פלוצלונג שיינט אויף ווי א טרוים
ציטערנדיג, העל א געצונדענער.

ביי באַוושאַווערן, דעם דיכטער פון זיין קלאַס, קומט די „רעוואָלוציאָן" ווי עס קומט דער שטאַלצער קאַמעט, ווי די זון ווען עס הויבט אָן צו טאָגן; עס קומט ווי א בייזער געוויטער פון בליץ און פון דונער געטראָגן. דאָ האָט איר די נאַטור־שילדערונג ווי א קראַפטפול אַטריבוט־בילד צו דער רעוואָלוציע. ביי מאַני־לייבן האָט איר ווידער די נאַטור, נאָר זי האָט שוין גאָר אַן אַנדער מיסיע. ערשטנס איז די פאָרם אַן איינגע, כלומרשט אין זיך איינגעשלאָסענע. איר אָטעם איז א מיסטישער און דינען דינט זי גאָר אַן אַנדער צוועק. ניט דאָ אויף דער ערד אויף דער זינדיגער איז אונזער אָרט, זאָגט אונז מאַני לייב. וואו זשע? ערגעץ אין רוים, אַזוי ווי דער שטערן אין רוים, א פאַרשוואונדענער ערגעץ, וועלן מיר אויפגיין און זיך העל אָנצינדן.

ביי אונז האָט געזונגען ווינטשעווסקי: „טויזנט־ווייז בליסטשען היינט אָונט די שטערן, צינדנדיג אויבן דעם הימל מיט פראַכט, דאָ אויף דער ערד פינקלען אויגן מיט טרערן, אויגן אין פנימער שווארץ ווי די נאַכט." אונזער נאַטור געזאַנג באַהעפט זיך אַלעמאָל מיט די נויטן און קאַמפן פון די פאָלקס־מאַסן; זייער נאַטור געזאַנג מיט די „נויטן" פון באַ־לעבעסל, וועלכער בענקט נאַטירליך נאָך דער שיינקייט פון די שטערן, בענקט זיך צו באַהעפטן ערגעץ אין רוים ווען זיין שעה וועט שלאָגן. אַן אמת'ע בירגער־לעכע אידיליע.

אזוי איז די פּאָעזיע פון ערשטן דור געווען—עכטע, אמת'ע פּאָעזיע, מיט פיל קרעפטיגערער בילדלעכקייט, מיט פיל ברייטערן פאַרנעם, מיט א פיל דויערנדיגער אידייע ווי עס איז געווען די פּאָעזיע פון די איסט־בראָדווייער „יונגע" מיט זייער שמאָלן, בירגערלעכן בליק אויף דער וועלט, מיט זייערע סעקטע־געפילן און זייער רעליגיעזיטעט אידעאָלאָגיע.

* * *

איצט אַז מיר זיינען ווידער דאָ אויפ'ן פעגאַס, אַז מיר זיינען צוריקגעקומען פאַרפּאַנצערטע, האָפער־דיגע און טריומפירן איבער דער „ריינער פּאָעזיע" פון די יונגע, אַז מיר באַשיסן די יונגע אויף דערזעלביגער פראָנט־ליניע אויף וועלכער די איסט־בראָדווייער האָבן באַשאָסן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור פון ערשטן פעריאָד אין אַמעריקע—איצט, קאָנען מיר זאָגן, הויבט אָן אונזער ארבעט טראָגן פרוכט. ביי באָלשעוויקעס איז דערפּאָלגרייך באַשיסן די פּאָזיציעס פון שונא, באַזינגען אים, איינע פון די פאָרבאַדינגונגען פאַר דער־פּאָלגרייכן בויען זייער אייגן לעבן. אין ליטעראַטור איז עס ניט אַנדערש. געווען א צייט ווען מען האָט אונז געצוואונגען זיין אויף דער דעפענסיווע. יענער פעריאָד איז אוועק. מיר זיינען אריבער אין אָנגריף. א שאָד בלויז וואָס מיר באַשיסן אַזוי ווינציג דעם שונא'ס פּאָזיציעס. אָבער דאָס שיסן אונזערס גייט שוין איצט ניט בלויז אין דער ריכטונג פון פּאָלעמיק, אין דער ריכטונג פון קאַמף דורך ליטעראַרישע ארטיק־לען, נאָר דורך שעפערישע ארבעטן. עס איז דאָס ליד, עס איז די דערציילונג און דער פּאַרזוך אויף ברייטערע לייוונטן, וואָס פאַרפעסטיגט אונזערע פּאָזיציעס.

ווען אונזער געזאַנג האָט זיך אָנגעהויבן אין פעריאָד פון „יונג־קוזניע", האָבן מיר די וועלט פונ'ם שונא געזען, לאָמיר זאָגן, דורך די אויגן פון א. פּרינץ אזוי: „אויף גאָלדענער קאַרעטע, נאַ שפּיץ, ריזיג־קיילעכיק: א בויך". אין אונזער לאַגער „איז שאַרף און וויים און בלאַנק דאָס געזאַנג... און יעדעס וואָרט, א שאַרפע פייל וועט פאַלן אין האַרץ פון דער וועלט. און יעדער קלאַנג — א פלאַמען ליד — ווייל געזאַנג אונזערס וועט זיין דאָס געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל". אָדער דורך פּענצטעטער'ס „שאַפּ־עכאָס", אָדער דורך פּאָ־מעראַנצ'ס „ניאַגאַראַ"! שאַרפע אימפּרעסיעס אַלע, וואָס האָבן געזוכט א וועג צו פּראָלעטאַרישער קלאָר־קייט. היינט זינגען מיר שוין מיט נאַדיר־שפּראַך:

איך קלאַפּ אין פּויק, איך האַלט אין טאַקט
און טריט שריט איך צום ברויז,
עס טאַנצן שטערן אויף מיין דאַך
און קללות טאַנץ איך אויס.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווי פול עס איז מיין ליד מיט שרויט,
מיט בלומען און מיט בליי!
איך בין דער פויקער פון דער נויט,
דער זינגער פון דער פריי.

אָט איז ער אונזער געזאַנג אין משה נאַדירס פערזן פון זיינע לידער אין „האַמער", נאָוועמ־בער, 1934. משה נאַדיר איז ניט בלויז דער פויקער. עס איז וואוילבאַקאַנט אַז נאַדיר קאָן שפּילן שטיל און דין און צאַרט, אויף פידל און אויף פּלייט. נאָר איצט, אינמיטן הייסע שלאַכטן, זאָגט נאַדיר:

— דערווײַלע אָבער: זעץ מיין פּויק!
און שיט מיט שרויט און פלאַם!
און ציל מיט בליי אין פּינטל־אויג
פון יעדן כוליגאַן. —
פון יעדן, הערסט? קיין חילוק ניט
צי מענטש פון „עטיקעט",

צי גענגסטער פונים אלטן שניט,
צי מאָדישער פּאָעט . . .

הײנט מער ווי אַלעמאָל איז נאַדיר דורכגעזאַפּט מיט דער אחריות פאַר דער פּאַרטיי פון ארבעטער קלאַס. הײנט פילט ער אַז ווערן א האַנט־גראַנאַט, וואָס יעדער קלאַסנקעמפּער מעג זיך ווילן דערדינען. און ער רופט אויס:

אָ וואַרף מיך, וואַרף מיך, ברודער־האַנט,
דו האַנט פון מײן פּאַרטײ,
וואַרף מיך אויף דער דראָט־וואַנט, ...
וואָס שטערט דעם וועג צו פרײ!

מען וועט זאָגן: נאַדיר איז ניט קיין מאָס פאַר דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע. ער איז דאָך פונם אלטן דור... דאָס איז פאַלש. נאַדיר און ראַבאַי און גאָר־קי — זײ אַלע זײנען אונזערע. פון זײערע קוואַלן שעפּן מיר. משה נאַדיר איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז הײנט א דאַנק אונזער פּאַרטײ, א דאַנק דערזעל־ביגער פּאַרטײ וועלכע פירט און פורעמט די פּראָלע־טאַרישע ליטעראַטור אין אמעריקע. אויב מען קאָן ערגעץ וואו אָנווענדן אויסזעצונגען איז עס אין דער ריכטונג פון אונזערע אינגערע חברים וואָס האָבן כמעט זיך ניט פאַרטראַכט איבער דער פּאָעטישער קראַפט פון א משה נאַדיר, איבער דער שילדערונגס־קראַפט פון א. ראַבאַי, האָבן זײ ניט דערלערנט און האָבן ניט געזוכט צו אַסימילירן אין זיך זײערע אוצרות.

ערגעץ וואו האָבן שוין אונזערע אינגערע דיכ־טער אָנגעהויבן אײנזאַפּן אין זיך יענע אוצרות וואָס אַזעלכע ווי משה נאַדיר, א. ראַבאַי, בערגעלסאָן, כאַריק, פעפער און די גאַנצע אידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָט נעבראַכט אין דער ליטעראַטור. אָט איז אונזער שרה באַרקאַן. איז אָפּט אין אירע לידער פאַראַן אַזא בילד, אַזא שטיל־אויפּברויזנדיגער ריטם וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זי דערציילט למשל אין „מײן קונקי איז ברוינעז" (א נעגער ווינג־ליד) ווי אַזוי א מאַמע לאָזט איבער איר קינד אַליין אין הויז צוליב דעם וואָס זי מוז גײן אויפן פעלד קלײבן באַוול. דאָס קינד ווערט „ברונז", די מאַמע קומט צוריק און זינגט אים א לידל:

אויף דײנע ברוינע בעקלעך,
ליגן בלויע טרערן,
זינג איך דיר א לידל
ווילסטו מיר ניט הערן.

האָט די מאַמע אָנגעקלײבן דרײסיג זעק מיט באַוול האָט דאָס קינד געמוזט בלײבן אַליין אין הויז. און מאָרגן, זינגט זי אים, וועט זײן דאָס זעלביגע. „וועסט אויך מאָרגן בלײבן אײן אַליין אין שטיבל"...

דרעמלט אײן מײן שוועלבל,
ליגט ער שטילערהײט,
זינג איך אים א לידל
פון א שיף מיט ברויט.

עס איז צער וואָס וועקט פּראָטעסט, דאָס זײנען טרערן וואָס רופן צו רעוואָלט געגן דער סיסטעם וואָס איז געבויט אויף אַזא שקלאַפערײ. דאָס איז געזאַנג דורך טרערן, וואָס רופן ניט ארויס קײן יאוש, נאָר פאַרדראָס, כעס, פּאַראַכטונג. פאַרגלײכט עס, למשל, מיט א. מ. דילאָנס שורות:

אויסגעצויגן ליג איך אויף דער ערד א טויטער
מיר צוקאָפּנס שטײען ליכט און ברענען...
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
...די נאַכט זי שטײט און פאַרבט אין שוואַרץ
די פענצטער
דער שרעק איז ווי א שלאַנג, ער ציט זיך אויס
אריבער מיר.

פאַרגלײכט דילאָנס געוויין, זײן מיסטיציזם, זײן שרעק פאַר'ן לעבן און זײן ריטם און איר וועט געפינען זײער אן אינטערעסאַנטן שטריך. די „פּראָפּאַגאַנדע פון פּאָעזיע", ווי הער ניגער רופט עס, איז אין דער אמת'ן א פּראָפּאַגאַנדע פאַר רעזיגנאַציע, פאַר טויטנ־ליכט, פאַר'ן טויט אַליין. די שורות פון אונזער שרה באַרקאַן זײנען אין ריטם דאַכט זיך שטילע, צאַרטע, נאָר זײ שלאָגן טיף אין הארצן אריין. דאָס בילד איז פשטות אַליין. און עס לאָזט זיך אויס אַז דאָ ביי איר, ביי אונזער פּראָלעטאַרישער דיכטערין, איז אײנגע־וואָרצלט די פּראָפּאַגאַנדע פון פּאָעזיע, ווען מיר ווילן אָננעמען הער ניגערס טערמין.

ציען מיר ווײטער דעם פאָדים באַקומט זיך ביי חיים קראָל, אײנעם פון די בעסטע לירי̇קער פון דער איסט־בראָדווײער עפּאָכע, אַזא מין געוויין:

ס'האָט ווער די מיר פון מײן לעבן פאַרשלאָסן
און מיר דעם שליסל ניט איבערגעגעבן.
דרײ איך זיך ארום פאַרווירט
און געפין ניט דעם צוגאַנג צו מײן אײגן לעבן.

כאַפּן מיר אָן אונזער חבר מאַרטין בירנבוים, ווילן זיך דערוויסן וואָס איז זײן ווײטאָג, וואָס איז זײן צער, וואָס איז זײן באַציאונג צום לעבן און מיר געפינען אין זײן שאַפּ־ליד „שים" אַזעלכע פערזן:

דאַכט זיך פעלצן, טויטע חיות,
אָבער, ברודער סיאַראַ ציין,
יעדן צאַקן אין דעם לעדער,
קען א ביס טאָן ביזין ביין.

יעדער צאַקן אין דעם לעדער
לאָזט א שראַם אויף דעם געמיט.
עך, אפרייטער, ברודער מיינער,
ווייסטאָך ווי עס בריט!

ביין ערשטן — קליינבירגערלעכע האָפנונגסלאָזי־קייט, דער געוויין פון דעם קליינבירגערטום איבער דעם וואָס ער האָט פארלאָרן דעם שליסל צו זיין לעבן. זיין וועלט גייט אונטער — ער ווערט צעקוועטשט צווישן די ריזיגע ווענט פון די קלאַסן. קיין אייגע־נעם ווילן האָט ער ניט. בלייבט ביי אים ווידער — אונטערגאַנג, רעזיגנאַציע, האָפנונגסלאָזיקייט. אין דער שורה, אין דעם ריטם איז דער איכה־טאָן פון איינעם וואָס מאַכט אפילו ניט דעם אָנשטעל אז ער שטייט „ביים ראַנד פון אָנהויב". ער ווייסט אז ער שטייט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, ווי איינער וואָס פויזעט אויפ'ן בויך ווי א קראַנקע פליג.

ביי אונזער מארטין בירנבוים שטייט ניט די פּראָבלעם פון לעבן. דאָס איז ביי אים אזוי נאַטירלעך ווי עס איז נאַטירלעך דאָס לעבן פון זיין אויפגייענ־דיגן קלאַס. דעריבער שלאָגט פון אים מיט דער קראַפט פון פּראָטעסט אין אזעלכע פּשוטע שורות פון א שאָפּ־ליד, ווי די, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס ציטירט. דאָ איז שוין דער ריטם, כאָטש פול מיט ווייטאָג, א צאָרנדי־גער, א קעמפערישער א פּראָטעסטירנדיגער. טויטע חיות, פעלצן, האָבן דאָך אויך שאַרפע ציין, וואָס לאָזן איבער טיפע שראַמען אויפ'ן געמיט. נאָר פארצווייפלט ווערן פון דעם צער? ניין! — ניט קיין קעמפער פּאָעט. זיין וועלט גייט ניט אונטער, פאַרקערט עס גייט אין פלאַקער פון שלאַכטן איבער דער גאַנצער וועלט. באַקומט זיך ביי אים פּונקט דער היפּוך פון דעם וואָס ביי חיים קרול. ער רופט שטאָלץ און הילכיג מאַכן אַ סוף צו אַזאַ וועלט, וואו „באַום און גרין", די באַלעבאַטים פון שאַפּ, זיינען די הערשער.

ווידעראמאָל: צוויי דיכטער — צוויי קלאַסן!

א שאָד בלויז וואָס דער פּלאַץ דערלויבט אונז ניט צו ברייגנען אויסצוגן פון א גאַנצער פּלעיאדע קרעפטיגע דיכטער אונזערע, ווי אהרן קורץ, מ. א. סול, ל. פיינבערג, מלכה לי, פרינץ, ראָנטש, שיפּרים, דינסקי — און ווער קאָן זיי דאָ אלע אויסרעכענען! מיר וואָלטן מיט זיי באַשטעטיגט ניט בלויז דאָס וואָס מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, נאָר אויך דאָס וואָס ביי אונז זינגט מען מיט'ן פולן הארצן, ווי עס קאָנען זינגען נאָר עכטע, אמת'ע פּאָעטן.

די פּאָזיציעס אין אונזער פּאָעזיע איז אונז ניט גרינג אָנגעקומען און די פּאָזיציעס אין דער בעלעט־ריסטיק זיינען אונז אנגעקומען נאָך שווערער. מען קאָן נאָך ביי אונז וועגן ברייטע, טיפע לייוונטן ניט ריידן. פאַרזוכן זיינען שוין געמאַכט געוואָרן. כּאַווער־פּאַווערס „בראַנזוויל", חבר יורמאַנס „בומצע רעזניק", חבר בלעכמאַנס „וואָטערטאַון" און א גאַנצע ריי אַנדערע. נאָר ווען מיר ריידן וועגן בעלעטריסטיק מוזן מיר אויף די אלע פּרוואוון קוקן ווי אויף אָן אָנהויב. איז כאָטש מיר זיינען מודה אַז אין דעם פּרט איז אונזער וועג געווען א שווערערער ווי אין דער דיכטונג, איז אָבער דאָך — ווען מיר וואָלטן געהאַט ווער עס זאָל זיך צוקוקן, ווער עס זאָל צונויפזאַמלען, ווער עס זאָל ארויסהויבן צום פאָדערגרונט דאָס וואָס מען האָט שוין ביי אונז געשאַפן, וואָלטן מיר דערזען אז עס זיינען דאָ אויך פאַראַן די ערשטע געזונטע שריט.

פאַראַן ביי אונז אַ שרייבער מיטן נאָמען י. באָ־רענשטיין. זיינע דערציילונגען „קריסטאָפער פּ. אדאמס" און „טשאַרלי האָפּקינס" געדרוקט אין „האמער" און זיין דערציילונג „ווי דו אָור פּאַרט", געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט", וואָלטן אין דער בירגערלעכער וועלט, ווען זיי זיינען אויף בירגערלעכע טעמעס און שטייגער, אויפגענומען געווארן ווי א גרויסער קינסט־לערישער געווינס, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זיי זיינען ניט קיין שילדערונגען פון דעם אידישן לעבן. פאַראַן אין זיי פאַבולע, שילדערונג, און די העלדן, וואָס יעדער באַזונדער שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן. דאָ איז שוין פאַראַן אייגנאַרט אין שרייבן.

פאַראַן ביי אונז חבר בלעכמאַן. זיין „וואָטער־טאַון" איז אַן ארבעט, וואָס פאַרדינט א סך אויפמער־זאַמקייט. פאַר מיר שטייען אזוי ווי לעבעדיגע די העלדן פון ח' בלעכמאַנס דערציילונגען „איבערציינגט" — אייגנטלאָך דער אָנהויב פון א גרעסערע ארבעט. דאָרט איז פאַראַן קאַרסאָן, דער דיכטער, וואָס חנדלט זיך אינם זון־אונטערגאַנג—פאַר 5 דאָלער א שורה. דאָרט איז פאַראַן דער זעלבסטצופרידענער באַלעבאָס; דאָרט איז פאַראַן דער יונגער שיק־אינגל אין דער פאַבריק, דאָרט איז דאָ דאָס מיידל פון פּויליש אימיגראַנטישע עלטערן וואָס הויבט זיך אָן דערנענטערן צום קאָמו־ניזם. דאָרט איז פאַראַן די סביבה פון „וואָטער־טאַון". שוין אין די סאַמע ערשטע שטריכן אין דער דערציילונג. איז עס אונזער שולד, צו דער פרייד אפשר פון דער בירגערלעכער וועלט, וואָס מ. בלעכ־מאַן האָט שוין א פּאָר יאָר ניט גענומען די פעדער אין האַנט אויף זיינע בעלעטריסטישע ארבעטן.

לעבט צווישן אונז און ווירקט מיט זיין פעדער חבר לעאָן יורמאַן. עס וואָלט זיך געוואָלט שרייבן וועגן אים און וועגן אלע אנדערע באַזונדער. נאָר דאָ קאָנען מיר בלויז דערמאָנען זיין קרעפטיגע דערציילונג

„געקראָגן א דזשאָב", איבערגעדרוקט פון דער „מאָרגן־פרייהייט", אין רעוואָלוציאָנערן דעקלאַמאַטאָר, ארויסגעגעבן פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן. עס איז א קורצע דערציילונג. נאָר טאַקע אין איר קורצקייט האָט יורמאַן געגעבן אַן ארבעטער־פּראָבלעם אין איינציגע שטריכן; געגעבן מיט אַלע קנייטשעלעך אין דער פאַרוויקלטער פּסיכיק פון אַן ארבעטסלאָזן, וועלכער האָט נאָך לאַנגן זוכן געקראָגן ארבעט. דער דאָזיגער ארבעטסלאָזער לאָזט זיך אינדערפרי גיין אויף זיין נייעם דזשאָב; דאָס ווייבל זיינע פאַרזאָגט אים, ער זאָל זיך ניט אָנשטרענגען. דער דאָקטאָר האָט אזוי אָנגעזאָגט: עס קאָן זיך שלעכט אָפּרופן אויף זיינע אָנגעגריפּענע לונגען. גייט ער צו דער ארבעט און דערזעט אין פאַרטאָג ווי מען שטעלט ארויס א פאַמיליע אין גאַס. ער קוקט און ווייס ניט — גיין צום דזשאָב, אָדער? — ניט לאַנג טראַכט ער. ער יאָגט זיך און יאָגט זיך איבער גאַסן, שנעל, האַסטיג, עס פעלט אים אָטעם — ער לויפט. אָט זיינען די שטיגן פון הויז פון ארבעטסלאָזן קאָונסיל. ער פילט — מען באַמערקט. ער לאָזט וויסן דעם ארבעטסלאָזן קאָונסיל: מען שטעלט ארויס א פאַמיליע! ער בלייבט ליגן אויף די טרעפּ. ער פילט ווי מען טראָגט אים ארויף... ארויף איבער די טרעפּ אין ארבעטסלאָזן קאָונסיל אריין.

נאָר חבר יורמאַן האָט, זוכנדיג א פורעם פאַר זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, באַוואוסטזיניג אָנגענומען א „געהיימניספולן סטיל", וואָס קליידט ניט צום פּנים קיין שום פּראָלעטאַרישן שרייבער. עס דערמאָנען זיך זיינע שילדערונגען פון „א הויז אויף פערצנטער גאַס". דינע, דעטאַליזירטע שטריכן, לעבעדיגע מענטשן, קורצע געפּאַקטע בילדער פאַרבונדן בלויז דורכ'ן צופאַל, וואָס זיי וואוינען אין איין הויז, בלייבן דאָך פאַר'ן לייענער איינגעהילט אין א קוים דורכזיכטבאַרן שלייער, וואָס עס ווילט זיך שוין לאַנג א ריס טאָן; עס זאָל פון דעם קיין זכר ניט בלייבן. אויך אין זיינע בעסערע דערציילונגען איז פאַראַן אָט דער שווערער שלייער און מאָדנער סטיל.

ווען מיר ווענדן די אויגן אויף באָווער־פּאַווער, קוקן מיר דורך און זוכן זיינע פּיזע ביכער, דערציילונגען, ראָמאַנען, און מיר צעעפענען דאָס מויל אין פאַרוואונדערונג: אַט דאָס אַליין איז דאָך ביי אונז געשאַפן געוואָרן. ניט אַלעמאָל איז דער לייוונט טיף נענוג, ווי ביי די „קינדער פון טייערי סט." (אגב א פיינע קינסטלערישע דערציילונג). ניט אַלעמאָל איז זי אידעאיש אויף א באַרידן פונדאַמענט. נאָר פון זיין שרייבן שלאָגט מיט אזוי פיל פשוטער עכטקייט, מיט אזא ערלעכן צוגאַנג, אז ער ריפט ביי אייך אַלעמאָל ארויס פאַרוואונדערונג. אַט דערמאָן איך זיך זיינע א קליינע דערציילונג. א קינד, זיין נאָמען איז הערי. ער קומט פון סקול און לאָזט זיך גיין אין דער ארבעטער־שול. די מאַמע האָט אים געגעבן א ניקל. לייגט ער דעם ניקל אין דער קעשינקע פון זיין העמדל און לאָזט זיך לויפן איבער די גאַסן צו דער שולע. לויפט הערי, דער ניקל אין קעשענע, און מיט אים לויפן גאַסן, מויערן, טרעפּ — די גאַנצע וועלט לויפט מיט אים. איר גראָבט זיך אריין טיפער מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און אָט וואַקסט פאַר אייך אויס א העלד, א קעמפער — הערי סימס, וועלכער פאַלט שפּעטער אין שלאַכט אויף די פעלדער פון קענטאַקי. עס איז א זעלטענע, קורצע שילדערונג, וואָס פּאַווער האָט מיט זיין פּאָעטישן אָטעם דערהויבן צו א פיינער קינסטלערישער ווערק. ביי פּאַווערן שלאָגט איבערהויפּט דער פּאָעטישער פּולס זייער געזונט. אָפט הויבט אים דער פּאָעטישער אָטעם אריבער איבער א מאַסע שוועריקייטן, וואָס אַן אַנדער שרייבער וואָלט ניט געקאָנט בייקומען. פּאַווער קומט זיי ביי מיט זיין פיינקייט און זיין עכטקייט.

דאָ האָבן מיר דורך א שפּאַרונקעלע א בליק געטאָן אויף בלויז איינינע פון אונזערע בעלעטריסטן. פאַראַן דאָך ביי אונז נאָך אַנדערע, ווי ראַבאַי, וועלכער האָט זינט ער איז געקומען צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אונז געגעבן אזא מאָנומענטאַל ווערק ווי „די מעשה מיט ניין ברידער". זיינען דאָך ביי אונז פאַראַן טשערנער, לייבל סאָברין, י. ב. ביילין, מ. אָלגין, כאַנוקאָוו, א. ראַפּאַפּאָרט, דאַווידזאָן, דוד קעשיר, און נאָך, וועלכע מיר קאָנען צוליב מאַנגל אין פּלאַץ ניט איינשליסן אין אונזער איבערזיכט. ס'וואָלט זיך נאָך וועלן רעדן וועגן אונזער יאָסל קאָטלער, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַן איינגאַרטיגע פּאָזיציע אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. נאָר דווקא צוליב זיין איינגאַרטיגן סטיל, זיין הומאָר און סאַטירע, דאַרף וועגן אים זיין א רייד איננאַנצן באַזונדער.*)

וואָס דערציילן אונז די אַלע שרייבער, וואָס דערציילן זייערע ווערק, וואָס דערציילן זייערע העלדן און זייער סביבה? זיי דערציילן איינס: די פּראָלעטאַרישע אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע גייט פאָרויס. שווער איז איר וועג. זי האָט נאָך ניט קיין גרויסע דערגרייכונגען. אָבער דאָך: שוין היינט שטייט זי אויף אירע אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס, שוין היינט הויבן זיך אָן ווייזן סימנים פון אויסלייטערונג, פון פאַרטיפונג. עס באַווייזט אז ניגער איז גערעכט: מיר טריומפירן, מיר באַשיסן דערפאָלגרייך די איסט־בראָדווייער פּאָזיציעס.

צייטן בייטן זיך, מיט זיי די קלאַסן און מיט זיי

---

*) דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין אָקטאָבער 1934. זינט דאַן האָבן מיר פון אונזערע רייען פאַרלאָרן אונזער יאָסל קאָטלער.

אויך די פּאָעטן און בעלעטריסטן. געווען א צייט ווען ניגערס ווערטער וועגן פּאָעזיע און פּראָפּאַגאַנדע וואָלטן נאָך געקאָנט באַטראַכט ווערן אַלס פּיל-ווינציג אמת. היינט אבער זיינען זיי ניט מער ווי א טרייסט פאר די וואָס זיינען געבאָרן אין דער אלטער וועלט און אירע בלייבן זיי ביז צום סוף.

זאָלן זיי בלייבן און זאָלן זיי זיך טרייסטן. מענטשן וואָס האַלטן אין איין וויינען מעגן זוכן א טרייסט. מיר אָבער, זיינען דאָך זינגער, זינגער פון א נייעם קלאַס. אויף אזעלכע זינגער מעג מען איינשטעלן, מען מעג גלויבן—יע מען מעג טרייבן פּאַראויס דעם גוטן אָנהויב פון אונזער אידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וואָס מיר פאַרמאָגן שוין אין אמעריקע. מיר האָבן אונזערע ליטעראַרישע פּאָזיציעס אויסגעקעמפט, מיר וועלן מוזן אויסקעמפן אויך אונזער ליטעראַרישע העגעמאָניע.

* * *

ווידער צוגעקומען צו אונז דער טאַלאַנטפולער בעלעטריסט פייסעך מארקוס, א מענטש וואָס האָט א טרעפלעכע פעדער, וואָס איז פּסיכאָלאָגיש אָפּט פאַרטיפט און האָט אין זיינע דערציילונגען אויסגעקריצט א ריי געשטאַלטן און סילועטן פון אונזער אידישן און אלגעמיינעם לעבן אין אמעריקע.

אונזער מעינקע קאַץ, א דיכטער מיט א נאָך אלץ ווילדער קראַפט, גריבלט זיך ערגעץ צו די טיפעניש פון דער מענשלעכער נשמה. ער איז א דיכטער וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן אָן א ציל איבער די ניו-יאָרקער הינטער-הויפן, האָט דאָרט אויסגעגראָבן אלע קרעץ און מיסטישע ווינד-און-ווייען פון א פוילער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. געווען א געפאַר ער זאָל פאַרלאָרן גיין אין יענער וועלט זיינער. נאָר אָט האָט ער זיך א ריס געטאָן פּאַרויס צו דער זון, צו זיין קלאַס און האָט אונז דערלאַנגט דאָס צווייטע בוך „דער מענטש אין טאָגן". איצט האָט ער שוין אָפּגעדרוקט פּראַכטפולע קאַפּיטלען פון זיינס א ניי ווערק, וואָס שילדערט זיין שטעטל אין ליטע, בעת די פלאַמען פון דער וועלט-מלחמה. מעינקע קאַץ איז אין אונזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אַן אמת'ער אוצר, כאָטש נאָך אלץ אביסל ווילד און אומגעהובלט.

מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם פון דאָס ניי צוגעקומענעם ארן ראַפּאַפּאָרט, א דיכטער מיט א שטילן לירישן אונטערטאָן, וואָס פאַרוויגט אייך אָפּט אין טרוימען ניט בלויז אין זיינע לידער נאָר אויך אין זיינע דערציילונגען. ארן ראַפּאַפּאָרט איז פון יענעם מין שרייבער, וואָס בלייבן פּאָעטן אפילו אין זייער פּראָזע. זיין בוך „מייסע-שאַפּ" איז נאָך דורכגעזאַפּט מיט דעם מין ליריק וואָס האָט א מיסטישן און א סימבאָליסטישן הויך. דער דאָזיגער הויך, וואָס ליגט נאָך אין גרונט פון זיין שאַפן פארשטעלט נאָך פון אים די רעאלע וועלט פונם שאַפּ, פונם מענטשן און פון רעאליסטישן קלאַסן-צוגאַנג צו דער ליטעראַטור.

איבער אלץ מוזן מיר פאַרצייכענען דאָס אומקערן זיך פון סאָוועטן-פאַרבאַנד פון אונזער יונגן מאַרקסיסטישן קריטיקער און דיכטער אלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ. גלייכצייטיג מיט אים איז אָנגעקומען זיין בוך „פּראָלעטפּען", וואָס עס האָט ארויסגעגעבן דער קיעווער אינסטיטוט פאַר אידישער פּראָלעטאַרישער קולטור („עטיודן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פונם קאַמף פאַר א פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אמעריקע"). פונם בוך „פּראָלעטפּען" דערזעען מיר אונזער אָפּגעגאַנגענעם מהלך. מיר האָבן שוין אויף וואָס זיך צו באַרופן און אין אונזער סכום פון אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס פאַרנעמט חבר פּאָמעראַנץ און זיין ארבעט איינעם פון די ערשטע ערטער.

אין אונזער ליטעראַטור באַמערקט איר א מערקווירדיגן אויפשטייג. עס זיינען צוגעקומען צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אזעלכע שרייבער ווי צבי הירשקאָן, ברוך גלאַזמאַן, פּסך מאַרקוס. זינט דאַן האָט זיך צו אונז דערנענטערט אזא באַגאַבטער דיכטער און קריטיקער ווי א. טאַבאַטשניק, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק אָפּגעדרוקט א באַנד לידער „אין שייד"; עליעזר גרינבערג, א באַגאַבטער דיכטער און עסייאיסט איז צוגעטראָטן נעענטער צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

דאָ דאַרף מען אויך פאַרצייכענען דעם פאַקט, וואָס דער „סיגנאַל", אָרגאַן פון פּראָלעטפּען, גייט איצט ארויס מער רעגולמעסיג ווי ווען ניט איז פריער, וואָס אין דער „מאָרגן פרייהייט" האָבן מיר איצט יעדן זונטאָג א שטענדיגע זייט פאַר ליטעראַטור. אין דעם זשורנאַל „ניי-לעבן" ארויסגעגעבן פון איקאָר ווייזן זיך אָפּט אונזערע פּראָלעטאַרישע און מיטלויפערישע דיכטער און בעלעטריסטן. אזוי אויך אין „פּראָלעטאַרישע דערציאונג" ארויסגעגעבן פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן.

דאַרפן מיר נאָך פאַרצייכענען, אז די חברים דאַווידזאָן, מעינקע קאַץ, א. קוריץ, מ. א. סול, ארן ראַפּאַפּאָרט, ל. דינסקי, בצלאל פרידמאַן, מ. א. באָרענשטיין, י. א. ראָנטש האָבן זינט דער ארטיקל איז געשריבן געוואָרן ארויסגעגעבן זייערע ביכער.

מען וואָלט נאָך געדאַרפט אנווייזן אויף א גאַנצע ריי ליטעראַרישע ארויסטרעטונגען סיי פון דער בירגערליכער וועלט, סיי פון דער פּראָלעטאַרישער און אויף דעם פאָרשריט פון פאַראייניגטע ארויסטריטן. נאָר די אלע זאַכן וואָלטן באַשטעטיגט דאָס וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט אין אונזער ארטיקל און סיי ווי האָבן מיר ניט קיין מעגלעכקייט צוצוגעבן קיין מאַטעריאַל צוליב דעם באַגרעניצטן פּלאַץ.



דער אידישער מלוכה טעאַטער אין בירא-בידזשאַן

ר. יוקלסאָן

פאלעסטינע — די „נאַציאָנאַלע היים"

אין דער לעצטער צייט,*) איבערהויפט זינט בירא־בידזשאן איז פון דער סאָוועטן־רעגירונג פראָקלאמירט געווארן אלס א אידישע אויטאָנאָמע געגנט און איז צוליב דעם ארויסגערוקט געוואָרן צום פאָדערגרונט פון דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט, האָבן די ציוניסטן אָנגעהויבן שטארקער צו טומלען ארום דער „נאַציאָנאלער היים". אין דער אידישער בירגערליכער פרעסע האָט זיך באוויזן א פראַזע, וואָס ווערט לעצטנס אָפט איבערגע'חזר'ט, אז „בירא־בידזשאן איז ניט קיין קאָנקורענץ צו דער נאַציאָנאלער היים אין פאלעסטינע". מיט דעם האָט מען דער עיקר געצילט אָפּצושוואַכן דעם גרויסן אינטערעס, וואָס בירא־בידזשאן האָט ארויסגערופן צווישן די ברייטע אידישע מאַסן — ארבעטער, האָרעפאשניקעס און אינטעליגענץ.

מיט אָט דער פראזע האָט מען געמיינט צו זאָגן, אז בירא־בידזשאן קען ניט זיין קיין קאָנקורענץ צו פאלעסטינע — צו דער „נאַציאָנאלער היים". די לעצטע — אזוי זאָל עס מסתמא מיינען — גיט אַ בעסערן און קרעפטיגערן ענטפער אויף דער „אידן־פראגע" און שטעלט מיט זיך פאָר א קאָנקרעטע לייזונג פון די פראָבלעמען און נויטן פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָס בירא־בידזשאן איז עס ניט בכח צו באַווייזן.

און אפשר האָב איך דאָ צו ברייט אויסגעטייטשט יענע פראַזע. אפשר האָבן די פאַרפאַסער און פארשפרייטער פון דעם פזמון, אז „בירא־בידזשאן איז ניט קיין קאָנקורענץ צו דער „נאַציאָנאלער היים", גארניט געמיינט צו זאָגן, אז פאלעסטינע איז דער ענטפער אויף דער „אידן־פראגע" איבער דער גאנצער וועלט, נאָר זיי האָבן גאָר געמיינט צו זאָגן, אז די „נאַציאָנאלע היים" איז א היים (היימלאנד) בלויז פאר יענע אידישע מאסן, וועלכע האָבן זיך דארטן באזעצט.

וואָלט כאָטש דאָס געווען אמת, וואָלט עס שוין אויך ניט געווען אזוי שלעכט; אין אזא פאל, וואָלט פונדעסטוועגן געווען א זכות פאר דער נאַציאָנאלער היים. עס וואָלט געמיינט, אז כאָטש ס'איז אמת, אז פאלעסטינע קען ניט ענטפערן אויף די פראָבלעמען און נויטן פון די אידישע מאַסן איבער דער וועלט, פאַרענטפערט זי אבער די פראָבלעמען און נויטן פון יענעם טייל אידן, וואָס באזעצן זיך אין דער „נאַציאָנאלער היים". אָבער כדי צו קענען געבן אזא ענטפער דאַרף א נאַציאָנאלע היים (דאָס לאנד פון א באשטימטער נאַציאָנאליטעט) גאראנטירן פאר איר באפעלקערונג פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, עקאָנאָמישע פעסטקייט און נאַציאָנאלע זיכערקייט. אנו, לאָמיר זען צי די „נאַציאָנאלע היים" און פאלעסטינע טראָגט מיט זיך אָט־די גאראנטיעס פאר די אידישע מאסן, וועלכע זיינען אהין אין די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר אריבערגעפארן. וועלן מיר דאס פעסטשטעלן, וועלן מיר דערמאָלט קענען קומען צום באשלוס, וואָס פאר א סאָרט „נאַציאָנאלע היים" פאלעסטינע איז פאר די אידן, און צי איז בירא־בידזשאן א קאָנקורענץ צו דער נאַציאָנאלער היים, אדער ניט?

פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט

וואָס הערט זיך וועגן דער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט פון דער „נאַציאָנאלער היים"?

ערשטנס דאַרף מען געדענקען, אז די גרויסע איבערוועגנדיגע מערהייט אין לאנד זיינען ניט די אידן, נאָר די אראַבער, שוין אננעמענדיג אפילו די ציפערן פון די פארשיידענע ציוניסטישע און פּראָ־ציוניסטישע קוואלן, אז אין פאלעסטינע געפינען זיך איצט, ביים סוף 1934, עטוואָס העכער דריי הונדערט טויזנט אידן. עס געפינט זיך דארט אבער ניט ווייניגער ווי א מיליאָן אראַבער. אידן שטעלן מיט זיך דעריבער פאָר ניט מער ווי ארום 22 פּראָצענט פון דער גאנצער באַפעלקערונג פון לאנד.

פון דעם דאָזיגן שטאנדפּונקט קען דעריבער ניט זיין קיין פראגע וועגן פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט פון די אידן אין פאלעסטינע. דערווייל קען מען נאָך אפילו ניט ריידן וועגן א פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיגער פאלעסטינע בכלל — אפילו פאר די אראבישע

---

*) דער דאָזיקער ארטיקל איז געשריבן געוואָרן אָנהויב 1935, אזוי אַז בנוגע אייניקע ציפערן און מאָמענטן, וואָס ווערן דאָ אָנגערירט, זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען. אָבער די גרונט־געדאַנקען פון דעם אַרטיקל זיינען אין עצם דערפון ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. צוליב טעכנישע אורזאכן איז שוין ניט מעגלעך אריינצוברייגען די נויטיקע אויסבעסערונגען.

מאסן, וועלכע האבן נאך ניט געענדערט זייער שטע־לונג צום ציוניזם און האלטן נאך אן זייער טענה, אז דער ציוניזם איז אן „אומגעוווינשטער גאסט", וועלכער איז אריינגעקומען אין לאנד ניט אלס גאסט, נאר צו באלעבאטעווען דארטן. די אראבער זיינען נאך ווייט ניט גרייט צו לאזן דעם „גאסט" זיך איינבירגערן אין לאנד. אז דאס איז אזוי, קען מען זען פון א פעטיציע, וואס אראבישע פירער האבן צוגעשטעלט צו דער מאנדאטן־קאמיסיע ביי דער פעלקער־ליג אין זשענעווע (לויט א מעלדונג פון דער ציוניסטישער אידישער טעלעגראפן־אגענטור דעם 4טן יאנואר, 1935). אין יענער פעטיציע פאדערן די אראבער, אז די לאגע אין פאלעסטינע „זאל רעגולירט ווערן", און אויב דאס וועט ניט געטאן ווערן, ווארענען זיי, אז זיי וועלן נוצן גוואלד־מיטלען.

מעלדנדיג וועגן דער דאזיגער פעטיציע, האט די מאנדאטן־קאמיסיע געצוינגן די אויפמערקזאמקייט פון דעם ראט פון דער פעלקער־ליג אויף דעם „געמיט־צושטאנד פון די אראבער" (לויט דער זעלבער מעלדונג פון דער „איטא").

אט־די פעטיציע באווייזט, אז ס'איז נאך גאנץ ווייט פון א שלום צווישן די אראבישע מאסן און דעם ציוניזם. און אז א שלום איז ניט מעגליך, כל זמן דער ציוניזם וועט פארטזעצן זיין פאליסי פון „כיבוש הארץ" און „כיבוש העבודה", קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. אבער וועגן דעם וועל איך ריידן שפעטער.

די פראגע פון פאליטישער זעלבסטשטענדיקייט איז, אין דעם איצטיגן מאמענט א פראגע, ניט נאר פאר די אידן פון פאלעסטינע, נאר אויך פאר די אראבער. פאלעסטינע איז אין אלגעמיין — ניט זעלבסטשטענדיג און ניט פריי. פאלעסטינע ליגט איינגאנצן אין די הענט פון דער מאנדאטן־מאכט, ענגלאנד, וועלכע הערשט דארטן מיט איר פולסטער ברוטאליטעט. און ענגלאנד איז נאך ניט גרייט דעם מאנדאט אויפצוגעבן, ווייל פאלעסטינע איז פאר איר א זייער וויכטיגע סטראטעגישע פאזיציע, וואס זי דארף נויטיג האבן פאר אירע אימפעריאליסטישע אוואנטיורעס. פון פאלעסטינע קען דער ענגלישער לייב בעסער האלטן אן אויג אויף זיינע רויב־אינטערעסן אין דעם אריענט. פון פאלעסטינע האט ענגלאנד פארשיידענע וועגן קיין אינדיע — איר רייזנסטע אימפעריאליסטישע קאלאניע מיט א באפעלקערונג פון ארום 360 מיליאן מענטשן. זי קען פון פאלעסטינע האלטן א וואך איבער אירע אימפעריאליסטישע אינטערעסן אין עגיפטן און פון דער צווייטער זייט — צו מזרח־צו — היטן אירע אויל־אינטערעסן אין איראק און אירע האנדלס־אינטערעסן אין פערסיע, דורך וואנען זי האט ווידער א וועג קיין אינדיע און וואס איז גלייכצייטיג (פערסיע, דורך דעם קאספישן ים און אויך דורך יבשה) א זייער וויכטיגע סטראטעגישע פאזיציע פאר איר צו דערלאנגען צום סאוועטישן קאווקאז און די אויל־קוואלן פון באקו.

דעם 27טן נאוועמבער, 1934, איז אין דעם ניו־יארקער „טאג" געווען געדרוקט אן אינטערוויו מיט אייזיק עלען, וועלכער איז דער פארזיצער פון דער „ליגע פאר די נאציאנאלע ארבעטער אין ארץ־ישראל" (א רעוויזיאניסטישע ארבעטער־ארגאניזאציע). ריידנדיג וועגן דער פאליטישער לאגע אין פאלעסטינע האט מר. עלען דערקלערט, אז אין ארץ־ישראל גלויבט מען, אז „ענגלאנד וויל פטור ווערן פון דעם מאנדאט, און אז דערפאר וויל זי דורכזעצן דעם לעגיסלאטיוון ראט אלס ערשטן שריט צו דער שפעטערדיגער אויטאנאמיע".

די „שפעטערדיגע אויטאנאמיע", וועגן וועלכער דא רעדט זיך, איז אזא מין אויטאנאמיע, ווי עס האבן ענגלאנדס אזעלכע דאמיניאנס ווי קאנאדע אדער אויסטראליע. טאקע כלומרשטע „זעלבסטשטענדיגע" אויטאנאמיעס, אבער זיי זיינען אונטערווארפן אונטער דער ענגלישער קרוין און איר קעניג, איבערהויפט אין שייכות מיט אויסערליכער פאליטיק און מיליטערישע ענינים.

איך וועל דא ניט אריינגיין אין קיין איינצלהייטן וועגן דער „שפעטערדיגער אויטאנאמיע", נאר וועל זיך בעסער אפשטעלן כאטש אביסל אויף דעם „לעגיסלאטיוון ראט", וואס אנדערע באצייכענען אלס פארלאמענט. וועגן דעם רעדט מען שוין אין פאלעסטינע, סיי צווישן די אראבער, סיי צווישן די ציוניסטישע קרייזן, אין משך פון די לעצטע עטליכע יאר. אבער בעת די אראבער ווילן אויף דעם מאמענט כאטש אזא סארט פארלאמענט, וואס וואלט זיי געגעבן וועלכע מעגליכקייט צו קומען פאליטיש צום אויסדרוק (כאטש די סאמע ארימע שיכטן פון דער אראבישער באפעלקערונג, וואלטן אפילו אין אזא בורזשואז־דעמאקראטישן פארלאמענטאריזם זיך קנאפ געקאנט באטייליגן), ווילן עס די ציוניסטן בשום אופן ניט. די ציוניסטן קעמפן געגן אזא פארלאמענט מיט ציין און נעגל, סיידן עס זאל זיי געגעבן ווערן דארטן א געזיכערטע מערהייט, ניט געקוקט דערויף וואס די אידן זיינען סך הכל עטוואס איבער א פינפטל פון דער באפעלקערונג.

נאך אין 1929 האט וואלפגאנג פאן וואיזעל, איינער פון די ציוניסטיש־רעוויזיאניסטישע פירער דערקלערט, אז: „מיר וועלן קיינמאל ניט צושטימען אויף א פארלאמענט מיט אן אראבישער מערהייט... דאס וואלט געווען פאר אונז פאליטישער זעלבסטמארד... מיר קענען בלויז באטראכטן ענגלאנד ווי אונזערן א פארבינדעטן... אונזער פאליטיק מוז זיך קאנצענטרירן אויף איר, וועט זי אונז אויך באטראכטן

ווי א פארבינדעטן... ציוניזם מוז אָפּהיינגען פון ענג־לאַנדס גרייטקייט צו געבן מיליטערישן שוץ א אידי־שער מינדערהייט געגן אן אראבישער מערהייט... מיר דארפן באווייזן ענגלאנד, אז א אידישע פּאַלעסטינע וועט איר ברייגנען מער נוצן ווי אן אראבישע".

דאָס זיינען אָפענע דיבורים פון א ציוניסטישן פירער, וועלכער איז ניט דיפּלאָמאטיש גענוג אזעלכע געדאנקען ניט ארויסצוברייגען פאר דער ברייטער עפנטליכקייט. אבער זינט דעמאָלט האָבן א סך אנ־דערע ציוניסטישע פירער, צווישן זיי אנגעזעענע „סאָ־ציאַליסטישע" ציוניסטן, ארויסגעזאָגט די זעלבע גע־דאנקען געגן דעם אזוי־גערופענעם געפּלאַנעוועטן בור־זשואז־דעמאָקראטישן פּארלאַמענט און וועגן דעם מאנדאט, וואָס ענגלאנד האלט אָן איבער פּאַלעסטינע.

באלד נאָך פּאַספּילדס „ווייסן פּאַפּיר", וואָס איז געקומען אלס רעזולטאט פון די בלוטיגע געשעענישן אין פּאַלעסטינע אין 1929, אין וועלכן ענגלאנד מאכט כלומרשט א זשעסט פון אננעמען זיך די קריוודע פון די לאַנדלאָזע אראבער, און האָט — אויף דעם מאָ־מענט — באגרעניצט דעם ציוניסטישן לאַנד־איינקויף און איינוואנדערונג, האָט אין די ציוניסטישע רייען זיך אָנגעהויבן א שטיקל באוועגונג געגן ענגלאנד. עס זיינען געווען ציוניסטן — מערסטנס אמעריקאנער — וועלכע האָבן געוואָלט פאָדערן פון דער פעלקער־ליג, אז זי זאָל טראנספערירן דעם מאנדאט איבער פּאַלעס־טינע פון ענגלאנד צו אמעריקע. אבער דאָס וואָלט אין עצם ניט געענדערט דעם פּאָליטישן סטאטוס פון דער „נאציאָנאלער היים".

אנשטאט דעם ענגלישן אימפּעריאליזם וואָלט די „נאציאָנאלע אידישע היים" באהערשט און באשיצט געוואָרן פון דעם יענקישן אימפּעריאליזם. די לאַגע פאר די אידישע מאסן, וואָס זיינען פון די ציוניסטישע אגענטן פארנארט געוואָרן קיין פּאַלעסטינע, ווי די פּאָליטישע לאַגע פון פּאַלעסטינע בכלל, וואָלט דורך אזא מין אויסבייט זיך גאָרניט געענדערט.

אָבער זינט דעמאָלט האָט דער ציוניזם זיך ווי־דער איבערגעבעטן מיטן ענגלאנד, וועמען ער דינט ווידער אויף דעם געטרייסטן אופן און ווערט פון אים באשיצט. עס איז פאר קיינעם ניט קיין סוד, אז ווען דער מאנדאט (פון ענגלאנד, אָדער פון אן אנדער אימ־פּעריאַליסטישער גרויסמאכט) וואָלט בטל געוואָרן, וואָלט דער ציוניזם זיך ניט געקענט האלטן אין דער „פּאָליטיש־געזיכערטער נאציאָנאלער אידישער היים" קיין 24 שעה. פּאָליטיש איז די נאציאָנאלע היים אינ־גאנצן אָפּהענגיג פון דעם חסד פון דעם ענגלישן אימ־פּעריאליזם, וועלכער נוצט אויס דעם ציוניזם ווי זיי־נעם א לאָיאַלן אגענט, ווי א בייטש איבער די רוקנס פון די אונטעריאָכטע אראבישע מאסן, פאר וועמען ענגלאנד שרעקט זיך.

דאָס איז אין קורצן דער פּאָליטישער פּנים פון דער נאציאָנאלער היים.

ניטאָ דאָרטן קיין סימן פון פּאָליטישער זעלבסט־שטענדיגקייט. די נאציאָנאלע היים מוז זיך האלטן אויף דעם כח פון בריטישע באַיאָנעטן.

עקאָנאָמישער צושטאַנד

נו, און וואָס הערט זיך עפּעס וועגן דער עקאָ־נאָמישער פעסטקייט פון די מאסן אין פּאַלעסטינע?

די דאָזיגע פראגע איז איבערהויפּט צייטיג, ווייל אין די לעצטע אָנדערהאלבן, אָדער צוויי יאָר, האלט די גאנצע אידישע בירגערלעכע פּרעסע אין איין פּויקן און באראבאנעווען וועגן א שטייגנדיגער „פּראָספּע־ריטי" וועגן א גרויסן „ריעל־עסטייט בום" (שרייענ־דיגער האנדל מיט באָדן פאר בוי־אונטערנעמונגען). כדאי זיך צו באקענען, אויף וויפיל ס'איז מעגלעך אין די ראמען פון דעם ארטיקל, מיט דער „שטייגנדיגער פּראָספּעריטי" און מיט דעם „בום".

רעדן וועגן פּראָספּעריטי, וועגן אויפשטעלן אַן עקאָנאָמיש־דויערהאפטע נאציאָנאלע ווירטשאפט אין פּאַלעסטינע, איז בכלל ניט מעגלעך. פּאַלעסטינע איז אַן אָרים לאַנד. עס פארמאָגט ניט קיין שום נאטיר־לעכע רייכטימער, אַן וועלכע א זעלבסטשטענדיגע און פעסט־איינגעפונדעוועטע נאציאָנאלע ווירטשאפט איז אבסאָלוט ניט מעגלעך. די גרעסטע אוצרות פון פּאַלעס־טינע זיינען זאמד־מדבריות, שטיינערנער באָדן, זומפּן און מאַלאַריע. די גרעסטע „נאציאָנאלע אינדוסטריע", וואָס פּאַלעסטינע האָט אין די לעצטע עטלעכע יאָר אנטוויקלט, איז אָראַנדזשן - פּרדסים. ווען מען רעדט וועגן דער שטייגנדיגער פּראָספּעריטי, האָט מען דער עיקר אין זינען דעם אָראַנדזש־האנדל. אָבער דער דאָזיגער האנדל, דארף מען אונטערשטרייכן, איז אזוי שטאַרק געשטיגן ערשט אין די לעצטע צוויי יאָר, זינט היטלער איז געקומען צו דער מאכט אין דייטשלאַנד, און א דאנק דעם וואָס דער ציוניזם האָט מיט אים געשלאָסן א האנדלס־אָפּמאך, וואָס איז הויפּטזעכלעך באזירט אויף דעם אויסטויש פון אָראַנדזשן אויף נאציישע סחורות פון דייטשלאַנד.

וועגן דעם סקאנדאליעזן אָפּמאך צווישן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע און דער היטלער־רעגי־רונג — באקאנט אלס דער טראנספער־אָפּמאך — וועל איך דאָ ניט רעדן, ווייל ער איז שוין ברייט באַ־קאנט און האָט ארויסגערופן א סך ביטערניש געגן דעם ציוניזם צווישן די אידישע מאסן איבער דער גאנצער וועלט. עס איז מיט אָפיציעלע ציפערן שוין מער ווי איין מאָל פעסטגעשטעלט געוואָרן, אין דער צייט ווען די ברייטע אידישע מאסן איבער דער גאנ־צער וועלט האלטן אַן א באָיקאָט געגן די סחורות, וואָס

קומען פון היטלער'ס דייטשלאנד, איז פּאַלעסטינע — די נאַציאָנאַלע היים — דאָס איינציגע לאַנד, וואָס האָט דעם האנדל מיט דייטשלאנד פארגרעסערט.. ב. יאושזאָן, אין אַן אָפענעם בריוו צו די אידן אין ארץ ישראל (ווארשעווער „היינט", 2טער יולי, 1934) ווייזט אָן אויף דעם, אז פאלעסטינע איז „דאָס איינציגע לאַנד, וואו דער אימפּאָרט פון דייטשע סחורות האָט זיך במשך פונם לעצטן יאָר (1933) נישט פארקלענערט, נאָר באדייטנד פארגרעסערט—פארגרעסערט אויף גאַנצע 60 פּראָצענט!"

דאָ דאַרף מען נאָך צוגעבן, אז אין 1934 איז דער אימפּאָרט פון נאַצישע סחורות קיין פּאַלעסטינע נאָך מער געוואַקסן. אָבער איך בין דאָ ניט אַזוי אויסן זיך לענגער אָפּצושטעלן אויפן פארגרעסערטן האנדל צווישן פּאַלעסטינע און דייטשלאַנד און דעם פריינטלעכן בונד צווישן דעם ציוניזם און היטלעריזם, וואָס ווירקט אגב אויף דעם נאַצישן כאראקטער פון דעם ציוניזם, ווי אויף דעם פאַקט, וואָס לעצטנס הויבט מען אָן אויסהאַקן אָראַנדזש-בוימער און פאַרניכטן די פּרדסים (די אראנדזש-גערטנער). דאָס ווערט געטאָן דערפאר, ווייל די אייגנטימער פון די מערסטע פּרדסים באַקלאָגן זיך, אז קיין גרויסע גליקן (איצט, אין דער סאַמע „ברענענדיגסטער פּראָספּעריטי") מאַכט מען ניט פון קיין אָראַנדזש-פּלאַנטאַציעס. מען קען איצט מאַכן מער געלט, ווען מ'זאָל די פּלאַנטאַציעס צעשניידן אויף מגרשים (לאָטס, אויף בויען הייזער).

אויף אַזאַ אַקציע ווערן די אייגנטימער פון די פּלאַנטאַציעס א סך אינספּירירט פון דעם אַזוי-גערופענעם „בום". א שטיקל באָדן גייט איבער אין צען אָדער מער הענט, ביז די פּרייז אויף דעם פּאַסיקל ערד ווערט אזוי הויך אַרויפגעשרויפט, אז די געביידע, וואָס ווערט שוין ענדלעך אויף דעם אויפגעבויט, באַצאָלט זיך שוין ניט מער. אָבער דער דאָזיגער „בום" האָט אויך מורא'דיג אַרויפגעשרויפט די דירה-געלט, וואָס מאַכט פאר א שטאָטישן ארבעטער אוממעגלעך אויסצוקומען מיט זיינע קליינע פארדינסטן. דאָס זיינען רעזולטאַטן פון ווילדער ספעקולאַציע, וואָס שטעלט די גאנצע אויפגעבלאָזענע פּראָספּעריטי פון לאַנד אין א גרויסער געפאַר.

האָט דאָך נאָך אפילו ביאַליק, אין זיין צוואה (צוואָע) וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין חודש יוני (1934) באַלד נאָך זיין טויט, געקלאָגט אויף דער ווילדער ספּעקולאַציע. ער האָט געקלאָגט אַז:

„די העכיעכע ספעקולאציע פרעסט אונז אויף ווי מאל. דער בלאנק פון געלד האט אונז פארבלענדט. מיר באריטן זיך מיט פּראָספּעריטי, מיט אויפבליען, דארט וואו ס'איז דא בלויז א פיקטיווע מהומה (טומל) מיט ספעקולאציע. איין דונאם ערד גייט איבער צען מאל פון האנט צו האנט, יעדעס מאל מיט א געהעכערטער פרייז, און מיר מיינען אז דאס איז פּראָספּעריטי!"

אָט אַזוי קלאָגט ביאַליק. אָבער ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען נאָך, ווייזט אויס, ניט געהאַקט קיין פּרדסים. דאָס האָט זיך ערשט לעצטנס אָנגעהויבן אין פּאַלעסטינע, מסתמא ווי א נייער באַווייז פון דעם „עקאָנאָמישן אויפשטייג" פון דער „נאַציאָנאַלער היים". וועגן אָט-דער לעצטער פּראָספּעריטי-המצאה האָט מען ערשט לעצטנס אָנגעהויבן קלאָגן אויף א קול — קלאָגן, מיט א סך שרעק פאַר די רעזולטאַטן.

דעם 27טן דעצעמבער (1934) קלאָגט א ציוניסטישער שרייבער, דוד איידעלסבערג, אין דעם „מאָרגן זשורנאַל", אַז:

„די היסטאָריע פון דער באָדן-ספּעקולאַציע האָט שוין דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז אין דער אומגעבונג פון תל-אביב האָט מען גענומען אויסרייסן אָרענדזש-בוימער. גרויסע שטחים פּרדסים ווערן פאַרניכטעט, כדי פאַרקויפט צו ווערן אין לאָטס, כדי צו פאַרגרעסערן דעם שאַכער-מאַכער מיט באָדן.

„מען האַקט אונטער פרוכט-בוימער! מען צעשטערט, מען מאַכט חרוב דעם איינציגן ממשות'דיגן קוואַל, וואָס קען דערמעגלעכן אַריינצוברענגען נאָך און נאָך אידן אין לאַנד נאָר כדי צו באַפרידיגן די ספּעקולאַציע-אַפּעטיטן".

דאָס איז אַלץ, וואָס איז שייך דער באָדן-ספּעקולאַציע. און וואָס הערט זיך וועגן דער פּראָספּעריטי בכלל? איז עס ניט אמת, אַז עס בויט זיך אָן אינדוסטריע אין לאַנד? יאָ, עס בויט זיך — א לייכטע, מיניאַטור-אינדוסטריע: קליידער, טעקסטיל, לעדער, זייף און ענלעכע. די „שווערע" אינדוסטריע, וואָס איז פאַרטראָטן אין דער בוי-אינדוסטריע, וועלכע מאַכט איצט דורך א בום-פּעריאָד, באַשטייט פון ציגל, צעמענט, בלעך-אויסאַרבעטונג, שטיינער האַקן.

דער וואוקס פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען דאַרף הויפּטזעכלעך צוגעשריבן ווערן צו דעם פאַקט, וואָס אין די לעצטע פּאָר יאָר האָבן אַריינגעשטראָמט קיין פּאַלעסטינע אַרום א הונדערט טויזנט נפשות. צווישן זיי א גרויסע טייל דייטשע אידן, וואָס האָבן אַריבערגעפירט זייער קאַפּיטאַל (דורך דעם טראַנספער-אָפּמאַך) און האָבן עס אינוועסטירט אין פּאַלעסטינע אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. די אינוועסטירונגען פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל — סיי אַזעלכער וואָס איז אַריינגעפירט געוואָרן פון איינוואַנדערער, סיי אַזעלכער, וואָס איז אַריינגעקומען דורך די פאַרשיידענע ציוניסטישע פּושקעס: נאַציאָנאַל-פאָנד, קרן-היסוד, געווערקשאַפטן-קאַמפּיינס און אַנדערע — זיינען די שטענדיגע איינשפּריצונגען, וואָס האַלטן אויף די ציוניסטישע נאַציאָנאַלע היים ביים

לעבן. אָן די דאָזיגע איינשפּריצונגען פון צענדליגער און הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר, וואָלט דער חלום פון דער נאַציאָנאַלער היים שוין לאַנג געווען געפּלאַצט.

בלויז די אַמעריקאַנער אידן האָבן אין די לעצטע צוועלף יאָר אַריינגעבראַכט אין פּאַלעסטינע הונדערט מיט צען מיליאָן דאָלאַר, פון וועלכער סומע ניט ווייניגער ווי אַ פערטל (נאָענט צו 30 מיליאָן דאָלאַר) איז אַריינגעקומען דורך ביישטייערונגען — לויט אַ באַריכט פון מאָריס ראָטענבערג, פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 6טן יאַנואַר (1935) אויף אַ זיצונג פון דער „נאַציאָנאַלער וועלפער קאָנפערענץ".

אָבער ווי לאַנג קען מען מיט קינסטלעכע מיטלען אויפהאַלטן אַ קראַנקן קערפּער ביים לעבן? ווי לאַנג קען מען דורך כסדר'דיגע איינשפּריצונגען אויפהאַלטן אַ ווירטשאַפט, וואָס קען זעלבסטשטענדיג ניט שטיין אויף די פיס?

ווי לאַנג וועלן די חלוצים, וועלכע גיבן אַוועק זייער גאַנצע יוגנטלעכע ענערגיע און ענטוזיאַזם פאַר דעם אויפבוי פון דער „נאַציאָנאַלער היים", קענען ברענגען קרבנות, כדי אויפצוהאַלטן עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס נוצן זיי אויס אין נאָמען פון דעם ציוניסטישן אידעאַל, און פאַשיסטישע לעיבאָר-ביוראָקראַטן אין ווייכע שטולן און אַליין שטאַרבן פון הונגער?

נאַציאָנאַלע זיכערקייט

ווען מען רעדט וועגן דער נאַציאָנאַלער היים, מוז מען דאָך אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער זיכערקייט פון די אידישע מאַסן. מען מוז באַלד צוגעבן, אַז דאָס איז זייער אַ שווערע פראַגע — אַ פראַגע, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרענטפערן.

אַ לאַנד, וואָס איז עקאָנאָמיש אָרים, וואָס מוז כסדר זיך אָריענטירן אויף אַ פיל גרעסערן אימפּאָרט ווי אַן עקספּאָרט; וואָס איז פּאָליטיש ניט פריי און ברויזט שטענדיג מיט אַ פלאַמענדיגן ראַסן-האַס; וואָס מוז שטענדיג האַלטן אויסגעשטרעקט די הענט צו דער דרויסנדיגער וועלט און וואַרטן אויף די רעזולטאַטן פון די פּושקע-זאַמלונגען; אַ לאַנד, וואָס האַלט זיך אויף באַיאָנעטן פון אַ דרויסנדיגער גרויסמאַכט — אַזאַ לאַנד פאַרמאָגט ניט קיין נאַציאָנאַלע זיכערקייט פאַר די מענטשן, וואָס וואוינען אין דעם.

דאָס איז אמת אפילו וועגן די אַראַבער, מען מוז אָבער צוגעבן, אַז די נאַציאָנאַלע זיכערקייט פון די אידישע מאַסן איז נאָך אַ סך שוואַכער.

פולשטענדיגע נאַציאָנאַלע זיכערקייט איז מעגלעך בלויז אין אַ לאַנד, וואו אַלע נאַציאָנאַליטעטן זיינען גלייך; וואו אַלע אַרבעטן קאָלעקטיוו פאַר זייער קאָלעקטיוון וואוילזיין; וואו אַלע זיינען גלייך

אָבער אין אַ לאַנד, וואו דער „הייליגסטער פּרינציפּ" פון זיין אויפבוי איז „כבוש הארץ" און „כיבוש העבודה" — אַ פּרינציפּ, וואָס ווערט פּראַקטיצירט דורך פאַריאָגן אַראַבישע אַרבעטער פון אַרבעט און דורך אַרונטעריאָגן אַראַבישע ערד-אַרבעטער פון זייער באָדן און זיי טרייבן צו אַרבעטלאָזיגקייט און באָדנלאָזיגקייט — צו שטענדיגן הונגער און ביטערער נויט, וואו עס ווערן אָרגאַניזירט שטורם-טרופּערס (אידישע חלוצים און פאַרפּירטע, שאָוויניסטישע אַרבעטער, אָנגעפירט פון „סאָציאַליסטישע" הסתדרות-טשינאָווניקעס), צו באַפאַלן אַראַבישע אַרבעטער ווען מען געפינט זיי אַרבעטן אויף אידישע אונטערנעמונגען — אין אַזאַ לאַנד קען ניט זיין קיין פראַגע פון נאַציאָנאַלער זיכערקייט. גיכער קען מען דאָ רעדן וועגן נאַציאָנאַלער אומזיכערקייט.

אין דעם וואַרשעווער „פריינד" (19טן סעפּטעמבער, 1934), אין אַ בריוו פון פּאַלעסטינע, ווערט דערציילט, אַז:

„טאָג-איין, טאָג-אויס שטעלט מען צונויף כוליגאַנען-גרופּעס, ציוניסטישע (סאָל) שטורעם-מאַנשאַפטן פון אַרבעטלאָזע געקומענע חלוצים פון וואַרשע, לעמבערג, לאָדזש און אַנדערע שטעט, אַראָפּצוטרייבן די אַראַבישע אַרבעטער און פּויערים פון דער אַרבעט, ווייל זיי — די אַראַבער — זיינען „אויסלענדישע" און האָבן נישט די רעכט, וואָס די ערשט-געקומענע חלוצים פון פאַרשיידענע לענדער".

דאָס איז דער „הייליגער" פּרינצ'פּ פון „כיבוש העבודה", וואָס דער „סאָציאַליסטישער" הסתדרות-פירער, בן-גוריון, האָט נאָך אין 1931 אויף אַ פאַרזאַמלונג פון זעקס טויזנט מענטשן אין בית-העם, תל-אביב, פאַרקערפּערט אין אַן עקלדיגער שאָוויניסטישער פראַזע, וועלכע איז פאַרבליבן קלאַסיש:

„ווער עס באַשעפטיגט אַראַבישע אַרבעטער,
דער איז פאַרגליכן צו איינעם, וואָס האַלט אַ
.... שאַנד-הויז" (מי שעובד בעבודה ערבית, זה הוא
כאילו יש לו בית-זנות").

און אין דעם „טאָג" (17טן דעצ., 1934) לייענען מיר פאָלגנדיגן אויסצוג פון דער אַראַבישער צייטונג „מראה אל שארק", וואָס דערשיינט אין פּאַלעסטינע:

„... אין ארץ ישראל קומען איצט פאַר זאַכן — און מיטן וויסן פון דער רעגירונג — וואָס מיר ווייסן ניט וואָס פון זיי קען אַרויסקומען און צו וואָסערע צוזאַמענשטויסן זיי קענען ברענגען.

„אַן אָרגאַניזירטע אַראַבישע יוגנט האָט באַשלאָסן צו היטן דעם ברעג-ים, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז אידן אָן וויזעס זאָלן אַריינקומען אין לאַנד אַריין. ווען די דאָזיגע יוגנט וואָלט געווען אַביסל קליגער, וואָלט זי איינגעזען, אַז עס איז ניט מעגלעך ניט צו דערלאָזן דאָס אומלעגאַלע אַריינקומען אין לאַנד אַריין. וואָרים

כדי צו היטן די ארץ ישראל גרעניצן זיינען נויטיג טויזנטער סאָלדאַטן...

„די יונגט טוט איר שליחות. קלאָר, אז די אידן וועלן דאָס ניט פאַרשווייגן. זיכער, אז די אידן זיינען שטאַרק און האָבן א השפּעה אין לאַנד. זיי זיינען ניט מער די נישטיגע צאָל, וואָס זיי זיינען געווען בעת'ן איינגעמען דאָס לאַנד. דריי מאָל הונדערט טויזנט אידן זיינען איצט דאָ אין לאַנד. ס'רוב ים־ברעגן זיינען אין זייערע הענט און דערצו זיינען זיי אויך אָרגאַניזירט און פאַר־אייניגט דאָרט, וואו ס'איז נוגע זייער עקזיסטענץ און זייערע הויפּט־פּראָבלעמען. אָט האָבן זיי אָרגאַ־ניזירט פינף הונדערט אידישע יונגעליייט, וואָס היטן די גרעניצן, כדי ניט אריינצולאָזן קיין אַראַ־בער פון סיריע און פון חורן. וואָס וועט דערפון ארויסקומען?"

די אַלע אויבנגעבראַכטע פאַקטן, וואָס זיינען ווי א טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך מיט די מאַסן פאַקטן פון דעם וואָס ער קומט פאַר טאָג־טעגלעך אין און אַרום דעם אויפבוי פון דער „נאַציאָנאַלער אידישער היים", דעקן אויף די סאַמע וויכטיגסטע שטריכן פון דעם רעאַקציאָנערן תוך פון פּאַלעסטינע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנסטע געפאַר פאַר די אי־דישע מאַסן, וואָס ייערן אהין פאַרפירט פון דעם ציוניזם.

דער ענטפער אויף דער פראַגע: צי איז די סאָ־וועטישע אויטאָנאָמע אידיש געגנט אין ביראָ־ביר־דזשאַן א „קאָנקורענץ צו דער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע?" איז:

ביראָ־בידזשאַן איז די זעלבע קאָנקורענץ צו דער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע, ווי עס איז דער גאַנצער סאָוועטן־פאַרבאַנד צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דאָ באַגעגענען זיך צוויי שאַרף אַנטקעגנגעזעצטע וועלטן. בירא־בידזשאַן פאַרקירפערט די אידישע גע־שיכטע אין א נייער ריכטונג — אין א ריכטונג, וואָס פירט צו פולשטענדיגער פּאָליטישער פרייהייט, עקאָ־נאָמישער פעסטקייט און נאַציאָנאַלער זיכערקייט; וואָס פירט צו א וועלט, וואָס ווייסט ניט פון קיין ראַסן־האַס, פון קיין ספּעקולאַציע, פון עקאָנאָמישן כאַ־אָס, פון עקספּלואַטאַציע, פון אַרבעטלאָזיגקייט, פון אימפּעריאַליסטישע אַוואַנטיורעס.

די גאַראַנטיע אַז דאָס איז אַזוי, איז דאָס אַכצנטע יאָר פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע בויט פעסט און זיכער די פרייע קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט אויף א זעקסטל פון דעם ערד־קוגל און וואָס איז דער טרעגער פון באַפרייאונג פאַר אַלע אונטערדריקטע מאַסן און ראַסן איבער דער גאַנצער וועלט.

א סאָוועטישע פּאַלעסטינע איז דער איינציגער ענטפער פאַר דער „נאַציאָנאַלער היים!"



ריזיגע דערגרייכונגען פון די אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

עס וואַקסט און עס בליט דאָס סאָציאַליסטישע דאָרף

קאַלינינדאָרפער אידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן

פיצוכט.

אין 1930טן יאָר איז אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן געווען: 4946 שטיקלעך האָרן־פי, 1212 חזרים, 601 שאָף.

אין 1932טן יאָר איז שוין געווען: 5361 האָרן־פי, 1107 שאָף און 4113 חזרים. 24 מילך־סחורה־פערמעס מיט 1542 האָרן־פי, 22 חזיר־פערמעס מיט 1016 חזירים, 11 שאָף־פערמעס — 1107 שטיקלעך.

וואוקס פון די אינטענסיווע־קולטורן.

וויינגערטנעריי

אין 1932טן יאָר האָבן זיי געהאַט 110 הא ווייגאָרטן.

אין 1934טן יאָר — 153 הא.

סעדעריי

אין 1932טן יאָר איז בלויז געווען 49 הא פרוכט־בוימער, פון וועלכע מ׳האָט צענויפגעזאמלט 48 טאָן פרוכט.

אין 1934טן יאָר זיינען שוין געווען 187 הא, וואָס האָט געגעבן א גערעטעניש פון 215 טאָן.

גערטנעריי

אין 1932טן יאָר זיינען געווען 15,5 הא גערטנעריי, וואָס האָבן געגעבן 109 טאָן.

אין 1934טן יאָר זיינען שוין געווען 102 הא, וואָס האָבן געהאַט א גערעטעניש פון 900 טאָן.

פאָלקס־בילדונג.

אין 1931טן יאָר איז געווען אין ראַיאָן 32 שולן, פון זיי דריי 7־יאָריקע, 78 לערער.

אין 1934טן יאָר איז שוין געווען 37 שולן, פון זיי פערצן 7־יאָריגע, און 10־יאָריגע מוסטער־שול. 170 לערער.

אלע קינדער פון שול־עלטער זיינען ארומגעכאַפּט מיט די שולן.

חוץ דעם זיינען אין ראַיאָן פאַראַן אן אגראָ־טעכניקום, א פעדטעכניקום און איין ראַטן־פּאַרטיי־שול.

געזונט־אָפּהיטונג.

אין 1931טן יאָר איז געווען בלויז איין שפּיטאָל מיט 10 בעטלעך. איין אפטייק.

אין 1934טן יאָר פאַרמאָגן זיי שוין 3 שפּיטאָלן מיט 49 בעטלעך, 7 אמבולאַטאָריעס, צוויי פלעשער־פונקטן, 1 סאַניטאַר־באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע, 3 אפטייקן, 6 באַשטענדיגע קינדער־יאַסליעס, וואָס כאַפּן ארום 200 קינדער, 7דאָקטוירים, 12 געהילף־דאָקטוירים, 6 אקושאָרקעס און אנד. חוץ דעם איז אין רייר־צענטער אויסגעבויט געוואָרן א שפּיטאָל פון 35 בעטלעך.

מעכאַניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אין 1931טן יאָר האָט דער קאַלינינדאָרפער ראַיאָן פאַרמאָגט 68 טראַקטאָרס—680 פערד־קראַפט.

אין 1934טן יאָר — 130 טראַקטאָרס מיט 1625 פערד־קראַפט. אין א גרויסער מאָס זיינען אויך אויס־געוואַקסן די קאָמפּליצירטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַ־שינעס: גרויסע דרעש־מאַשינעס — 61, קאָמביינען— 23, לאַסט־אויטאָמאָבילן—17 און 6 לייכטע אויטאָ־מאָבילן.

קאַמף פאַר אַ הויכער גערעטעניש.

אין 1932טן יאָר איז געווען אויפגעאַקערט מיט פלוגן און פאַרזייט מיט רייר־זייעלקעס 2965 הא, אָדער 13,5 פראָצענט. אין 1933טן יאָר 10500 הא—49,5 פראָצענט און אין 1934טן יאָר — 19857 הא — 100 פראָצענט.

פריר־אַקער.

אין 1932טן יאָר איז געווען אויפגעאַקערט אויף פריר־אַקער 1939 הא. אין 1933טן יאָר — 4702 הא, און אין 1934טן יאָר — 9211 הא.

וואוקס פון ביודזשעט.

אין 1931טן יאָר האָט דער בודזשעט באַטראָפן 784 טויזנט רובל און אין 1934טן יאָר איין מיליאָן 151 טויזנט רובל. 46,6 פראָצענט פונם אלגעמיינעם בודזשעט איז געווען באַשטימט אויף פאָלקס־בילדונג, 20 פראָצענט אויף געזונט־אָפּהיטונג.

סטאלינדארפער אידישער נאציא־נאלער ראיאן

אייפגעהויבן פרייאקער אין פאר.

(אין העקטארן)

1932 — אייפגעהויבן פרייאקער 8,600; אויפ־נעהויבן פאר 7,568.

1934 — אויפגעהויבן פריר־אקער 20,000; אויפ־געריבן פאר 10,000.

פארענדיקט דעם פרילינג אין הארבסט־פארזיי.

1932 — פארענדיגט דעם פרילינג־פארזיי דעם [illegible]טן מאי.

פארענדיגט דעם הארבסט־פארזיי דעם 30טן נאָ־יעמבער.

1934 — פארענדיגט דעם פרילינג־פארזיי דעם 25טן אפריל.

פארענדיגט דעם הארבסט־פארזיי דעם 19טן אָק־טאָבער.

דאָס אויספילן די פלענער פון מאָבליזירן די פינאַנסן.

(אין פראָצענטן)

1931 — אויסגעפילט 106,3.

1932 — אויסגעפילט 125,1.

1933 — אויסגעפילט 117,3.

1934 — אויסגעפילט 101.

וואוקס פון פערדיקעס.

אלגעמיינע צאָל פערד — אין 1932—4704; אין 1934—5156.

ביי זיי ארבעטספייאינגע — אין 1932 — 3559; אין 1933—4122.

וואוקס פון גרויס האָרנפי.

די אלגעמיינע צאָל פי אין די קאָלווירטן: אין 1932—4225; אין 1934—5750.

די אלגעמיינע צאָל ביי די קאָלווירטניקעס: אין 1932—3968; אין 1934—7837.

מילך־סכוירע־פערמעס אין די קאָלווירטנ.

ס'איז געווען פערמעס: אין 1932 19; אין 1934—84.

אין זיי פי: אין 1932—2813; אין 1934 — 5750.

פארקאָנטראַקטירט קעלבלעך און ארויס־געגעבן די אָנבעהיימעסריקע.

1933 — פארקאָנטראַקטירט 736, ארויסגעגעבן די אָנבעהיימעדיגע 836.

1934 — פארקאָנטראַקטירט 910, ארויסגעגעבן די אנבעהיימעדיגע 436.

די באַוועגונג פון דער משעקעדיקע באַזירים.

די צאָל חזירים אין די קאָלווירטן אין 1932—1887; אין 1934—2873.

די צאָל חזירים ביי די קאָלווירטניקעס: אין 1932—1146; אין 1934—6627.

באַזירים־סכוירע־פערמעס.

פערמעס: אין 1932—15; אין 1934—84.

אין זיי חזירים: אין 1932—1003; אין 1934—2873.

אלגעמיינע אבליגאַטאָרישע בילדונג.

אין 1932־33 האָבן געלערנט 5181 קינדער אין די שולן.

אין 1934־35 האָבן זיך געלערנט 5828 קינדער אין די שולן.

דער וואוקס פון דער נעץ מיטל־שולן.

אין 1932־33 — 5 יאָריגע שולן 3; 6 יאָריגע —6; 7 יאָריגע—9.

אין 1934־35 איז די שול־נעץ אויסגעוואקסן און ביילט 76 שולן, צווישן וועלכע עם זיינען דאָ 30 1־יאָריגע שולן און 3 10־יאָריגע.



אידישע באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטעט אין אמעריקע, אין פאַרגלייך מיט דער אלגעמיינער

שטאָט	אלגעמיינע באפעלקערונג לויט 1930	אידישע באפעלקערונג לויט 1927
אַלבאַני, ניו יאָרק	127,412	9,000
אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא	353,722	12,000
אוקלאַנד, קאַליפאָרניא	284,213	6,000
אָמאַהאַ, נעב.	214,175	11,000
אינדיאַנאַפּאָליס	362,527	10,000
אָקלאַהאָמאַ סיטי	182,845	1,500
אירי, פּענסילווייניא	115,875	1,586
באַלטימאָר	804,874	68,000
בירמינגהאַם, אַלאַבאַמאַ	257,657	4,500
באָסטאָן	781,188	90,000
ברידזשפּאָרט, קאָנ.	147,206	13,000
באַפאַלאָ, נ. י.	572,217	20,000
גרענד רעפּידס, מיש.	168,234	1,780
גערי, אינדיאַנאַ	100,426	2,500
דאַלאַס, טעקסעס	260,397	8,000
דייטאָן, אָהייאָ	200,225	4,900
דענווער	287,644	17,000
דע־מאָין, אייאָווא	142,469	4,500
דעטראָיט	1,568,662	75,000
דולוט, מינעסאָטאַ	101,231	4,000
דזשעקסאָנוויל, פלאָרידאַ	129,682	3,700
דזשוירזי סיטי	316,914	18,000
האַרטפאָרד, קאָנ.	161,224	27,000
האוסטאָן (יוסטאָן) טעקס	289,438	12,000
וואַשינגטאָן, ד. ק.	485,716	16,000
ווילמינגטאָן, דעל.	104,941	5,000
וואוסטער, מאַס.	196,395	13,000
טאָלידאָ, אָהייאָ	290,787	12,000
טרענטאָן, נ. דזש	122,610	11,000
טשאַטאַנוגאַ, טענ.	119,539	3,385
טשעלסי, מאַס.	44,827	20,000
יאָנקערס, אָהייאָ	135,123	8,000
יאָנגסטאָן, אָהייאָ	170,004	8,500
יוטיקאַ, נ. י.	102,633	5,200
לאָנג ביטש, קאַל.	141,390	1,750
לאָס אנדזשעלעס, קאַל.	1,238,048	70,000
לואיוויל, קענטאָקי	307,808	10,000
לאָוועל, מאַס.	100,050	2,700
לין, מאַס.	102,327	9,000
מעמפיס, טענ.	252,049	10,000
מילוואָקי	578,249	25,000

שטאָט	אלגעמיינע באפעלקערונג לויט 1930	אידישע באפעלקערונג לויט 1927
מינעאַפּאָליס	462,611	22,000
נעשוויל, טענ.	153,866	2,800
נוארק, נ. דזש.	439,506	65,000
ניו בעדפאָרד, מאַס.	112,804	3,970
ניו הייווען, קאָנ.	162,650	22,500
ניו־אָרלעאַנס	455,792	9,000
ניו יאָרק	6,930,446	1,765,000
נאָרפאָלק, ווירדזשיניא	127,808	6,500
סינסינעטי	449,331	23,500
סט. לואיס	821,960	50,000
סט. פּאול, מינ.	270,883	13,500
סאָלט לייק סיטי	140,850	2,000
סאַן אַנטאָניא, טעקס.	231,542	6,000
סאַן דיעגאָ, קאַל.	147,837	2,500
סאַן פראַנציסקאָ	634,394	38,000
סקרענטאָן, פּענס.	143,428	9,000
סיאַטל, וואַש.	363,134	12,000
סאָמערוויל, מאַס.	103,604	2,500
סאַוט בענד, אינד.	103,694	3,000
ספּרינגפילד, מאַס.	149,861	12,100
סיראַקיוז, נ. י.	207,007	14,000
עליזאַבעט, נ. דזש.	114,551	9,500
עקראָן, אָ.	255,040	7,500
פּעטערסאָן, נ. דזש.	138,267	22,300
פילאַדעלפיע	1,950,961	270,000
פּיטסבורג	669,817	53,000
פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן	301,815	11,000
פּראָווידענס	251,029	21,000
פאָל־ריווער, מאַס.	114,348	5,500
פאָרט־וואָירט, טעקס.	160,892	2,100
קעמברידזש, מאַס.	113,650	5,200
קעמדען, נ. דזש.	117,172	7,700
קענטאָן, אָהייאָ	105,425	3,800
קליוולאַנד	901,482	85,000
קאָלאָמבוס, אָ.	289,650	8,500
קענזאַס סיטי, קענזעס	122,327	2,500
קענזאַס סיטי, מיזורי	399,246	22,000
רעדינג, פּענסילווייניא	110,289	2,500
ריטשמאָנד, ווירדזש.	182,883	8,000
ראָטשעסטער, נ. י.	325,019	33,000
שיקאַגאָ	3,376,438	305,000

באַמערקונג: די ציפערן פון דער אידישער באַפעלקערונג איז לויט דער אָפּשאַצונג פון ה. ס. לינפעלד, דירעקטאָר פון דעם סטאַטיסטישן דעפּאַרטמענט פון דער אמעריקן דזשואיש קאָמיטע.

אידישע באַפעלקערונג אין פאַרשיידענע לענדער אין פאַרגלייך מיט דער אלגעמיינער באַפעלקערונג

אלגעמיינע באַפעלקערונג — לויטן וואָירלד אַלמאַנאַך; אידישע — לויטן „אמעריקאַן דזשואיש יעיר בוק".

לאַנד	אלגעמיינע באַפעל־קערונג	אידישע באַפעל־קערונג	פראצ. פון אידן
אַביסיניע	10,000,000	50,000	.005
אדען און פערים	54,923	3,747	.038
אוזבעקיסטאַן (סאָוועטן-לאַנד)	5,270,200	37,834	.007
אויסטראַליע	6,488,707	21,615	.003
אמעריקאַנער פאַר־אייניגטע שטאַטן	122,775,046	4,228,029	.034
אונגאַרן	8,683,740	476,860	.054
אוקראַינע (סאָוועטן-לאַנד)	28,887,007	1,574,428	.054
אורוגוואַי	2,036,844	5,000	.002
איטאַליע	42,118,835	50,000	.001
אינדאָ-כינע	19,844,181	1,000	.0001
אינדיע	351,450,680	21,778	.0001
איראַק	3,000,000	87,488	.029
אירלאַנד	2,972,800	3,686	.001
אַלדזשיר	6,064,829	100,000	.016
אַפגאַניסטאַן	6,330,500	5,000	.001
אַראַביע	7,000,000	25,000	.003
אַרגענטינע	10,904,022	200,000	.018
בולגאַריע	5,596,800	43,200	.007
בעלגיע	8,060,189	44,000	.005
בראַזיליע	40,272,650	30,000	.001
בריטיש גוויאַנאַ	307,784	1,786	.005
גיבראַלטאַר	18,061	1,123	.002
גריכנלאַנד	6,204 468	72,791	.011
דאַנציג	407,517	9,239	.022
דזשאַמייקאַ	858,188	1,250	.001
דייטשלאַנד	62,348,782	564,379	.009
דענמאַרק	3,550,651	5,947	.001
האָלאַנד	7,902,388	150,000	.019
ווייס-רוסלאַנד (סאָוועטן-לאַנד)	4,924,624	407,059	.082
זיד אפריקאַנישער פאַרבאַנד	6,928,580	71,816	.010
מאַנדזשיר	52,000	15,000	.288
טוניס	2,150,758	65,000	.030
טורקמעניסטאַן (סאָוועטן-לאַנד)	1,030,500	2,040	.009
טערקיי	13,640,810	81,872	.006
טראַנס-קאַווקאַז (סאָוועטן-לאַנד)	5,810,772	62,194	.010

לאַנד	אלגעמיינע באַפעל־קערונג	אידישע באַפעל־קערונג	פראצ. פון אידן
טשילי	4,273,150	2,000	.0004
טשעכאָסלאָוואַקיע	14,523,186	400,000	.027
יאַפּאַן	64,450,005	1,000	.0001
יוגאָסלאַוויע	13,920,000	73,362	.005
כינע	400,800,000	12,000	.00002
לוקסעמבורג	285,524	1,771	.006
ליביע	1,500,000	43,000	.028
ליטע	2,340,038	155,125	.066
לעטלאַנד	1,900,045	94,388	.049
מאַראָקאָ	4,973,146	132,000	.026
מעקסיקאָ	16,404,030	16,000	.0009
נאָרוועגיע	2,890,000	1,457	.0005
ניו-זעלאַנד	1,511,360	2,591	.001
סאַאַר-באַסיין	770,000	4,038	.005
סיריע-לבנון	3,694,240	35,000	.000
עגיפּטן	14,168,756	63,550	.004
ענגלאַנד	46,046,807	300,000	.005
עסטלאַנד	1,110,538	4,566	.003
עסטרייך	6,673,283	250,000	.037
רוסישע פעדעראַ־טיווע סאָצ. סאָ־וועטן רעפובליק	118,126,5036	558,843	.003
פינלאַנד	3,582,406	1,745	.0004
פראַנקרייך	40,745,874	220,000	.005
פּאַלעסטינע	816,064	161,270	.169
פּאָרטוגאַל	5,628,610	1,000	.0001
פּוילן	30,212,962	2,845,364	.082
פּערסיע	10,000,000	40,000	.004
קאַנאַדאַ	9,934,500	126,196	.012
קובאַ	3,607,919	8,200	.002
קרים (סאָוועטן-לאַנד)		45,926	
ראָדעזיאַ (זיד)	1,058,000	1,546	.001
רומעניע	17,393,149	900,000	.051
שווייץ	4,018,500	20,979	.005
שוועדן	6,141,671	6,469	.001
שפּאַניע	22,760,854	4,000	.001
אַלע אַנדערע קליינע לענדער	412,409,042	11,713	.00002
צוזאַמען אין דער גאַנצער וועלט	2,000,000,000	15,080,377	.007

פון דער רעדאַקציע   דער פאַרגלייך פון די ציפערן פון די אידן מיט דער אלגעמיינער באַפעלקערונג איז ניט גענוי, ווי אנגעגעבן דערפאַר, ווייל די צאלן פון ניט אלע לענדער זיינען פון איינעם און דעמזעלבן יאר און דאס איינציגע איז אמת און באצוג צו די ציפערן וועגן די אידן. ווי די אמעריקאַן דזשואיש קאַמיטע שאַצט אָפּ איז די צאָל אידן צום סוף פון 1931 (וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן אין די פאַרשידענע צענזוסן אלס אידן. פיל אידן גיבן זיך ניט אָן אלס אזעלכע), אין די פאַרשידענע וועלט-טיילן, ווי פאָלגט: אייראָפּע — 9,282,079; אַפריקע — 542,609; אַזיע — 572,055; אויסטראַליע — 24,783; אין צפון און דרום אַמעריקע — 4,623,115.

סאָציאַלע סטאַטיסטיק

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז צעטיילט אין צוויי קעגנגעזעצטע הויפּט־קלאַסן: קאַפּיטאַליסטן און ארבעטנדיקע. אָבער מיר קאָנען זיך ניט שאַפן אפילו א בלאַסן באַגריף וועגן דער טיפקייט פון דעם אָפּגרונט, וואָס צעטיילט ביידע קלאַסן, אָן דעם באַקאָנען זיך מיט איינינע טאַבעלן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אז זיי זיינען געוואָרן צוזאמענגעשטעלט מערסטנס פון בורזשואזע סטאַטיסטיקער, אזעלכע, וואָס ווילן, אין בעסטן פאַל, נוטה זיין צו פאַרפּודערן דעם קרעציגן פּנים פון אונזער אָרדענונג. אָבער אויב זייערע אייגענע ציפערן קאָנען ניט פאַרבאָרגן פון אונז די העסלעכע וואונדן פון דער איצטיגער אָרדענונג, קאָנען מיר זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר א פאַרזעעניש מיר וואָלטן פאַר זיך דער־זען, ווען מיר וואָלטן געהאט אונזערע ציפערן.

די באַפעלקערונג פון די פ. ש. 1920—1930 (לויטן רעגירונגס־צענזוס)

1טן יאנואר — 1920			1טן אפריל — 1930		
מענער	פרויען	צוזאמען	מענער	פרויען	צוזאמען
53,900,431	51,810,189	105,710,620	62,137,081		122,775,046
שטאָטישע באַפעלקערונג	דאָרפישע באַפעלקערונג	צוזאמען	שטאָטישע באַפעלקערונג	דאָרפישע באַפעלקערונג	צוזאמען
54,304,603	51,406,017	105,710,620	68,954,823	53,820,223	122,775,046

ווייסע, היגע געבאָרענע—1930		ווייסע, פרעמד געבאָרענע—1930		נעגער־באַפעלקערונג—1930	
מענער	פרויען	מענער	פרויען	מענער	פרויען
48,010,145	47,487,655	7,153,709	6,212,698	5,855,669	6,035,474

צאָל פון די באשעפטיקטע אין די פאַראייניגטע שטאַטן אין 1930 לויט די פאַרשידענע אינדוסטריעס

(לויטן וואָרלד אַלמאַנאַך, 1932)

באַשעפטיגונגען	מענער	פרויען	צוזאמען
לאַנדווירטשאַפט	9,568,347	913,976	10,482,323
וואַלד־ארבעט און פיש־פאַנג	266,876	3,249	270,125
*) מינעראַל־ארבעט	1,147,770	10,294	1,158,064
פאַבריקאַציע און מעכאַנישע אינדוסטריעס	11,901,247	2,416,288	14,317,535
טראַנספּאָרט ארבעטער	3,990,875	447,730	4,438,605
האַנדל און אָפיס ארבעטער	5,820,642	1,716,348	7,537,026
„פּאָבליק סורוויס" אָנגעשטעלטע	934,581	123,323	1,057,904
**) פּראָפעסיאָנעלע לייסטונגען	1,663,409	1,762,795	3,425,844
***) הויז און פּערזענלעכע לייסטונגען	1,662,707	3,149,391	4,812,098
פאַרשידענע ארבעטן	1,097,701	235,364	1,333,065
צוזאמען	38,053,795	10,778,794	48,832,589

*) מינעראַל־ארבעט נעמט אריין אין זיך קוילן־גרעבער, אויל און גאַז־קוואַלן, מעטאַל־גרעבער, מירמלשטיין, גראַפיט און גראַניט־גרעבער, א. א. וו.

**) אין די גרופּירונגען פון פּראָפעסיאָנעלע לייסטונגען גייען אריין: באשעפטיגטע אין די פאַרוויילונגס־פּלעצער, אר־טיסטן, שרייבער, מוזיקער, דאָקטוירים, דענטיסטן, דראַג־קלערקס, א. א. וו.

***) אין דער גרופּע פון הויז און פּערזענלעכע לייסטונגען גייען אריין: באשעפטיגטע אין האָטעלן, רעסטאָראַנען, באָרדינג־הייזער, לאַנדרים, ביוטי־פּאַרלאָרס, דינסטן, א. אז. וו.

מיר זעען, אז אין די צאָל פון די „באשעפטיגטע" גייען אויך אריין א געוויסע צאָל ניט־פּראָלעטארישע עלעמענטן, ווי די אייגנטימער, מענעדזשערס, פאַרלייט א. א. וו. די קאפּיטאליסטישע סטאטיסטיקער ווילן אָבער מאכן דעם איינדרוק, אז זיי זיינען אויך באַשעפטיגט. אויך דאַרף מען געדענקען, אז אין דער לאַנדווירטשאַפט אין די גוטע צייטן זיינען נאָר פאַראַן אמתע פּראָלעטאריער, וואָס ארבעטן פאר שכירות — 2,727,035. די איבעריגע זיינען מערסטנס אייגנטימער פון קליינע פארמס, אָדער מיטגלידער פון פאַמיליעס, וואָס פארמעגן קליינע פארמס, אָדער רענטערס פון פארמס. מערסטע אייגנטימער פון קליינע פארמס זיינען נאָר נאָמינעלע אייגנטימער. אין דער אמתן זיינען זיי נאָר אומזיסטע שקלאַפן און די פארמס באַלאַנגען פאַקטיש צו די מאָרטגיידזש קאָמפּאַניעס, אָדער צו די לאַנדווירטשאַפטלעכע באַנקען. די צאָל פון די וואָס האָבן גערענטעט פארמס אין 1930 איז געווען 2,664,365. (מ'דאַרף געדיינקען, אז די צאָל פון די ארבעטלאָזע צום סוף פון יאָר 1930 וואָס האָט באַטראָפן נאָענט צו צוועלף מיליאָן גייט אויך אריין אין דער צאָל פון „באַשעפטיגטע"). ארונטערּרעכענענדיג די פארם־אייגנטימער און א טייל פון דער גרופּע פּראָפעסיאָנעלע לייסטונגען, ווי אויך די גרופּע באָסעס, מענעדזשערס און פאַרלייט, קאָנען מיר קומען צום שלוס, אז די צאָל פון די פּראָלעטאריער אין די פאַראייניגטע שטאַטן צום סוף 1930 האָט דערגרייכט ארום 35 מיליאָן.

דער נאַציאָנאַלער פארמעגן פון די פאראייניגטע שטאַטן

(אפגעשאצט, לויט די „נעשאנאל אינדוסטריעל קאנפערענס באארד")

יאָר	דער נאַציאָנאַלער פארמעגן	באַטרעפט אין דורכשניט אויף יעדן נפש	נאַציאָנאַלער איינקונפט	באַטרעפט אין דורכשניט אויף יעדן נפש
1929	$400,000,000,000	$3,278	$84,000,000,000	$692
1932	200,000,000,000	1,639	42,000,000,000	346

די נאָכפאָלגנדיקע טאַבעלע ווייזט אונז, ווי עס ווערט איצט צעטיילט די עשירות פון לאַנד צווישן די פארשידענע קלאַסן.

צעטיילונג פון רייכטום לויט פּראָצענט

קלאַסן	פּראָצ. פון דער גאַנצער באַפעלקערונג	פּראָצענט פון פאַרמעגן
גרויסע קאַפּיטאַליסטן	1%	59%
קליינבירגערטום	12%	31%
פּראָלעטאריער, ארבעטנדיקע פארמערס און קליינע, האַרעפּאַשנע שאָפּ־אייגנטימער	87%	10%
	100%	100%

אויף אזא אופן זעען מיר, אז נאָר א י י ן פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג — די גאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן אליין גאָרנישט געטאָן, פארמאָגט 59 פּראָצענט פון דער גאַנצער עשירות פון לאַנד און אַלע האָרעפּאַשניקעס צוזאַמענגענומען — ארבעטער, פארמערס, באַלמעלאָכעס און קליינינקע בעל־הבתים, אייגנטימער, וואָס מאַכן אויס 87 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, פארמאָגן נאָר צען פּראָצענט פון דעם גאַנצן רייכטום.

עס מאַכט ניט שטאַרק אויס וואָס די טאַבעלן, וואָס מיר גיבן דאָ זיינען ניט אַלע פון דעמזעלבינן יאָר. די פריערדיגע טאַבעלע איז פון יאָר 1926 און מיר ווייסן, אז — וואָס, וואָס, רייכער זיינען די ארבעטער זינט 1926 ביז איצט געווויס ניט געוואָרן. די פאָלגנדיגע טאַבעלע ווייזט אונז, ווי עס ווערט צעטיילט דער יערלעכער איינקונפט לויט די קלאַסן. די טאַבעלע איז פון יאָר 1928, דער סאַמע שפּיץ פון דער „פּראָספּעריטי־כוואַליע".

וויכטיקע ווערטער און אַפּקירצונגען

קאָמבינירטע ווערטער וואָס ווערן געברויכט אין דער ארבעטער ליטעראַטור דאָ און אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד

א.

א. א. א. — אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער ארדן. (דאָס זעלבע ווי אי־דאַבליו־אַ אין ענגליש), אָפטמאָל אויך באַנוצט ווי — אידישער ארבעטער אוניווערזיטעט.

אבלאָיספּאָלקאָם — דיסטריקט עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון א סאָוועטישן געגנט.

אגפּאו — סאָוועטישע פּאָליטישע פאַרוואַלטונג (אָפּגעשאַפט).

אַגיטפּראָפּ — אַגיטאַציע ־פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג.

אַגראָטעכניק — די טעכניק פון ערד־ארבעט.

אַוויאָטרעסט — שטאַט־טראַסט פאַר לופט פליערײַ אין ס. פ.*)

אוויאָכים — די געזעלשאַפט פאַר לופט און כעמישע פארטיידי־קונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אויספּירקאָם — עקזעקוטיוו־קאָמיטעט (אין ס. פ.)

אוקרגעזערד — אוקראַינישער געזעלשאַפטליכער קאָמיטעט פאַר אידישער ערד-ארבעט.

אוקרפאָלקאָמערד — אוקראַינישער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערד־עננים.

אוקרקאָמערד — אוקראַינער קאָמיטעט פאַר ערד איינאָרדענונג פון אידן.

אוססר — אוקראַינער סאָציאַליסטישע סאָוועטן-רעפּובליק.

אַזנעפט — אזערבאַישאַנער נאַפט־טרעסט.

אָזעט — געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן אַגריקולטור צווישן אידן (אין ס. פ.) דער נאָמען פון „געזערד” אין רוסיש.

אידסעקטאָר — אידישער אָפּטייל.

אידסעקציע — אידישע סעקציע (פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי).

אי דאָבליו אָ — אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער ארדן.

אי-דאָבליו-דאָבליו — אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָרלד (א סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין אמעריקע).

איוואָ — אידישער וויסענשאַפטלעכער אינסטיטוט, אין ווילנע.

איטאַ — אידישע טעלעגראַפן אַגענטור (א בירגערלעכע אונטער־נעמונג אויף צו זאמלען נייס פאַר צייטונגען).

איי-עף-אָוו-על — אמעריקאַנער פעדעראַציע פון טרייד־יוניאָנס.

אינסנאַב — קראָמען צו באַזאָרגן אויסלענדער (אין סאָוועטן־פאַרבאַנד). (אָפּגעשאַפט לעצטנס).

אינטוריסט — סאָוועטישע געזעלשאַפט פאַר אויסלענדישע רייזנדע.

אינדפינפּלאַן — אינדוסטריעלער פינאַנץ־פּלאַן.

אינפּרעקאָר — אינטערנאַציאָנאַלע פּרעס־קאָרעספּאָנדענץ.

איקאָר — אמעריקאַנער פאָלקס־געזעלשאַפט פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַלקפּ (ב) — אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. (ס. פ.)

אַסטאָרג — סאָוועטיש־אמעריקאַנישע האַנדלס־אָרגאַניזאַציע.

אמקינאָ — פאַרטרעטערשאַפט פון דער סאָוועטישער פילם־אינ־דוסטריע אין אמעריקע.

אָמקניגאָ — פאַרטרעטערשאַפט פון סאָוועטישן ביכער־פאַרלאַג אין אמעריקע.

אָסעק — א אידיש־לעטישע געזעלשאַפט צו העלפן די אידישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (דאָסזעלבע וואָס אי־קאָר).

אָסאָאָוויאַכים — געזעלשאַפט פאַר כעמישע און לופט־פאַר־טיידיקונג (אין סאָוועטן־פאַרבאַנד).

אָ. ר' — ארבעטער־רינג.

אָרבדאָרפקאָר — ארבעטער־דאָרף קאָרעספּאָנדענט.

אַרבפאָקנ — ארבעטער־פאַקולטעטן.

אָרבקאָאָפּ — ארבעטער־קאָאָפּעראַטיווע.

ב.

ב. ב. — בירא־בידזשאַן.

בילדאָרגאַן — בילדונגס־אָרגאַניזאַציע, אָדער בילדונגס־אָרגאַן.

בראזקאר — בראַזילער איקאָר.

ג.

גאָסבאַנק — מלוכה באַנק.

גאָסאיזדאַט — סאָוועטישער מלוכה־פאַרלאַג.

גאָספּלאַן — דער מלוכה־פּלאַן (אין סאָוועטן־פאַרבאַנד).

געזערד — געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פאַר אידישער ערד־איינאָרדנונג אין ס. פ.

ד.

דאָבליו-איי-אָר — אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער הילף.

דאל-ליעס — דער וואַלד טרעסט אויפן ווייט'ן מזרח (סאָוועטיש).

דאָנבאַס — דאָנעצער באַסיין (דער דאָנעצער קוילן און ערץ־ראַיאָן אין דרום־טייל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד).

דראַמסעקציע — דראַמאַטישע סעקציע.

וו.

וואוז — אוניווערזיטעט, קאָלעדזש אין סאָוו. פאַרבאַנד.

וואַי-סי-על — יוגנטלעכע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ענג־ליש־ריידנדיקע לענדער.

וואָלאיספּאָלקאָם — אויספיר קאָמיטעט פון וואָלאַסט (דאָרף קרייז).

וואָקס — סאָוועטישע געזעלשאַפט פאַר קולטורעלע באַציאונגען מיט אויסלאַנד.

וויק — דאָסזעלבע וואָס וואָלאיספּאָלקאָם.

וולקסמ — די אַלסאָוועטישע קאָמוניסטישע ליגע פון דער יוגנט (קאָמסאָמאָל).

---

*) ס. פ. — סאָוועטן פאַרבאַנד.

וונ׳עָטשטאָרג — קאָם סאָריאט פאר׳ן אויסלענדישן האנדל.

ווסבר — יייס־יסישע סאָציאליסטישע סאָוועטן רעפובליק.

ווסעראָבאָטזעמלעס — די יוניאָן פון לאַנד און וואלד ארבעטער אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

ווסעראָביס — די יוניאָן פון קונסט־ארבעטער אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

וציק — דער אַל־רוסלענדישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט (ס. פּ.)

וצבפס — דער אלפאַרבאַנדישער צענטראלער קאָמיטעט פון די יוניאָנס (ס. פּ.)

ז.

זאָגס — רעגיסטראַציע־אַפּיס פאר פאַמיליע־ענינים.

זאָוועקאָם — פאַבריק־קאָמיטעט (סאָוו. פאַרבאַנד).

זשילסאָיוז — וואוינונג־פאַרבאַנד (ס. פּ.)

ט.

טאָס — סאָוועטישע טעלעגראַפן אַגענטור.

טאָרגסין — סאָוועטישע רעגירונגס־געשעפטן וואָס פאַרקויפן סחורות פאר אויסלענדישע געלט. (לעצטנס אפגעשאַפט).

טאָרגפּרעד — האַנדלס־פאָרטרעטער פון דער סאָוועט־רעגירונג.

טורקסיב — די טורקעסטאַן־סיבירער אייזנבאַן ליניע.

טעמ־יזיק — טעאַטער און מוזיק אַפּטייל ביים פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר בילדונג.

טסעקאָ — די אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע צו באַקעמפן די קאָנטער־רעוואָלוציע (האָט עקזיסטירט ביז 1924).

י.

יו־עס־עי — די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

א. ל. ג. וו. י. — אינטערנעשאַנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

יעווסעק — איינער, וואָס באַלאַנגט צו דער אידישער סעקציע פון דער קאָם. פּאַרטיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

יעווסעקציע — די אידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ס. פּ. (אָפּגעשאַפט אין 1930).

כ.

כ. ט. ז. — כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד.

ל.

ליקבעז — באַזונדערע געזעלשאַפט צו ליקווידירן אַנאַלפאַבעטיזם (יעדערער זאָל קענען לייענען און שרייבן).

מ.

מאָפּר — אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער פאַרטיידיקונג, דאָסזעלבע וואָס אין אַמעריקע — "איי־על־די".

מ. ט. ס. — מאַשינען־טראַקטאָר סטאַנציע (אין ס. פּ.)

מעזשראָבפּאָם — אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער הילף (דאָסזעלבע וואָס אין אַמעריקע „דאַבליו־אַי־אַר").

מעסטראָם — ראַמיטעט פון אָנגעשטעלטע אין אַן אונטערנעמונג (ס. פּ.)

נ.

נאַצמינ־ר — נאַציאָנאַלע מינדערהייט אָדער פאַרייאַלטער מיט׳ן אָפּטייל פאר נאַצ. מינדערהייטן (ס. פּ.)

נאַרסור — פאָלקס־געריכט.

נאַרקאָם — פאָלקס־קאָמיסאַר.

נאַרקאָמאַט — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט.

נאַרקאָמאינדעל — דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר אויסלענדישע ענינים (ס. פּ.)

נעפּ — נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק.

נקז — דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר ערד־ענינים (ס. פּ.) (דאָסזעלבע וואָס פאָלקאָמערד).

ס.

סאָווירט — סאָוועטישע ווירטשאַפט. (מלוכה־פאַרמס).

סאָווכאָז — דאָס זעלבע וואָס סאָווירט.

סאָוונאַרקאָם — דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן.

סאָיוזקינאָ — טרעסט פון דער סאָוועטישער פילם־אינדוסטריע.

סאָיוזלעספּראָם — דער פאַרבאַנד פון דער וואַלד־אינדוסטריע (ס. פּ.)

סאָצאָפּמאַך — סאָציאַליסטישער אָפּמאַך.

סאָצגעוועט — סאָציאַליסטישער געוועט.

ס. ס. ס. ר. — דער פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוועט־רעפובליקן. (אויף רוסיש).

ס. פּ. — סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ס. פּ. — סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (אַמעריקע).

ספּאָרטאינטערן — דער ספּאָרט אינטערנאַציאָנאַל.

ספּעץ — ספּעציאַליסט.

ספּעצסטאַוואָקאַ — דער געהאַלט וואָס עס באַקומט דער ספּעציאַליסט.

ספּעצקאָר — ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט.

פּ.

פּאָליטביוראָ — פּאָליטישע ביוראָ ביים צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פּאָליטפּראָסוועט — די קאָמיסיע פאר פּאָליטישער אויסבילדונג.

פּאָלפּרעד — אַמבאַסאַדאָר.

פּאָליטרוק — פּאָליטישער אינסטרוקטאָר אין דער אַרמיי.

פּאַרטקאָם — פּאַרטיי קאָמיטעט.

פּעדטעכניקום — פּעדאַגאָגישער טעכניקום, וואו עס ווערן צוגעגרייט לערער.

פּראָלעטפּען — אידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

פּראָפאָרגאַן — פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַן.

פּראָפינטערן — אינטערנאַציאָנאַל פון די רעוואָלוציאָנערע טרייד־יוניאָנס.

פּראָקאָר — דער איקאָר אין אַרגענטינע.

פ.

פאַבזאַוואָוטש — פאַבריק־שולע. (פאַבזאַווושול).

פאַבזאַווקאָם — פאַבריק אָדער שאַפּ־קאָמיטעט (ס. פּ.)

פאָלקאָמאַרבעט — דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר ארבעט־ענינים.

פאָלקאָם־באַזאָרג — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר נעזעלשאַפטלעכער באַזאָרגונג פון נויטבאַדערפטיקע.

פאָלקאָמבילד — דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר בילדונגס־ענינים.

פאָלקאָמפּאָרקער — דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר פּאָסט, טעלעגראַף און ראַדיאָ.

פאָלקאָמפין — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר פינאַנציעלע ענינים.

פינפּלאַן — פינאַנציעלער פּלאַן.

פינאַנסבעקטאָר — שטייער־אינספּעקטאָר.

פינאָטדעל — פינאַנס־דעפּאַרטמענט (ס. פּ.)

פ. ס. ס. ר. — פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועט־רעפובליקן.

פ. ס. י. — פריינד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

צ.


צ״יק — צענטראלער אויספיר קאָמיטעט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.
צ. ק. ק. — צענטראלע קאָנטראָל קאָמיסיע ביי דער פּארטיי.

ק.

קאַנטקאָם — געגנט־קאָמיטעט (ס. פּ.)
קאָלווירט — קאָלעקטיווע ווירטשאפט (קאָלכאָז).
קאַמיוג — קאמוניסטישע יוגנט ארגאַניזאציע.
קאָמזעט — רעגירונג־קאָמיסיע פאר דער ערד־איינאָרדנונג פון ארבעטנדיקע אידן (אין ס. פּ.) (קאָמערד).
קאָמסאָמאָל — דאָסזעלבע וואָס קאָמיוג.
קאָמסאָמאָלעץ — א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט אָר־גאַניזאציע.
קאָמערד — קאָמזעט.
קאָמינטערן — דער קאָמוניסטישער (דריטער) אינטערנאַציאָנאַל.
קאָמסאָסטאַוו — קאָמאַנדיר־באַשטאַנד פון דער רויטער ארמיי.
קאָמפּארטיי — די קאָמוניסטישע פּארטיי.
קאָמפּרעסע — די קאָמוניסטישע פּרעסע.
קוזבאָס — דער קוזנעצקער באסיין (אין מיטל־סיביר).
קים — דער קאָמוניסטישער יוגנט אינטערנאַציאָנאַל.
ק. פּ. (ב) — קאָמוניסטישע פּארטיי (באָלשעוויקעס).
קרעסטאינטערן — דער פּויערשער אינטערנאַציאָנאַל.

ר.

ראַבפּאַק —ארבעטער־פּאקולטעט (ס. פּ.)
ראַבקאָאָפּ — ארבעטער-קאָאָפּעראציע (ס. פּ.)
ראַבקאָר — ארבעטער קאָרעספּאָנדענט.
ראַטווירט — סאָוועטישע ווירטשאפט (סאָווירט, סאָווראָז).
ראטפּאָלקאָם — סאָוונאַרקאָם.
רייאויספּירקאָם — ראַיאָנער אויספיר קאָמיטעט.
רייבילדאָפּטייל — ראַיאָנער בילדונגס־דעפּארטמענט.
רייגעווערבפאַרבאַנד — ראַיאָנער געווערב פאַרבאַנד.
רייפּראָפּראט — ראַיאָנער טרייד־יוניאָן־ראָט.
רייקאָם — ראַיאָנער אויספיר קאָמיטעט.
רייקוסטנעווערבפאַרבאַנד — ראַיאָנער פאַרבאַנד פון די קוס־טאר-נעווערבן.
ר. ס. פּ. ס. ר. — רוסישע סאָציאליסטישע פעדעראטיווע סאָ-וועטן רעפּובליק.
רעדקאָלעגיע — רעדאקציע־קאָלעגיע.



אַ פאַרקלענערטע פאָטאָגראַפיע פון שער-בלאַט פון איקאָר פאָלקס-בוך, צייכענונג פון ח׳ זאָלאָטאַראָוו.

די וויכטיגסטע דאַטעס אין דער געשיכטע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד

1917־1935 יאָר

1917 יאָר

12טער מערץ (27 פעברואר). אראפגעווארפן די זעלבסט־הערשונג. געשאפן דעם פעטראגראדער ראט פון ארבעטער־דעפוטאטן.

15טער מערץ. ניקאליי דער צווייטער האט זיך אפגעזאגט פון טראן. געשאפן געווארן א צייטווייליגע רעגירונג.

16טער אפריל. פון דער עמיגראציע קערט זיך אום קיין פעטראגראד וו. אי. לענין.

17טער אפריל. לענינס פארטראג אויף דער בעראטונג פון די באלשעוויקעס וועגן די אויפגאבן פון דער פארטיי. לענינס „אפריל־טעזיסן".

3—4טער מאי. די „אפרילישע" מאסאווע דעמאנסטראציע אין פעטראגראד קעגן דער צייטווייליגער רעגירונג.

7—12טער מאי. אלרוסלענדישע אפריל קאנפערענץ פון דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער פארטיי (באלשעוויקעס) אין פעטראגראד. די צונויפשליסונג פון דער פארטיי אויפ'ן יסוד פון דער לענינישער פלאטפארם.

17טער מאי — 11טער יוני. אלרוסלענדישער צוזאמענפאר פון די פויערישע דעפוטאטן. לענינס רעדע וועגן דער אגראר־פראגע.

16טער יוני — 7טער יולי. ערשטער אלרוסלענדישער צוזאמענפאר פון די ראטן פון ארבעטער־און סאלדאטן דעפוטאטן. לענינס רעדע וועגן דער באציאונג צו דער צייטווייליגער רעגירונג און צו דער מלחמה.

13-16טער יולי. די יולי־דעמאנסטראציע פון די ארבעטער און סאלדאטן אין פעטראגראד מיט באלשעוויסטישע לאזונגען: „נידער מיט די 10 מיניסטארן־קאפיטאליסטן"! און „די גאנצע מאכט די ראטן"! דאס קאנטער־רעוואלוציאנערע מיליטער האט צעטריבן די דעמאנסטראציע.

19טער יולי. באשלוס פון דער צייטווייליגער רעגירונג וועגן ארעסטירן לענינען. לענין גייט אריבער אויף אן אומלעגאלער לאגע.

8—16טער יולי. 6טער צוזאמענפאר פון דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער פארטיי (באלשעוויקעס) אין פעטראגראד. סטאלינס פארטראג — דער פאליטישער באריכט פון צ. ק. און וועגן דעם איצטיגן מאמענט.

[illegible]טער אויגוסט. [illegible]

[illegible]

7-12טער סעפטעמבער. קארנילאוו'ס קאנטער־רעוואלוציאנערער בונט.

13טער סעפטעמבער. דער פעטראגראדער ראט האט אנגענומען די באלשעוויסטישע רעזאלוציע.

25—27טער סעפטעמבער. לענינ'ס בריוו צום צ. ק. פון פעטראגראדער און מאסקווער קאמיטעטן. „די באלשעוויקעס דארפן נעמען די מאכט".

אויגוסט־סעפטעמבער. לענינ'ס ווערק „מלוכה און רעוואלוציע".

20טער אָקטאָבער. זיך געעפנט דער ראט פון דער רוסלענדישער רעפובליק (פארפארלאמענט). די דעקלאראציע און דאס אוועקגיין פון די באלשעוויקעס פונ'ם פאר־פארלאמענט.

23טער אָקטאָבער. א זיצונג פונ'ם צ. ק. פון די באלשעוויקעס מיט לענינס אנטייל. אנגענומען די רעזאלוציע וועגן צוגרייטן א באוואפנטן אויפשטאנד.

26טער אָקטאָבער. געגרינדעט דעם מיליטעריש־רעוואלוציאנערן קאמיטעט פון פעטראגראדער ראט.

29טער אָקטאָבער. א זיצונג פון צ. ק. פון די באלשעוויקעס מיט'ן אנטייל פון לענינען און פארשטייער פון די פארטיי־סימפאטיקער וועגן דער „סטרייק־ברעכעריי" פון קאמענעווען און זינאוויעוון, וואס זיינען ארויסגעטראטן אין דער ניט־פארטייאישער פרעסע קעגן דעם באשלוס פון צ. ק. וועגן א באוואפנטן אויפשטאנד.

נאָוועמבער איבערקערעניש

7טער נאָוועמבער. דער זיג פונ'ם באוואפנטן אויפשטאנד אין פעטראגראד. אראפגעווארפן קערענסקיס צייטווייליגע רעגירונג. די מאכט איז אריבער צום מיליטעריש־רעוואלוציאנערן קאמיטעט פון פעטראגראדער ראט.

7-9טער נאָוועמבער. אל־רוסלענדישער צוזאמענפאר פון ארבעטער־און סאלדאטן דעפוטאטן. אנגענומען אן אויפרוף „צו די ארבעטער, סאלדאטן און פויערים" וועגן דעם, אז די מאכט איז איבערגעגאנגען צו די ראטן. באשטעטיגט די דעקרעטן וועגן שלום און ערד. געגרינדעט די ראטן־רעגירונג, אנגעפירט פון דעם ראט פון די פאלקס־קאמיסארן מיט לענינען אין דער שפיץ.

8טער נאָוועמבער. דער מיליטעריש־רעוואלוציאנערער קאמיטעט אין מאסקווע האט פארכאפט די מאכט.

14טער נאָוועמבער. צוקלאפט קערענסקיס קאנטער־רעוואלוציאנערן מיליטער הינטער גאטשינע. קערענסקי איז אנטלאפן

15טער נאָוועמבער. די דעקלאראציע וועגן דער רעכט פון די פעלקער אין רוסלאנד. ליקווידירט דעם ווייס־גווארדייאישן אויפשטאנד אין מאסקווע, וואס האט זיך אנגעהויבן דעם 9טן נאָוועמבער.

20טער נאָוועמבער. פארעפנטליכט די ווענדונג פון צ. ק. פון דער פארטיי וועגן דעם, אז עס האבן רעזיגנירט זינאוויעוו, קאמענעוו, ריקאוו א. אנד., וואס זיינען דעם 17טן נאָוועמבער ארויס פון באשטאנד פון צ. ק. און ראטפאלקאם.

23טער נאָוועמבער. אנגעהויבן פארעפנטליכן די געהיימע אימפעריאליסטישע אפמאכן.

27טער נאָוועמבער. דער געזעץ וועגן ארבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און האנדל.

3טער דעצעמבער. אָנגעהויבן זיך אין בריסק די שלום־אונטערהאנדלונגען מיט דייטשלאנד, עסטרייך־אונגארן, בולגאריע און טערקיי, ליקווידירט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע סטאַווקע אויפ'ן פראָנט.

9־23טער דעצעמבער. דער צווייטער אַל־רוסלענדישער צוזאמענפאָר פון די ראטן פון די פויערים־דעפּוטאטן באוויליגט די טעטיגקייט פונ'ם ראטפאָלקאָם.

14טער דעצעמבער. דער דעקרעט וועגן ארגאניזירן דעם העכסטן ראָט פאָר פאָלקס־ווירטשאפט.

18־26טער דעצעמבער. ערשטער אַל־אוקראַינישער ראטן־צוזאמענפאָר אין קיעוו־כארקאָוו. געשאפן די ראטן־רעגירונג אין אוקראַינע.

20טער דעצעמבער. דעקרעט וועגן שאפן די אַל־רוסלענדישע אויסערארדנטלעכע קאָמיסיע צו קעמפן קעגן קאָנטר־רעוואָלוציע און סאבאָטאַזש.

27טער דעצעמבער. דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזירן די באַנקן.

1918 יאָר

14טער יאַנואַר. ערשטער אַטענטאָט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע אויף חבר לענין אין (פּעטראָגראד) לענינגראד.

18טער יאנואר. געעפנט געווארן און צוטריבן געווארן די גרינדונג־פארזאמלונג.

23טער יאנואר. דריטער אַל־רוסלענדישער ראטן־צוזאמענפאָר. באשטעטיגט געווארן די „דעקלאראציע פון די רעכט פונ'ם ארבעטנדיקן און עקספּלואטירטן פאָלק". ז

29טער יאנואר. ארבעטער־אויפשטאנד אין קיעוו קעגן דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פּעטליורישער צענטראַלער ראַדע.

23טער פעברואר. פארעפנטליכט געווארן דער דעקרעט וועגן ארגאניזירן די ארבעטער־פויערישע רויטע ארמיי.

3טער מערץ. אונטערגעשריבן דעם ברעסט־ליטאָווסקער שלום אָפּמאך.

6טער מערץ. זיבעטער צוזאמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פּארטיי. געענדערט דעם נאָמען אויף רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּארטיי (באָלשעוויקעס).

5טער אפריל. ענגלישע און יאפּאַנעזישע קריגס־שיפן אין וולאַדיוואָסטאָק. אָנהויב פון דער אינטערווענציע אויפן ווייטן מזרח.

22טער אפריל. דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזירן דעם אויסערן האנדל.

27טער אפריל. ענגלישע קריג־שיף דיסמאַנט אין מור־מאנסק. אָנהויב פון דער אינטערווענציע אין צפון.

28טער אפריל. דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזירן די גרויסע אינדוסטריע.

4־10טער יולי. פינפטער אַל־רוסלענדישער ראטן־צוזאמענפאָר.. אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון סאָוועטן־פארבאנד.

6־7טער יולי. לינק־עסערישער בונט אין מאָסקווע. ווייס־גווארדייאישער אויפשטאנד אין יאראָסלאָוו, ריבינסק און אין מוראָם.

16טער יולי. דערשאָסן דעם בלוטיגן צאר ניקאָלאַי דעם צווייטן אין יעקאטערינבורג.

30טער אויגוסט. אַטענטאַט אויף לענינען.

20טער סעפּטעמבער. צושאָסן נאָענט פון קראסנאָוואָדסק 26 באקוער קאָמיסארן לויט דער פאראָרדנונג פון די ענגלישע אינטערווענטן און פון דער עסערישער טראנסקאספּישער רע־גירונג.

7טער אָקטאָבער. די רויטע ארמיי האָט גענומען סאמארע, באפרייט וואָלגע פון די טשעכאָסלאָוואַקן.

9טער נאָוועמבער. די רעוואָלוציע אין דייטשלאנד.

13טער נאָוועמבער. דעקרעט וועגן אנולירן דעם בריסקער שלום.

30טער נאָוועמבער. דעקרעט וועגן דערקלערן דאָס ראטנ־לאנד אלס מיליטערישן לאגער און וועגן שאפן דעם ראָט פון ארבעטער־פויערים שוץ. (שפּעטער „סטאָ") מיט לענינען אין דער שפּיץ.

1919 יאָר

1טער יאנואר. געשאפן די סאָוועטישע רעגירונג אין ווייס־רוסלאנד.

3טער יאַנואַר. די רויטע ארמיי האָט באפרייט כארקאָוו פון די דעניקינצעס.

8טער פעברואר. ארונטערגעווארפן די קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערע צענטראַלע ראַדע אין קיעוו.

14טער פעברואר. פארעפנטליכט דעם דעקרעט וועגן סאָ־ציאַליסטישער ערד־איינארדענונג און וועגן די מאָסמיטלען ארי־בערצוגיין צו סאָציאַליסטישער ערד־ארבעט.

2טער מערץ. ערשטער (גרינדונגס) קאָנגרעס פון קאָמו־ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

2־6טער מערץ. ערשטער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע. געגרינדעט דעם קאָמינטערן.

18־23טער מערץ. אכטער פּארטיי־צוזאמענפאָר. באשטע־טיקט די נייע פּראָגראם. אָנגענומען א רעזאָלוציע וועגן דער באציאונג צו מיטל־פויערטום.

26טער מערץ. עס הויבט אָן דערשיינען די ערשטע רויט־ארמייאישע צייטונג.

6טער אפריל. דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט פארנומען אָדעס. ליקווידירט די אינטערווענץ אויפ'ן דרום.

17טער אפריל. אָנהויב פונ'ם אנגריף פון דער רויטער ארמיי אויפ'ן מזרח־פראָנט.

26טער אפריל. די רויטע ארמיי האָט צעקלאפּט קאָל־טשאקן אין בוזולוק־בוגורוסלאנדער ראַיאָן.

16טער מאַי. יודעניטש מיט זיין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער ארמיי מאכט אָנגריף אויף פּעטראָגראד (איצט לענינגראד).

9טער יוני. רויטע ארמיי האָט פארנומען אופאַ.

24טער אויגוסט. לענינס בריוו צו די ארבעטער און פויע־רים וועגן דעם נצחון איבער קאָלטשאק'ן.

27טער אויגוסט. עוואקואציע פון ענגלישן מיליטער פון אַרכאַנגעלסק.

19טער סעפּטעמבער. אָנהויב פון דעם אנגריף פון דער רויטער ארמיי אויפ'ן דרום־פראָנט. צעקלאפּט די ווייסע קאַוואַ־לעריע הינטער וואראָנעזש.

14טער נאָוועמבער. ליקווידירט יודעניטשעס אַוואַנטיורע. די רויטע ארמיי האָט גענומען אָמסק.

24טער דעצעמבער. אַכטע קאָנפערענץ פון סאָוועטן־פאר־באנד. די רעזאָלוציע וועגן דער ראטן־מאכט אויף אוקראַינע.

28טער דעצעמבער. לענינס בריוו צו די ארבעטער און פויערים פון אוקראַינע וועגן דעם נצחון איבער דעניקינען.

1920 יאָר

5טער יאַנואַר. באַשלוס פון „וציק" (צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון דער סאָוועט־רעגירונג) צו עלעקטריפיצירן די אינדוסטריע.

8טער יאַנואַר. צושלאָגן קאָלטשאַקס ארמיי. ליקווידירט דעם מזרח־פראָנט. די רויטע ארמיי האָט גענומען ראָסטאָוו.

21טער פעברואַר. רויטע ארמיי פאַרנעמט אַרכאַנגעלסק און ליקווידירט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע צפון־רעגירונג.

27טער אפּריל. פּראָקלאַמירט אזערבײַדזשאַנער סאָוועטן־רעפּובליק.

6טער מאַי. די רויטע ארמיי איבערגעגאַנגען אין אַנגריף אויפן פּוילישן פראָנט.

24טער מאַי. צעקלאַפּט די הויפּט־קרעפטן פון מאַכנאָ'ס באַנדעס אין הולײַ־פּאָליע.

26טער מאַי. געגרינדעט די טאַטערישע אסס"ר.

11טער יולי. באַפרייט ווייס־רוסלאַנד פון די ווייס־פּאָליאַקן.

15טער יולי. געשאַפן אין מאָסקווע דעם רעוואָלוציאָנערן צײַטווײַליקן פּראָפאַריינען־ראַט. (פּראָפּינטערן).

2טער אויגוסט. פּראָקלאַמירט געוואָרן די סאָוועטישע רעפּובליק אין ווייס־רוסלאַנד.

9טער נאָוועמבער. די רויטע ארמיי האָט גענומען פּערעקאָפּ. דער אָנהויב פון פולשטענדיקן צעקלאַפּן וראַנגלען.

14-15טער נאָוועמבער. די רויטע ארמיי האָט גענומען סימפעראָפּאָל, סעוואַסטאָפּאָל און פעאָדאָסיע.

29טער נאָוועמבער. אויפשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע אין אַרמעניע קעגן דער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער רעגירונג פון די דאַשנאַקעס. פּראָקלאַמירט געוואָרן די סאָוועטישע רעפּובליק אין אַרמעניע.

1921 יאָר

5טער יאַנואַר. געגרינדעט די אודמורטישע (געוועזענע וואָטישע) אויטאָנאָמע געגנט.

17טער יאַנואַר. געגרינדעט דער „אָסאָוויאַכים" (אָרגאַניזאַציע פאַר אַנטוויקלונג פון אוויאַציע און כעמיע).

20טער יאַנואַר. געגרינדעט די דאַגעסטאַנער אסס"ר.

5טער פעברואַר. אַראָפּגעוואָרפן די מענשעוויסטישע בורזשואַז־נאַציאָנאַלע רעגירונג אין גרוזיע, פּראָקלאַמירט די סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

25טער פעברואַר. גרוזיע דערקלערט אַלס סאָוועטישע רעפּובליק.

18טער מערץ. געשלאָסן דעם שלום־אָפּמאַך מיט פּוילן. ליקווידירט דעם קראָנשטאַטער בונט.

26-28טער מאַי. צענטע קאָנפערענץ פון ר. ק. פּ. (ב) לעגינס פּאַרטראַג וועגן דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

22 יוני — 12 יולי. דריטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן. לעגינס פּאַרטראַג וועגן דער טאַקטיק פון ר. ק. פּ. (ב).

25טער יוני. פאַרעפנטליכט דעם באַשלוס פון צ. ק. וועגן דער פּאַרטיי־רייניקונג.

10טער יולי. ליקווידירט מאַכנאָ'ס באַנדעס אין אוקראַינע.

17טער סעפּטעמבער. צעקלאַפּט די פּעטליוריסטישע באַנדעס אין אוקראַינע.

19-22טער דעצעמבער. עפנט קאָנפערענץ פון ר. ק. פּ. (ב) וועגן די אָרגאַניזאַטאָרישע אויפגאַבעס פון דער פּאַרטיי אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אויפשטעלן די ווירטשאַפט

1922 יאָר

7טער פעברואַר. ליקווידירט די ווייס־פינישע באַנדעס אין קאַרעליע.

6טער מערץ. לעגינס פּאַרטראַג אויף דער פראַקציע פון'ם מעטאַליסטן־צוזאַמענפאָר, עס איז צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן דער לאָזונג: „דער צוריקטריט איז פאַרענדיקט".

27טער מערץ — 2טער אפּריל. עלפטער צוזאַמענפאָר פון ר. ק. פּ. (ב) — דער לעצטער צוזאַמענפאָר מיט לעגינס אָנטייל. סטאַלין איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ. ק.

31טער מערץ. געגרינדעט די נגזעלשאַפט „אַלטע באָלשעוויקעס".

27טער אפּריל. געבילדעט די יאַקוטישע אסס"ר.

1טער מאַי. געלאָזן די קאַשירער עלעקטראָ־סטאַנציע.

23טער מאַי. געגרינדעט די פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

27טער יולי. געגרינדעט די אָריגייער אויטאָנאָמע סאָצ. סאָוו. רעפּובליק (אין צפון־קאַווקאַז).

7טער אויגוסט. פאָרגעקומען די צוועלפטע קאָנפערענץ פון ר. ק. פּ. (ב).

25טער אָקטאָבער. די פאָלקס־רעוואָלוציאָנערע אַרמיי פון דער ווייט־מזרח'דיגער רעפּובליק האָט פאַרנומען וולאַדיוואָסטאָק.

5טער נאָוועמבער — 5טער דעצעמבער. פערטער קאָמינטערן־קאָנגרעס. לעגינס פּאַרטראַג: „5 יאָר רוסלענדישע רעוואָלוציע און די פּערספּעקטיוון פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע".

20טער נאָוועמבער. לענין איז אַרויסגעטראָטן אויפ'ן פּלענום פון'ם מאָסקווער ראַט. עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער לאָזונג: „פון נעפּישן רוסלאַנד וועט זײַן אַ סאָציאַליסטיש רוסלאַנד".

30טער דעצעמבער. זיך געעפנט דער ערשטער ראַטן־צוזאַמענפאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, סטאַלין האָט געהאַלטן זײַן פאָרטראַג וועגן פאַראייניקן די ראַטן־רעפּובליקן. עס איז באַשטעטיקט געוואָרן די דעקלאַראַציע און דער אָפּמאַך וועגן אָרגאַניזירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

1923 יאָר

4-6טער יאַנואַר. לענין האָט פאַרעפנטליכט זײַן אַרטיקל „וועגן קאָאָפּעראַציע".

2טער מערץ. פאַרעפנטליכט לענינס לעצטן אַרטיקל „בעסער ווייניקער, נאָר בעסער".

17-25טער אפּריל. צוועלפטער צוזאַמענפאָר פון ר. ק. פּ. (ב).

8טער מאַי. ענגלאַנדס אולטימאַטום דער ראַטן־רעגירונג.

30טער מאַי. געגרינדעט די בוריאַט־מאָנגאָלישע אסס"ר.

24טער יוני. געגרינדעט די טשעטשענער אויטאָנאָמע געגנט אויפן קאַווקאַז.

6טער יולי. פאַרעפנטליכט די קאָנסטיטוציע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד (פ. ס. ס. ר.).

10טער יולי. געגרינדעט די בוריאַט־מאָנגאָלישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק.

25-27טער אָקטאָבער. פאָרגעקומען אַ פאַראייניקטער פּלענום פון צ. ק. און צ. ק. ק. וועגן דער פראַקציאָנעלער אַרויסטרעטונג פון טראָצקין און 46 טראָצקיסטן.

1924 יאָר

16-18טער יאַנואַר. 13טע קאָנפערענץ פון ר. ק. פּ. (ב)

21טער יאַנואַר. געשטאָרבן לענין.

26טער יאנואר. טרויער־זיצונג פונ׳ם צווייטן ראטן־צוזאמענפאר פון סאוועטן־פארבאנד. סטאלינס שבועה אין נאמען פון דער פארטיי אויסצופילן די לענינישע געבאטן.

27טער יאנואר. דער פלענום פון צ. ק. האט זיך געווענדט צו די ארבעטער און ארבעטערנס וועגן ווערבירן אין דער פארטיי נייע מיטגלידער — ארבעטער פון ווארשטאט.

5טער פעברואר. געשאפן די אוזבעקישע ס.ס.ר.ר. און די טאדזשיקישע א.ס.ר.ר.

31-23טער מאַי. 13טער צוזאמענפאר פון ר. ק. פּ. (ב)

8טער יולי. געגרינדעט די מאנגאלישע פאלקס־רעפובליק.

27-25טער אָקטאָבער. פלענום פון צ. ק. וועגן די ארדנט־לעכע אויפגאבעס פון דער ארבעט אין דארף.

1925 יאָר

20-17טער יאנואר. פלענום פון צ. ק. וועגן טראצקיס אנטי־פארטייאישער ארויסטרעטונג („די לעקציעס פון אקטאבער”). אראפגענומען טראצקין פון זיין פאסטן אלס פארזיצער פון רעוומיליטראט.

26טער פעברואר. געגרינדעט די טורקמענער סאוועטישע רעפובליק.

27טער פעברואר. ליקווידירט די יאפאנישע אינטערווענץ אויפ׳ן ווייטן מזרח.

29-27טער אפריל. 14טע קאנפערענץ פון ר. ק. פּ. (ב) וועגן דער מעגליכקייט פונ׳ם זיג פון סאציאליזם אין איין לאנד, וועגן דער פארטיי־פאליטיק אין דארף און וועגן דער אנטוויקלונג פון דער מעטאל־אינדוסטריע.

17טער מאַי. דער ערשטער נומער פון דער כאַרקאווער צייטונג „דער שטערן” דערשינען.

9טער יוני. סטאלינס רעדע אין סווערדלאווער אוניווער־זיטעט „פראגעס און ענטפערס”.

10-3טער אָקטאָבער. פלענום פון צ. ק. וועגן אויסערליכן האנדל, וועגן דער ארבעט צווישן דער דארפישער ארעמשאפט, וועגן דער ארבעט פון די פראפאראיינען, פארעפנטליכט א ווענ־דונג וועגן פאנאנדערוויקלען די אינערלעך־פארטייאישע דעמא־קראטיע.

6טער דעצעמבער. געלאזט די שאטורער עלעקטרא־סטאנציע.

31-18טער דעצעמבער. דער צוזאמענפאר פון אינדוסט־ריאליזאציע. סטאלינס פאליטישער באריכט פון צ. ק. אנגענומען א באשלוס וועגן דער נייער אפאזיציע (זינאוויעוו, קאמעניעוו און אנדערע). געביטן דעם נאמען פון ר. ק. פּ. (פּ) אויף אל. ק. פּ. (ב).

1926 יאָר

8-4טער אָקטאָבער. דער באשלוס פון צ. ק. וועגן די פראק־ציאנעלע ארויסקריכונגען פון די לידערס פון דער פאראייניקטער אפאזיציע (טראצקי, זינאוויעוו, סאפראנאוו, א. אנד.)

16טער אָקטאָבער. דער באשלוס פון צ. ק. וועגן דער אי־נערלעך־פארטייאישער לאגע און די דערקלערונג פון די לידערס פון דער אפאזיציע, אז זיי זאגן זיך אפּ פון פראקציאנעלער ארבעט.

19טער דעצעמבער. געלאזט אין גאנג וואלכאווברי.

1927 יאָר

22טער מערץ. ערשטער צוזאמענפאר פונם ערשטן אידישן אדמיניסטראטיוון ראיאן אין סאוועטן־פארבאנד געעפנט.

26-18טער אפריל. פארגעקומען דער 4טער סאוועטן־צו־זאמענפאר.

30טער אפריל. דער פוטילאווער זאוואד האט ארויסגע־לאזט דעם ערשטן מעכטינן לאקאמאטיוו.

30-18טער מאַי. דער אכטער פארברייטערטער פלענום פון אויספירקאם פון קאמינטערן וועגן קאמף קעגן דער מלחמה־געפאר, פאר פארטיידיקונג סאוועטן־פארבאנד און די כינעזישע רעוואלוציע, וועגן דער פראקציאנעלער ארבעט פון טראצקין, זינאוויעוון א. אנד.

27טער מאַי. איבערגעריסן די דיפלאמאטישע באציאונגען צווישן ענגלאנד און סאוועטן־פארבאנד.

> 7טער יוני. די ווייס־גווארדייער דערמארדן אין פוילן דעם פולמעכטיקסטן פארשטייער פון פסר"ר, ב. וואיקאוו.

29טער יוני — 9טער אויגוסט. דער פאראייניקטער פלע־נום פון צ. ק. און צ. ק. ק. וועגן דער צווישנפעלקערלעכער לאגע וועגן די ווירטשאפטלעכע דירעקטיוון אויפן 1928-27טן יאר און וועגן דער פראקציאנערישקייט פון טראצקין און זינאוויעוון.

27טער אויגוסט. ארויסגעלאזט „די ערשטע אינדוסטריא־ליזאציע־הלוואה”.

9טער סעפטעמבער. סטאלינס שמועס מיט דער ערשטער אמעריקאנישער ארבעטער־דעלעגאציע.

20-15טער אָקטאָבער. פארעפנטלעכט דעם מאניפעסט פון צ. א. ק. וועגן אריבערגיין אויף א זיבן־שעה׳דיגן ארבעט־טאג.

23-21טער אָקטאָבער. דער פאראייניגטער פלענום פון צ. ק. און צ. ק. ק. האט אויסגעשלאסן טראצקין און זינאוויעוון פון צ. ק.

19-2טער דעצעמבער. פארגעקומען דער 15טער צוזאמענ־פאר פון קאלעקטיוויזאציע. חבר סטאלין האט געהאלטן דעם פאליט־באריכט פון צ. ק. באשטעטיקט די דירעקטיוון צום צו־נויפשטעלן דעם פלאן פון ערשטן פינף־יאר.

1928 יאָר

25-9טער פעברואר. דער ניינטער פארברייטערטער פלע־נום פון אויספירקאם פון קאמינטערן וועגן דער טראצקיסטישער אפאזיציע.

15טער פעברואר. די סאוועטישע דעלעגאציע האט אריינ־געטראגן אין דער צוגרייט־קאמיסיע צו דער אנטוואפנונג־קאנ־פערענץ א פראיעקט וועגן אלגעמיינער פולשטענדיקער און באל־דיגער אנטוואפנונג.

28טער מערץ. צענטראלער אויספיר־קאָמיטעט פון דער סאוועטן־רעגירונג באשטימט בירא-בידזשאן פאר אידישער איינ־וואנדערונג.

28טער מאַי. חבר סטאלינס שמועס „אויפ׳ן ברויט־פראנט” מיט די סטודענטן פונ׳ם אינסטיטוט פון רויטער פראפעסור און פון סווערדלאווקע.

2טער יוני. פארעפנטליכט די ווענדונג פון צ. ק. וועגן זעלבסטקריטיק.

2טער יוני. ערשטער אלפארבאנדישער צוזאמענפאר פון די קאלווירטן אין מאסקווע.

17טער אויגוסט — 1טער אָקטאָבער. פארגעקומען דער זעקסטער קאנגרעס פון קאמינטערן. באשטעטיגט די פראגראם און דעם סטאטוט פון קאמינטערן. אנגענומען די רעזאלוציע וועגן דער לאגע אין סאוועטן־פארבאנד און אל. ק. פּ. (ב). אפגעווארפן די אפעלאציעס פון טראצקין, סאפראנאוו א. אנד.

1טער אָקטאָבער. אנגעהויבן דאס ערשטע פינף יאר.

20-16טער נאָוועמבער. פארגעקומען דער פלענום פון צ. ק. חבר סטאלין געהאלטן זיין רעדע וועגן דער אינדוסטריאלי־זאציע פון לאנד און וועגן רעכטן אפנויג אין אל. ק. פּ. (ב).

1929 יאָר

23-16טער אפריל. דער פאראייניגטער פלענום פון צ. ק. און צ. ק. ק. וועגן די אנטי־פּויערשע אנשויאונגען און דער פראקציאנעלער טעטיקייט פון בוכארין, טאמסקי און ריקאוו. חבר סטאלין געהאלטן זיין רעדע „וועגן רעכטן אפנויג אין אל. ק. פּ. (ב)".

29-23טער אפריל. די 16טע קאנפערענץ פון אל. ק. פּ. (ב) האט באשטעטיגט דעם פּלאן פון ערשטן פינף־יאר.

9טער מאַי. צענטראלער אויספיר־קאמיטעט פון אלפאר־באנדישער קאמוניסטישער פארטיי באשטימט וועגן איינפיר סאציאליסטישע געוועטן אין די פאבריקן און זאוואדן.

7טער אָקטאָבער. פארעפנטליכט סטאלינס ארטיקל „א יאר פון גרויסן איבערבראך".

17טער נאָוועמבער. די באזונדערע ווייט־מזרח׳דיגע ארמיי האט צוקלאפט דאס מיליטער פון די כינעזישע מיליטאריסטן.

1930 יאָר

2טער מערץ. פארעפנטליכט סטאלינס ארטיקל „קאפ־שווינדל פון דערפאלג".

3טער אפריל. פארעפנטליכט סטאלינס ארטיקל „א בריוו צו די חברים קאלווירטניקעס".

1טער מאַי. געלאזט די טורקעסטאנער־סיבירישע אייזנבאן „טורקסיב".

7טער יוני. געלאזט אין גאנג דעם סטאלינגראדער טראקטער זאוואד.

26טער יוני — 14טער יולי. פארגעקומען דער זעכצנטער צוזאמענפאר פון אל. ק. פּ. (ב) — דער צוזאמענפאר פון דעם פאנאנדערגעוויקלטן סאציאליסטישן אנגריף אויף די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן איבערן גאנצן פראנט. חבר סטאלין געהאלטן דעם פאליט־באריכט פון צ. ק.

27טער אָקטאָבער. די ג. פּ. או. האט אויפגעדעקט די קאנטער־רעוואלוציאנערע שעדיקערישע ארגאניזאציע—די "פראם־פארטיי".

1טער דעצעמבער. באשלוס פון צ. ק. און צ. ק. ק. וועגן דער פראקציאנעלער ארבעט פון סמירנאוו, לאמינאדזשע א. אנד.

19טער דעצעמבער. חבר מאלאטאוו באשטימט געווארן אלס פארזיצער פון ראטספאלקאם (סאוועטן־פארבאנד).

1931 יאָר

4טער פעברואר. חבר סטאלין געהאלטן זיין רעדע „וועגן די אויפגאבעס פון די ווירטשאפטלער".

17-8טער מערץ. פארגעקומען דער זעקסטער ראטן־צוזאמענפאר פון סאוועטן־פארבאנד.

25טער מערץ — 30טער אפריל. פארגעקומען דער עלפטער פלענום פון אויספירקאם פון קאמינטערן.

18טער מאַי. אריינגעטראגן אין דער אייראפעאישער קאמיסיע פון דער פעליקער־לינגע דעם סאוועטישן פראיעקט „פאקט וועגן ווירטשאפטלעכע ניט אנפאלן".

14טער יוני. געעפנט די טורקסיבער (טורקעסטאן־סיבירישע) באן־ליניע.

23טער יוני. חבר סטאלין געהאלטן זיין רעדע „די נייע אומשטענדן און די נייע אויפגאבעס פון דער ווירטשאפטליכער בויאונג". חבר סטאלינס זעקס היסטארישע אנווייזונגען.

7טער נאָוועמבער. פארגעקומען דער אל־כינעזישער ראטן־צוזאמענפאר און געשאפן געווארן א צענטראל סאוועטישע רעגירונג אין כינע.

1932 יאָר

16טער יאַנואַר. די קאבארדינע־באלקארער אויטאנאמע געגנט (אין צפון־קאווקאז) געגרינדעט.

21טער יאַנואַר. געשלאסן א ניט אנפאל־פאקט מיט פינלאנד.

30טער יאַנואַר — 4טער פעברואר. די 17טע קאנפערענץ פון אל. ק. פּ. (ב) וועגן די דירעקטיוון פון צונויפשטעלן דעם פלאן פון׳ם צווייטן פינף־יאר.

5טער פעברואר. געשלאסן א ניט אנפאל־פאקט מיט לעטלאנד.

14טער מאַי. דער ערשטער וואלכאווער אלומינום־זאוואד לאזט ארויס דעם ערשטן אלומינום אין סאוועטן־פארבאנד.

1טער יוני. פארענדיגט דעם אויפבוי אין כארקאוו פון דעם גרעסטן טורבינען־גענעראטאר זאוואד אין אייראפע.

15טער יולי. געשלאסן א ניט אנפאל־פאקט מיט פוילן.

7טער אויגוסט. פארעפנטליכט דעם באשלוס פון צ. א. ק. און ראטספאלקאם וועגן אפהיטן דאס געזעלשאפטליכע אייגנטום.

27טער אויגוסט — 15טער סעפטעמבער. דער צוועלפטער פלענום פון אויספירקאם קאמינטערן וועגן קראך פון דער קאפּיטאליסטישער סטאביליזאציע און וועגן דער צוגרייטונג צו א מלחמה־אינטערווענץ קעגן סאוועטן־פארבאנד.

28טער סעפטעמבער — 2טער אָקטאָבער. דער פלענום פון צ. ק. וועגן ארויסלאזן סחורות פון ברייטן געברויך און וועגן אנטוויקלען די שווארצע מעטאלורגיע.

10טער אָקטאָבער. געלאזן אין גאנג די דניעפרייִשע הידרא־עלעקטרא־סטאנציע.

18טער אָקטאָבער. איבערגעריסן די האנדלס־באציאונגען מיט ענגלאנד.

12טער נאָוועמבער. געשלאסן א ניט־אנפאל־פאקט מיט פראנקרייך.

1933 יאָר

1טער יאנואר. אנגעהויבן זיך דאס צווייטע פינף־יאר.

12-7טער יאנואר. דער פאראייניקטער פלענום פון צ. ק. און צ. ק. ק. וועגן די סך־הכלען פון׳ם ערשטן פינף־יאר און די אויפגאבעס פון׳ם 1טן יאר פון׳ם צווייטן פינף־יאר.

19-15טער פעברואר. פארגעקומען דער ערשטער אל־פאר־באנדישער צוזאמענפאר פון קאלווירטניקעס־שלאגלער. חבר סטאלין ארויסגעטראטן מיט א רעדע, געגעבן דעם לאזונג „מאכן קאלווירטן פאר באלשעוויסטישע און אלע קאלווירטניקעס פאר פארמעגליכע".

28טער אפריל. דער באשלוס פון צ. ק. און צ. ק. ק. וועגן דער פארטיי־ריינינונג.

7טער מאַי. געלאזן דעם טשעליאבינסקער טראקטער־זאוואד.

20טער יוני. געעפנט דעם ווייסיאמיש־באלטישן קאנאל.

5-3טער יולי. אונטערגעשריבן די קאנווענץ וועגן באשטימען די אגרעסיע צווישן סאוועטן־פארבאנד אפגאניסטאן, עסטלאנד, פוילן, רומעניע, טערקיי, טשעכאסלאוואקיע, יוגאסלאוויע, לעטלאנד און ליטע.

15טער יולי. געלאזן אין גאנג דעם אוראלער זאוואד פון שווערער מאשינען־בויאונג.

28טער יולי. איינגעשטעלט דיפלאמאטישע באציאונגען מיט שפאניע.

30טער סעפטעמבער. דער סטראטאסטאט „סאוועטן־פארבאנד" האט זיך אויפגעהייבן אויף 19 טויזנט מעטער. פארענדיקט דעם אווטא־דורכלויף אין דער וויסטע קאראקום.

16טער נאָוועמבער. די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָבן אָנערקענט סאָוועטן-פּאַרבאַנד.

דעצעמבער. פּאַרגעקומען דער 13טער פּלענום פונ׳ם קאָ-מינטערן אויספּירקאָם.

1934 יאָר

26טער יאַנואַר — 10טער פעברואַר. פּאַרגעקומען דער 17טער צוזאַמענפאָר פון אַל. ק. פּ. (ב) — דער צוזאַמענפאָר פון אויסבויען די אָנקלאַסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין סאָוועטן-פּאַרבאַנד.

30טער יאַנואַר. דער סטראַטאָסטאַט „אָסאָאַוויאַכים" האָט זיך אויפגעהויבן אויף 22 טויזנט מעטער.

7טער מאַי — ביראָ-בידזשאַן פּראָקלאַמירט אַלס אַ אידישע אויטאָנאָמע געגנט.

9טער יוני. איינגעשטעלט דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע.

20טער יוני. באַשלוס פון צ. א. ק. וועגן ליקווידירן דעם רעוומיליטאַראַט און דעם פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר׳ן מיליטער און ים-ענינים און אַנרופן אים פאָלקאָמאַט פאַר לאַנד-שוץ.

10טער יולי. באַשלוס פון צ. א. ק. וועגן גרינדן אַן אַל-פּאַרבאַנדישן פאָלקאָמאַט פאַר אינערליכע ענינים און איינ-שליסן אין זיין באַשטאַנד די א. ג. פּ. או.

23טער יולי. איינגעשטעלט דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט בולגאַריע.

17טער אויגוסט—11טער סעפּטעמבער. פּאַרגעקומען דער אַל-פּאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייבער.

5-6טער סעפּטעמבער. דער פּלענום פון וו. צ. ס. פּ. ס. וועגן איבערבויען די פּראָפּאַראיינען.

8טער סעפּטעמבער. סאָוועטן-פּאַרבאַנד איז אַריינגעטראָטן אין דער פעלקער-ליגע.

28טער סעפּטעמבער. געלאָזן אין גאַנג דעם קראַמאַטאָרס-קער זאַוואָד.

1טער דעצעמבער. אַ שונא פון דעם אַרבעטער לאַנד דערמאָרדעט אין לענינגראַד דעם חבר סערגיי קיראָוו, סעקרעטאַר פון צענטראַל און לענינגראַדער קאָמיטעט פון דער אַלפּאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

18טער דעצעמבער. געעפנט דער ערשטער קאָנגרעס פון די סאָוועטן אין ביראָ-בידזשאַן; דערוויילט די ערשטע רעגירונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

1935 יאָר

1טער יאַנואַר. דער ערשטער טאָג פון פרייען ברויט-פאַרקויף אָן קאַרטלעך.

7טער פעברואַר. דער 7טער סאָוועטן-צוזאַמענפאָר טראָגט אַריין גרויסע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע פון פּסר"ר וועגן דעמאָקראַטיזירן די וואַל-סיסטעם און איינפירן גלייכע, דירעקטע און פאַרמאַכטע וואַלן.

17טער פעברואַר. דער צווייטער אַלפּאַרבאַנדישער צוזאַ-מענפאָר פון קאָלווירטניקעס-שלאָגלערס האָט איבערגענומען דעם מוסטער-סטאַטוט פון לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרטעל.

23טער מערץ. פאַר אַריבערשטייגן די פּראָדוציר-פּראָגראַם פון 1934טן יאָר און פאַר די דערפּאָלגן אינ׳ם באַהערשן די טעכניק האָט דער צא"ק פון פּסר"ר באַלוינט אַ גרופּע טוערס פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע מיט אָרדענס.

13טער אַפּריל. דאָס גאַנצע לאַנד באַצייכנט דעם יאָרטאָג פון דער רומפּולער טשעליוסקין-עפּאָפּייע.

2טער מאַי. אונטערגעשריבן אין פּאַריז אַ פּאַקט וועגן קעגנזייטיקער הילף צווישן פראַנקרייך און סאָוועטן-פּאַרבאַנד.

4טער מאַי. חבר סטאַלין איז אַרויסגעטראָטן אויפן אַרויס-לאָז פון די אַקאַדעמיקער פון דער רויטער אַרמיי מיט אַ היס-טאָרישער רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז קאַדרען אַנטשיידן אַלץ.

7טער מאַי. די אַרבעטנדיקע פון פּסר"ר האָבן פייער-לעך באַצייכנט דעם ערשטן יאָרטאָג זינט ס׳איז פּראָקלאַ-מירט געוואָרן די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ביראָ-בידזשאַן.

15טער מאַי. אָנגעהויבן פונקציאָנירן דער מאָסקווער מעטראָפּאָליטען (סאַבוויי). דער שענסטער מעטראָפּאָליטען אין דער וועלט. 250 בויער פון מעטראָ זיינען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און גראַמאָטעס.

30טער מאַי. געלאָזט דעם דניעפּראָווער אַליומין-קאָמבי-נאַט, דעם מעכטיקסטן אַליומין-זאַוואָד אין דער וועלט. דער איינער זאַוואָד גיט 20 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַליומין-פּראָדוקציע אין דער וועלט.

5טער יוני. מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד האָט קיעוו, די הויפּט-שטאָט פון סאָוועטן-אוקראַינע, געפייערט דעם 15טן יאָרטאָג, זינט זי איז באַפרייט געוואָרן פון די פּוילישע אינ-טערווענטן. די שטאָט האָט שעמערירט פון בלומען און פאָנען, געהילכט פון מוזיק און געזאַנג און די באַפעלקערונג האָט געטאַנצט אין די גאַסן.

17טער יוני. 6 פּאַראַשוטיסטקעס אין עלטער פון 20-23 האָבן איינגעשטעלט אַ וועלט-רעקאָרד, אַראָפּשפּרינגענדיק פון אַ הויך פון 7035 מעטער אָן זויער-שטאָף-מאַכשירים.

6טער יולי. דער בודזשעט פון מלוכה׳שער סאָציאַלער סטראַכירונג אויפ׳ן 1935 יאָר איז באַשטעטיקט געוואָרן אין אַ סומע פון 6 מיליאַרד מיט 79 מיליאָן רובל. די געלט פונ׳ם סאָצסטראַך וועלן אויסגעגעבן אויף מעד-הילף, פּענסיע, אָפּרו-הייזער, קוראָרטן, אויף באַדינען די קינדער פון די פאַר-סטראַכיסטע א. ד. גל.

10טער יולי. באַשלוס פון ראַטפאָלקאָם און צ. ק. און ק. פּ. (ב) וועגן גענעראַל-פּלאַן צו רעקאָנסטרואירן מאָסקווע לויט׳ן דאָזיקן פּלאַן דאַרף מאָסקווע ווערן די שענסטע שטאָט אין דער וועלט, אַ ווירקלעכע שטאָט פון סאָציאַליזם, פרייד, גליק און פון העכסטער מענטשלעכער קולטור.

22טער אויגוסט. 30 רייטערס קאָלווירטניקעס פון טורק-מעניע זיינען געקומען צו רייטן פון אַקבאַבאַד אין מאָסקווע דורך די זאַמדן פון קאַראַקום האָבן זיי געבראַכט אין קרעמל די פאָן פון ברידערלעכקייט פון די פעלקער פון פּ. ס. ר. ר. און אַ גרוס פון דער באַפרייטער טיורקמעניע וואָס האָט אויפ-געוואַכט צו אַ פאַרמעגלעך, קולטורעל און פריידיק לעבן.

30טער אויגוסט. דער קוילן-האַקער אַלעקסיי סטאַכאַנאָוו האָט איינגעשטעלט אַן אַלפּאַרבאַנדישן רעקאָרד פון קוילן-אַרויסבאַקום און אויסגעהאַקט 102 טאָן קוילן.

5טער סעפּטעמבער. דער אינגסטער פון די דריי אידישע ראַיאָנען אין אוקראַינע — סטאַלינדאָרף האָט געפייערט זיין 5 יאָריקן יובילי. 4000 געסט פון מאָסקווע און טיפליס, פון לענינגראַד און כאַרקאָוו, פון דנעפּראָפּעטראָווסקער זאַוואָדן און קריוואָראָגער שאַכטעס, שרייבער, אינזשענערן, אַרבעטער און קאָלווירטניקעס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויפ׳ן יום-טוב.

26טער סעפּטעמבער. זיך געעפנט אין כאַרקאָוו דער פּאַלאַץ פאַר פּיאָנערן און אָקטיאַבערלעך מיט הונדערטער צימערן, מיט אַן אייגענער עלעקטראָ-סטאַנציע, אויטאָמאַטישער טעלעפאָן-סטאַנציע, אָבזערוואַטאָריע, טעאַטער, אָרקעסטער, באַלעט.

יאַ די סאָוועטישע באַגאַבטע קינדער קאָנען אַלזייטיק אַנטוויקלען זייערע טאַלאַנטן.

28טער אָקטאָבער. דער אייזשפאַלטער „סאַדקאָ” זיך אומגעקערט קיין אַרכאַנגעלסק פון זיין הערא׳ישן מאַרש אין דער אַרקטיק, וואו ער האָט דורכגעפירט אין משך פון 3 חדשים אַ קאָלאָסאַלע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף צו באַפרייען די וואַסערן און די ריכטימער פון דער אַרקטיק פון דער אייזגעפענקשאַפט און דער ערשטער אין דער וועלט דערגרייכט די ברייט 84,41 גראַד.

10טער נאָוועמבער. די שלאַגלערס פינף הונדערטלערנס פון די בורעקעס פעלדער אין שפיץ מיט מאַריע דעמטשענקאַ זיינען אויפגענומען געוואָרן דורך די חברים סטאַלין, מאָלאָטאָוו, קאַגאַנאָוויטש, וואָראָשילאָוו, מיקאָליאַן און אַנדערע 39 פינף־הונדערטלערנס זיינען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס.

